STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01260

RUDIN

Ivan Sergeevich Turgenev

Permanent preservation of this book was made possible
by Frederick & Dione Goldin
in memory of
Samuel & Pauline Goldin and Lester & Lillian Rakita

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ס. טורגעניעוו

רודין

יידיש: אברהם זאק

ווארשע * 1923 *

י. ס. טורגעניעוו

I

געווען אַ שטילער זומער־פֿרימאָרגן. די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך אויפֿן ריינעם הימל, אָבער די פֿעלדער האָבן נאָך געגלאַנצט מיט טוי; פֿון די נישט־לאַנג אויפֿגעוואַקסטע טאָלן האָט געווייט מיט דופּטיקער פֿרישקייט און אין דעם פֿייכטן און נישט־רוישיקן וואַלד האָבן פֿריילעך געזונגען די פֿריִאיקע פֿייגעלעך. אויפֿן שפּיץ פֿון אַ שפּועדיקן היגל, וואָס איז פֿון אויבן ביז אונטן באַדעקט מיט נאָר־וואָס צובליטן קאָרן, האָט זיך געזען נישט קיין גרויס דערפֿל. צו דעמדאָזיקן דערפֿל איז איבער אַ שמאָל שטעגעלע געגאַנגען אַ יונגע פֿרויענצימער, אין אַ ווייס־מאַרקיזעטן קלייד, אין אַ רונדן שטרויענעם הוט און מיט אַ שירעם אין האַנט. פֿון ווייטנס איז איר נאָכגעגאַנגען אַ קאַזאַק — איר דינער־יונג.

זי איז געגאַנגען נישט געאײַלט און גלײַך ווי זי וואָלט זיך געקוויקט מיטן שפּאַציר. אַרום, איבערן הויכן זיך וויגנדיקן קאָרן, זײַנען מיט אַ לײַכטן רויש געלאָפֿן לאַנגע כוואַליעס דאָ אין זילבער־גרינע, דאָ אין רויטלעכע שפּרענקעלעך; אין דער לופֿטן האָבן לערכעס געהילכט. די יונגע פֿרויענצימער איז געגאַנגען פֿון איר אייגענעם דאָרף, וואָס איז געלעגן נישט מער ווי אַ האַלב ווערסט פֿונם דערפֿל, וווּהין זי האָט זיך איצט געלאָזט גיין; גערופֿן האָט מען זי א ל ע ק ס אַ נ ד ר א פּ אַ וו ל אָ וו נ אַ ל י פּ י נ אַ. זי איז געווען אַן אַלמנה, אָן קינדער און אַ גאַנץ רײַכע, האָט געוווינט צוזאַמען מיט איר ברודער, אַ

געוועזענער שטאַב־ריטמייסטער, ס ע ר ג י י פ אַ ו ו ל י ט ש וו אָ־ל י נ צ ע ו. ער איז געווען נישט קיין באַווייבטער און האָט פאַר־וואַלטעט מיט איר גוט.

אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונאַ איז דערגאַנגען ביזן דערפל, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער כאַטקע, אַ זייער אַלטע און נידעריקע, און, צורופנדיק איר קאַזאַקל, האָט זי אים געהייסן אַריינגיין אינעווייניק און פרעגן וועגן געזונט פון דער בעל־הביתטע. ער האָט זיך באַלד אומגעקערט אין דער באַגלייטונג פון אַ פאַר־עלטערטן פויער מיט אַ ווייסער באָרד.

— נו, וואָס? — האָט געפרעגט אַלעקסאַנדרא פאַוולאָוונאַ.

— לעבט נאָך... — האָט אַרויסגערעדט דער זקן.

— מען קאָן אַריינגיין?

— פאַרוואָס נישט? מ׳קאָן.

אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונא איז אַריין אין שטוב. דאָרט איז געווען ענג, און הייס, און רויכיק... עמיצער האָט זיך אַ ריר געטאָן און גענומען קרעכצן אויף דער „לעזשאַנקע״. אַלעקסאַנדרא פאַוולאָוונא האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען אין דער האַלב־פינסטערניש דעם געלן און צוקנייטשטן קאָפּ פון דער זקנה, וועל־כער איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ קראַטן־טיכל. די זקנה איז געווען איבערגעדעקט ביז צום האַלז מיט אַ גראָבן „אַרמיאַק״. זי האָט שווער געאָטעמט און אירע מאָגערע הענט זיינען געווען מאַכטלאָז פאַנאַנדערגענומען.

אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונא האָט זיך דערנענטערט צו דער זקנה און זיך צוגערירט מיט די פינגער צו איר שטערן... ער האָט אַזוי געברענט!

— ווי פילסטו זיך, מאַטרענאַ? — האָט זי געפרעגט, אָנ־בויגנדיק זיך איבער דער „לעזשאַנקע״.

— אָ—אָך! — האָט אַ קרעכץ געטאָן די אַלטע, קוקנדיק אויף אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונא. — שלעכט, שלעכט, טייערע! גע־קומען די צייט צו שטאַרבן, מיין טייבעלע!

— גאָט איז אַ בעל רחמים, מאַטרענע: קאָן זיין, דיר וועט

בעסער ווערן. האָסט איינגענומען די רפואות, וואָס כ'האָב דיר געשיקט?

די זקנה האָט אומעטיק אַ זיפּץ געטאָן און האָט נישט געענטפערט. זי האָט די פראַגע נישט דערהערט.

— האָט איינגענומען — האָט אַרויסגערעדט דער זקן, אָפּשטעלנדיק זיך ביי דער טיר.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא האָט זיך צו אים געווענדט.

— אַחוץ דיר איז נעבן איר קיינער נישטאָ? — האָט זי געפרעגט.

— פֿאַראַן אַ מיידעלע — איר אייניקל, אָבער אָט קריכט זי אַלץ אַוועק. זי זיצט נישט איין: אַזאַ פֿליערקע. אַביסל וואַסער דערלאַנגען דער באָבען אויסצוטרינקען — איז זי דאָס אויך פֿויל. און איך אַליין בין אַלט: ווי קום איך!

— זאָל מען זי אפשר איבערפירן צו מיר אין שפּיטאָל?

— ניין! צוואָס אין שפּיטאָל? אַלצאיינס דאַרף שטאַרבן. גענוג געלעבט; אַפּנים, אַזוי איז דער רצון פֿון גאָט. פֿון „לעזשאַנקע" וועט זי נישט אַראָפּגיין. ווי קומט זי אין שפּיטאָל! מ'וועט זי נעמען אויפהויבן, וועט זי שטאַרבן.

— אָך, — האָט אַ קרעכץ געטאָן די אַלטע: ליכטיקע האַרנטע, מיין יתומהלע פֿאַרלאָז נישט; אונזערע האַרן זיינען ווייט, און דו...

די זקנה איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט גערעדט איבער די כחות.

— זיי רויק, — האָט אַרויסגעמורמלט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא: — אַלץ וועט געמאַכט ווערן. אָט האָב איך דיר געבראַכט טיי און צוקער. אַז דיר וועט זיך פֿאַרוועלן, טרינק... אַ סאַמאָוואַר האָט איר דאָך? — האָט זי צוגעגעבן, אַ קוק טוענדיק אויפֿן אַלטן.

— אַ סאַמאָוואַר? קיין סאַמאָוואַר האָבן מיר נישט, אָבער מ'קאָן קריגן.

— טאַ קריג; וועל נישט, וועל איך שיקן מיינעם. הייס

זשע דעם אייניקל, זי זאָל נישט אָפּטרעטן. זאָג איר, אַז ס׳איז אַ חרפּה און אַ שאַנד.

דער אַלטער האָט גאָרנישט געענטפערט און דאָס פּאַפּיר מיטן טיי און צוקער האָט ער גענומען אין ביידע הענט.

— נו, זיי געזונט, מאַטרענאַ! — האָט אַרויסגערעדט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ:—כ׳וועל נאָך קומען צו דיר, און דו טרויער נישט, און נעם איין די רפואות, פּינקטלעך...

די זקנה האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַ צי געטאָן צו אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ.

— גיב, האַרנטע, דיין הענטל, — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט איר די האַנט נישט געגעבן, האָט זיך איבערגעבויגן און אַ קוש געטאָן זי אין שטערן.

— געדענק זשע, — האָט זי אַוועקגייענדיק געזאָגט דעם אַלטן: — רפואות גיט איר אומבאַדינגט, ווי ס׳איז אָנגעשריבן. און טיי דערלאַנגט איר צום טרינקען...

דער זקן האָט ווידער גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך נאָר אַ בייג געטאָן.

אויף דער פרייער לופט האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ פריי אָפּגעזיפצט. זי האָט געעפנט דעם שירם און געהאַט געוואָלט אַהיים גיין, אָבער פּלוצלונג איז פון הינטערן הייזל אַרויסגעפאָרן אויף אַ נידעריקער לייכטער ברישקע אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, אין אַן אַלטן פּאַלטאָ פון גרויען געוואַנט און אין אַזאַ היטל. דערזעענדיק אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ, האָט ער גלייך אָפּגעשטעלט דאָס פערד און זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים. אַ ברייטס, אָן אַ פאַרב, מיט קליינע בלאַס-גרויע אויגעלעך און ווייסלעכע וואָנסן, איז זיין פּנים ענלעך געווען צום קאָליר פון זיינע מלבושים.

— גוט מאָרגן, — האָט ער אויסגערעדט מיט אַ פויל שמייכעלע: — וואָס אַזוינס טוט איר עפּעס דאָ, דערלויבט צו וויסן?

— איך האָב מבקר חולה געווען אַ קראַנקע... און איר פון וואַנען, מיכיילאָ מיכיילי́טש?

דער מענטש, וואָס מ׳האָט גערופן מיכיילאָ מיכיילי́טש, האָט

איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן און ווײַזער אַ שמייכל געטאָן.

— דאָס טוט איר זייער גוט, — האָט ער ווייטער געזאָגט: — וואָס איר זייט מבקר חולה די קראַנקע; אָבער צי איז פאַר אייך נישט גלייכער זי איבערצופירן אין שפּיטאָל?

— זי איז צו שוואַך: מ׳טאָר זי נישט רירן.

— און אייער שפּיטאָל האָט איר נישט בדעה צו פאַרניכטן?

— פאַרניכטן? צו וואָס?

— אַזוי.

— וואָס פאַר אַ מאָדנער געדאַנק! פון וואָס איז עס אייך אויפן זינען געקומען?

— איר קענט זיך דאָך אַלץ מיט דער לאַסונסקאַ און געפינט זיך, דוכט, אונטער איר השפּעה. און נאָך אירע ווערטער זיינען שפּיטאָלן, שולן — אַלץ שטותערייען, נישט-נויטיקע דערפינדונגען. וווילטעטיקייט דאַרף זיין אַ פּריוואַט-זאַך, בילדונג אויך דאָס-זעלביקע: דאָס זיינען אַלץ זאַכן פון דער נשמה... אַזוי, דוכט, דריקט זי זיך אויס. ווען נגון זינגט זי דאָס, וואָלט איך אַ בעלן געווען צו וויסן?

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט זיך צולאַכט.

— דאַריאַ מיכיילאָוונאַ איז אַ קלוגע פרוי. איך האָב זי זייער ליב און אַכט זי. אָבער אויך זי קאָן אַ טעות האָבן, און נישט יעדן וואָרט אירן גלויב איך.

— אויסגעצייכנט טוט איר, — האָט געענטפערט מיכיילאַ מיכיילִיטש, נישט אַראָפּקריכנדיק אַלץ פון בריטשקע: — דערפאַר, ווייל זי גלויבט אַליין שלעכט אין אירע ווערטער. כ׳בין זייער צופרידן, וואָס כ׳האָב אייך באַגעגנט.

— וואָס איז?

— אַ שיינע פראַגע! גלייך ווי נית שטענדיק וואָלט גע-ווען אַנגענעם אייך צו טרעפן! היינט זייט איר אַזוי פריש און ליב ווי דערדאָזיקער פרימאָרגן.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט זיך ווידער צולאַכט

— פֿאַרוואָס לאַכט איר?

— וואָס הייסט פֿאַרוואָס? ווען איר וואָלט געקאָנט זען מיט וואָס פֿאַר אַ פֿױלער און קאַלטער מינע איר האָט אַרויסגערעדט אייער קאָמפּלימענט! כ'וואונדער זיך, ווי אַזוי האָט איר ביים לעצטן וואָרט נישט אַ געגעץ געטאָן.

— מיט אַ קאַלטער מינע... איר דאַרפֿט נאָר פֿייער; פֿייערטויג אויף כּפּרות. ס'פּלאַמט־אויף, רויכערט־אָן און ווערט פֿאַרלאָשן.

— און וואַרימט אָן, — האָט אונטערגעכאַפּט אַלעקסאַנדראַ פּאַולאָוונאַ.

— יאָ... און בריט־אָפּ.

— נו, איז וואָס, אַז עס בריט־אָפּ! דאָס איז אויך נישט קיין אומגליק. אַלץ בעסער, איידער...

— און אָט וועל איך אַ קוק טאָן, וואָס וועט איר ריידן, אַז איר וועט כאָטש איין מאָל זיך גוט אָפּבריען, — האָט איר מיט פֿאַרדרוס איבערגעריסן מיכיילאָ מיכיילִיטש און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די לייצעס איבערן פֿערד. — זייט געזונט!

— מיכיילאָ מיכיילִיטש, שטייט אַ ווייל! — האָט אַ געשריי געטאָן אַלעקסאַנדראַ פּאַולאָוונאַ: — ווען וועט איר זיין ביי אונז?

— מאָרגן; גריסט אייער ברודער.

די ברישקע האָט זיך אַוועקגעלאָזט.

אַלעקסאַנדראַ פּאַולאָוונאַ האָט נאָכגעקוקט מיכיילאָ מיכיילִיטשן.

„ס'אַראַ זאַק!" האָט זי אַ קלער געטאָן. אַן איינגעהויקערטער, אַ פֿאַרשטויבטער, מיטן היטל אויף דער פּאַטילניצע, פֿון אונטער וועלכן עס האָבן אין אומאָרדנונג אַרויסגעסטאַרטשעט פּאַסמעס געלע האָר, האָט ער באמת אויסגעזען ווי אַ גרויסער מעל־זאַק.

אַלעקסאַנדראַ פּאַולאָוונא האָט זיך שטיל אַוועקגעלאָזט צוריק אַהיים־וועגס. זי איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אַ נאָענטע טופּעריי פֿון אַ פֿערד האָט זי געצוווּנגען זיך אָפּצושטעלן און דעם קאָפּ אויפֿהויבן... איר אַנטקעגן איז געפֿאָרן רייטנדיק

איר ברודער; און איין ריי מיט אים איז געגאַנגען אַ יונגערמאַן פון נישט הויכן וווקס, אין אַ לייכטינקן מאַנטל פאַנאַנדערגעשפיליעט, אין אַ לייכטינקן האַלזטוך און אין אַ לייכטינקן גרויען הוט, מיט אַ שפּיץ־רוט אין דער האַנט. ער האָט שוין פריער געשמייכלט צו אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא, כאָטש ער האָט געזען ווי זי איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטע, גאָרנישט באַמערקנדיק, און ווי נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז ער צו איר צוגעגאַנגען און האָט פריידיק, כמעט צערטלעך, אַרויסגערעדט:

— גוט מאָרגן, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא, אַ גוט מאָרגן!

— אַ! קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש? גוט מאָרגן! — האָט זי געענטפערט. — איר גייט פון דאַריאַ מיכיילאָוונא?

— אַזוי גוט ווי יאָ, — האָט דער יונגערמאַן אונטערגעכאַפּט מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים: — פון דאַריאַ מיכיילאָוונא. דאַריאַ מיכיילאָוונא האָט מיך געשיקט צו אייך; כ׳האָב געפונען פאַר בעסער צו גיין צופוס... דער פרימאָרגן איז אַזאַ ווונדערבאַרער. אינגאַנצן אַ וויאָרסט פיר. איך קום צוגיין — איר זייט נישטאָ אין דערהיים. אייער ברודער האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַוועק קיין סעמיאָנאָווקע און אַליין קלייבט ער זיך אין פעלד: בין איך מיט אים אַוועק אייך אַנטקעגן; יאָ, ווי ס׳איז אַנגענעם!

דער יונגערמאַן האָט גערעדט רוסיש ריין און רעגלמעסיק, אָבער מיט אַן אויסלענדישער אויסשפּראַך, כאָטש ס׳איז שווער געווען צו באַשטימען מיט וועלכער דהיינו. אין די שטריכן פון זיין פּנים איז געווען עטוואָס אַזיאַטישעס. אַ לאַנגע געבערגלטע נאָז, גרויסע אומבאַוועגלעכע אויגן אַרויסגעסטאַרטשעט, פולע רויטע ליפּן, אַ קיילעכדיקער שטערן, פּעך־שוואַרצע האָר, — אַלץ אין אים האָט עדות געזאָגט אויף זיין מזרח־אָפּשטאַמונג, אָבער דער יונגערמאַן האָט מיט דער פאַמיליע געהייסן פּאַנדאַלעווסקי און זיין היים האָט ער אָנגערופן אָ ד ע ס, כאָטש ער האָט זיך ערצויגן ערגעץ־ווו אין ווייס־רוסלאַנד, אויפן חשבון פון אַ וווילטעטיקער און רייכער אלמנה. אַ צווייטע אלמנה האָט פאַר אים אויסגעפונען אַ פּאָסטן. בכלל האָבן מיטליעריקע דאַמען גערן געזאָרגט פאַר קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש: ער האָט געוווּסט וואָס ביי־

זיי צו זוכן און וואָס צו געפינען. ער האָט זיך אויף אַצינד אויס־געהאַלטן ביי דער רייכער פּריצטע דאַריאַ מיכיילאָוונא לאַסונסקאַ אַלס פּלעג־קינד, אָדער סתּם אויף חסד־ברויט. ער איז געווען זייער פריינטלעך, דינסטגרייט, פילבאַר און אין געהיים אַן עולם־הזהניק. ער האָט פאַרמעגט אַן אנגענעמע שטים, האָט נישקשהדיק געשפּילט קלאַוויר און געהאַט אַ טבע, בעתןריידן מיט וועמען עס איז, אַריינדרינגען אין יענעמס אויגן. אַנגעטאָן האָט ער זיך זייער זויבער. מלבושים האָט ער געטראָגן זייער לאַנג, האָט זאָרגפעל־טיק געראַזירט זיין ברייטן קין, צוגעקעמט אַ האָר צו אַ הערל.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא האָט אויסגעהערט זיינע רייד ביזן סוף און זיך געווענדט צום ברודער:

— היינט האָב איך כּסדר באַגעגעניש: ערשט נישט לאַנג האָב איך גערעדט מיט לעזשנעוון.

— אַ, מיט אים! ער איז ערגעץ געפאָרן?

— יאָ; און שטעל זיך פאָר, אויף אַ לייכטער בריטשקע, אין עפּעס אַ לייוונטענעם זאַק, איינגאַנצן אין שטויב... ס׳אַראַ מאָדנער נפש!

— יאָ, אפשר; אָבער ער איז אַ ווילער מענטש.

— ווער? דער הער לעזשנעוו? — האָט געפרעגט פּאַנדאַ־לעווסקי, גלייך ווי פאַרוואונדערט.

— יאָ, מיכיילאָ מיכייליטש לעזשנעוו, — האָט וואָלינצעוו געענטפערט. — פונדעסטוועגן, זיי געזונט, שוועסטער: שוין צייט צו פאָרן אין פעלד; ביי דיר זייט מען גריקע. דער הער פּאַנדאַ־לעווסקי וועט דיך באַגלייטן אַהיים...

און וואָלינצעוו האָט געלאָזט די פערד אין גאַלאָפּ.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט אויסגעשריִען קאָנסטאַנ־טין דיאָמידיטש און אויסגעצויגן צו אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא די האַנט.

זי האָט אים דערלאַנגט איר האַנט, און ביידע האָבן זיך פאַרקערט אַוועקגעלאָזט איבערן וועג צו איר הויף.

דאָס פירן אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא אונטערן אָרעם האָט אָפּנים פאַרשאַפט גרויס הנאה קאָנסטאַנטין דיאָמידיטשן; ער איז

בעגאַנגען מיט קליינינקע טריט, האָט געשמייכלט, און די מורח=
אויגן זיינע האָבן זיך אפילו באַדעקט מיט אַ פייכטקייט, וואָס
ס'האָט זיך, איבריגנס, נישט זעלטן מיט זיי געטראָפן: קאָנסטאַנטין
דיאָמידיטשן איז גאָרנישט שווער געווען צו ווערן גערירט און
פאַרגיסן אַ טרער. און ווען וואָלט נישט געווען אנגענעם צו
פירן אונטערן אָרעם אַ שיינע פרויענצימער, אַ יונגע און שלאַנקע?
וועגן אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָווגא האָט די גאַנצע ...ער גובערניע
איינשטימיק גערעדט, אַז זי איז אַ שיינהייט, און ...ער גובערניע
האָט זיך נישט טועה געווען. בלויז איר גלייך, קים-קוים פאַר=
ריסן נעזל האָט געקאָנט אַראָפפירן פון זינען אַ יעדן שטערבלעכן,
שוין נישט ריידנדיק וועגן אירע סאַמעטענע ברוינע אויגן, גאָלד=
בלאָנדע האָר, חן=גריבעלעך אויף די רונדע בעקלעך און אַנדערע
פרעכטיקייטן. נאָר בעסער פון אַלץ איז אין איר געווען דער אויס=
דרוק פון איר ליבלעכן געזיכט: אַ צוטרויעלעכעס, גוטמוטיקעס און
צערטלעכעס, האָט עס אַי גערירט, אַי צוגעצויגן. אַלעקסאַנדראַ פּאַוו=
לאָוונא האָט געקוקט און געלאַכט, ווי אַ קינד; שטאָלצע דאַמען
האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ זייער פשוטע... וואָס קאָן מען נאָך
מער פאַרלאַנגען?

— אייך האָט געשיקט צו מיר דאַריאַ מיכיילאָוונאַ, זאָגט
איר?—האָט זי געפרעגט פאַנדאַלעווסקין.

— יאָ, יאָ, זי האָט געשיקט,—ענטפערט ער, אַרויסריידנ=
דיק דעם בוכשטאַב „ס" ווי דעם ענגלישן th:—זיי פאַרלאַנגען
אומבאַדינגט און האָבן געהייסן אייך גוט בעטן, איר זאָלט באַ=
וויליקן היינט צו זיי אויף מיטאָג... זיי (בעת פאַנדעלעווסקי
האָט גערעדט וועגן אַ דריטער פערזאָן, בפרט וועגן אַ דאַמע,
האָט ער זיך שטרענג געהאַלטן אָן מערצאָל):—עס דאַרף צו
זיי קומען אַ נייער גאַסט, מיט וועלכן זיי ווילן אייך דורכ=
אויס באַקענען.

— ווער איז עס?

— איינער מופעל, אַ באַראָן, אַ קאַמער-יונקער פון
פעטערבורג. דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָבן זיך נישט לאַנג מיט אים
באַקענט ביים פירשט גאַרין און רופן זיך אָפּ וועגן אים מיט

גרויס שבת, ווי וועגן אַ ליבן און געבילדעטן יונגנמאַן. דער
הער באַראָן פאַרנעמען זיך אויך מיט ליטעראַטור, אָדער, בעי
סער געזאָגט... אָך, ס'אַראַ פּרעכטיקער שמעטערלינג! דערלויבט
מיר צו ווענדן אייער אויפמערקזאַמקייט... בעסער געזאָגט, מיט
פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן
עפּעס זייער אַן אינטערעסאַנטער פראַגע—און ער וויל אַז דאַריאַ
מיכיילאָוונאַ זאָל זיך וועגן אים אַרויסזאָגן.

— אַ פּאָליטיש-עקאָנאָמישן אַרטיקל?

— פון שפּראַך-שטאַנדפּונקט, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ, פון
שפּראַך-שטאַנדפּונקט. אייך איז, מיין איך, באַוווּסט, אַז אויך
אויף דעם איז דאַריאַ מיכיילאָוונאַ אַ מבינטע. זשוקאָווסקי האָט
זיך מיט זיי מישב געווען, און מיין וווילטעטער, וואָס האָט
געוווינט אין אָדעס, דער גוטהאַרציקער זקן ראָקסאָלאַן מעדיאַראָ-
וויטש קסאַנדריקאַ... אייך איז, אוודאי, באַוווּסט דער נאָמען
פון דערדאָזיקער פּערזאָן?

— קיין אַנונג, כ'האָב אַפילו קיינמאָל נישט געהערט.

— איר האָט נישט געהערט וועגן אַזאַ פּערזענלעכקייט?
וווּנדערבאַר! איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז אויך ראָקסאָלאַן מע-
דיאַראָוויטש איז שטענדיק געווען פון גוטער מיינונג וועגן
דאַריאַ מיכיילאָוונאַס קענטעניש אין דער רוסישער שפּראַך.

— איז נישט קיין פּעדאַנט דערדאָזיקער באַראָן?—האָט
אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט.

— אַ ניין, ניין; דאַריאַ מיכיילאָוונאַ דערציילן, אַז,
אדרבא, ס'זעט זיך אין אים גלייך אַרויס אַ וועלטלעכער מענטש.
וועגן בעטהאָווענען האָט ער גערעדט אַזוי שיין, אַז אַפילו דער
אַלטער פירשט איז געוואָרן באַגייסטערט... כ'בין זיך מודה,
אַז דאָס וואָלט איך אַליין געוואָלט הערן: ס'איז דאָך מיין
געביט. דערלויבט מיר איך פאַרצוליגן דאָס דאָזיקע הערלעכע
פעלד-בלימל.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט גענומען דאָס בלימל, און
אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, האָט זי אים אַראָפּגעלאָזט אויפן וועג...
ביז צו איר שטוב איז געבליבן אַ צוויי הונדערט טריט, נישט

מער. אַ נישט־לאַנג אויסגעבויטע און אויסגעווייסטע, האָט די שטוב פריינטלעך אַרויסגעקוקט מיט אירע ברייטע, ליכטיקע פענסטער פון געדיכטן גרינס פון אַלטע־אַלטע לינדעס און קליאַנעס.

— נו, וואָס זשע וועט איר באַפוילן צו איבערגעבן דאַריאַ מיכײלאָוונאַ, — האָט פאַנדעלעווסקי גענומען ריידן, אַביסל אַ באַלײדיקטער דורכן גורל פון זיין אונטערגעטראָגענעם בלימל: — וועט איר באַווייזן צו מיטאָג? אויך אייער ברודער בעטן זיי.

— יאָ, מיר וועלן קומען צו פאָרן, אומבאַדינגט. און וואָס מאַכט נאַטאַשאַ?

— נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונא, זיינען, גאָט צו דאַנקען, געזונט... אָבער מיר זיינען שוין פאַרבייגעגאַנגען דעם שייד־וועג צו דאַריאַ מיכײלאָוונאַס גוט. דערלויבט מיר זיך צו געזעגנען.

אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט.—

— און איר ווילט גאָרנישט אַרייַנגיין צו אונז? — האָט זי מיט אַן געפרעגט אומאַנטשלאָסענער שטים.

— כ׳וואָלט האַרציק געוואָלט, נאָר כ׳האָב מורא צו פאַרשפעטיקן. דאַריאַ מיכײלאָוונאַ ווילט זיך הערן טאַלבערגס נייעם עטיוד: דאַרף מען זיך צוגרייטן און אויסלערנען. אגב, כ׳בין זיך מודה, כ׳צווייפל, מיין שמועס זאָל אייך פאַרשאַפן אַ וועלכן ניי שט איז פאַרגעניגן.

— אַך ניין... פאַרוואָס זשע...

פאַנדאַלעווסקי האָט אַ זיפץ געטאָן און אויסדריקלעך אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— צום ווידערזען, אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונא! — האָט ער, שווייגנדיק אַ ווייל, אַרויסגערעדט, זיך פאַרנייגט און אָפּגעטראָטן אַ טריט צוריק.

אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונא האָט זיך אַרויסגעדרייט און איז אַוועק אַהיים.

קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש האָט זיך אויך אַוועקגעלאָזט אין זיין וועג. פון זיין געזיכט איז גלייך די גאַנצע זיסקייט פאַרשוווּנדן: ס׳האָט זיך אויף אים באַוויזן אַ זעלבסטזיכערער, כמעט

שטריינגער אויסדריק. אפילו קאָנסטאַנטין דיאָמידיטשעס גאַנג האָט זיך געביטן: ער האָט אַצינד אי געשפּרייזט ברייטער, אי געטראָטן שווערער. ער איז אָפּגעגאַנגען אַ וויאָרסט צוויי, פאָכענדיק פריי מיטן שטעקל, און פּלוצלונג האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט: ער האָט נעבן וועג דערזען אַ יונג, גאַנץ חנעוודיק פּויעריש מיידל, וואָס האָט אַרויסגעטריבן קעלבער פונם האָבער. קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש איז פּאָרזיכטיק, ווי אַ קאָטער, צוגעגאַנגען צום מיידל און האָט מיט איר אָנגעהייבן צו ריידן. יענע האָט לכתחילה געשוויגן, זיך געכמוטלט און געלאַכט, לסוף האָט זי פאַרדעקט מיטן אַרבל די ליפּן, האָט זיך אָפּגעקערט און אַרויסגעמורמלט:

— גיי זיך, פריץ, כ'לעבן...

קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש האָט איר אַ דראָצע געטאָן מיטן פינגער און איר געהייסן אים ברענגען קאָרן־בלימלעך.

— צו וואָס דאַרפסטו קאָרן־בלימלעך? קרענץ פלעכטן, צי וואָס? — האָט דאָס מיידל געענטפערט: — נו, גיי שוין אַוועק, כ'לעבן...

— הער נאָר, מיין ליב מיידעלע, — האָט קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש געהאַט אָנגעהייבן...

— נו, גיי, גיי — האָט דאָס מיידל אים איבערגעשלאָגן: — דאָרט גייען די פּריצישע קינדער.

קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש האָט זיך צערומגעקוקט. באמת: איבערן וועג זיינען געלאָפן וואַניאַ און פּעטיאַ, דאַריאַ מיכיילאָווונאַס זין; נאָך זיי איז געגאַנגען זייער לערער, באַסיסטאָוו, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, וועלכער האָט נאָר־וואָס געענדיקט דעם קורס. באַסיסטאָוו איז געווען אַ היפּש געוויקסיקער, מיט אַ פּראָסט פּנים, אַ גרויסע נאָז, גראָבע ליפּן און אייגעלעך ווי ביי אַ חזיר, נישט קיין שיינער און אַן אומגעשיקטער, אָבער אַ גוטער, ערלעכער און תמימותדיקער. אָנגעטאָן האָט ער זיך נאַכלעסיק, די האָר נישט געשוירן, — נישט מחמת פּאַצעטישקייט, נאָר פון פוילקייט; האָט ליב געהאַט אַן עס צו טאָן, האָט ליב געהאַט שלאָפן, אָבער ער האָט אויך ליב געהאַט אַ גוט בוך, אַ היציקן שמועס און מיטן גאַנצן האַרצן האָט ער פיינט

געהאַט פּאַנדאַלעווסקין.

דאַריאַ מיכײלאָװנאַס קינדער האָבן באַסיסטאָװן פֿאַרגעטערט און האָבן זיך שוין פֿאַר אים גאָרנישט מורא געהאַט; זײַן באַציונג צו אַלע איבעריקע אין שטוב איז געװען זײער אַ פּשוטהײמישע. װאָס ס'איז נישט שטאַרק געפֿעלן געװאָרן דער בעל־הביתטע, הגם זי האָט געהאַלטן אין אײן טענהן, אַז זי איז פֿרײַ פֿון פֿאָראורטײלן.

— גוט מאָרגן, מײַנע ליבינקע! — האָט אָנגעהײבן רײדן קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש: — װאָס גײט איר הײנט אַזױ פֿרי שפּאַצירן! און איך — האָט ער צוגעגעבן, װענדנדיק זיך צו באַסיסטאָװן: — בין שױן לאַנג אַרױסגעגאַנגען; מײַן תּאװה איז — זיך קװיקן מיט דער נאַטור.

— מיר האָבן געזען, װי איר קװיקט זיך מיט דער נאַטור, — האָט אַ ברום געטאָן באַסיסטאָװ.

— איר זײַט אַ מאַטעריאַליסט: באַלד קלערט איר שױן גאָט װײס װאָס. איך קען אײַך!

בעת פּאַנדאַלעװסקי האָט גערעדט מיט באַסיסטאָװן, אָדער מיט מענטשן ענלעכע צו אים, האָט ער זיך לײַכט אױפֿגערעגט און דעם בוכשטאַב „ס" האָט ער אַרױסגערעדט רײן, אַפֿילו מיט אַ קלײנינקן פֿײַף.

— װאָס, איר האָט, אפֿשר, בײַ דעמדאָזיקן מײדל געפֿרעגט דעם װעג? — האָט אַרױסגערעדט באַסיסטאָװ, דרײיענדיק מיט די אױגן רעכטס און לינקס.

ער האָט געפֿילט, אַז פּאַנדאַלעװסקי קוקט אים גלײַך אין פּנים אַרײַן, און דאָס איז אים געװען זײער נישט אָנגענעם.

— איך חזר איבער, איר זײַט אַ מאַטעריאַליסט און מער באָרנישט. איר װילט אין אַלץ דװקא זען אײן פּראָזאַישע זײַט...

— קינדער! — האָט פּלוצלונג באַסיסטאָװ אַ קאָמאַנדעװע געטאָן — איר זעט אױף דער לאָנקע אַ ראַקיטע: לאָמיר זען, װער װעט גיכער צו איר דערלױפֿן... אײנס! צװײ! דרײַ!

און די קינדער האָבן זיך מיט די גאַנצע כּחות געװאָרפֿן צו דער ראַקיטע. באַסיסטאָװ האָט זיך אַװעקגעלאָזט נאָך זײ

„אַ פּויער!” האָט אַ קלער געטאָן פּאַנדאַלעווסקי: — ער האָט קאַליע געמאַכט דידאָזיקע יינגלעך... אַן אמתער פּויער!”

און, אַ וואָרף טוענדיק הנאהדיק אַ בליק אויף זיין אייגענע ציכטיקע און שיינע פיגורל, האָט קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש צוויי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אויסגעשפּרייטע פינגער איבערן אַרבל פונם מאַנטל, האָט אַ טרייסל געטאָן דעם קאָלנער און זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער. אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער אָנגעטאָן אַן אַלטן כאַלאַט און מיט אַ פאַרזאָרגטן פּנים האָט ער זיך געזעצט ביים פּאָרטעפּיאַן.

II

דאָס הויז פון דאַריאַ מיכיילאָוונא לאַסונסקא האָט זיך גערעכנט שיר נישט פאַר דאָס ערשטע אין גאַנץ ...ער גובערניע. אַ ריזיקעס, אַ שטיינערנעס, געבויט לויט די צייכנונגען פון ר אַ ס ט ר ע ל י אין סטיל פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט עס זיך מאַיעסטעטיש דערהויבן אויפן שפּיץ היגל, וואָס ביי זיין צופוסנס האָט דורכגעפלאָסן איינער פון די גרעסטע טייכן פון מיטל-רוסלאַנד. דאַריאַ מיכיילאָוונא איז אַליין אַ מיוחסת, אַ רייכע פריצטע, אַן אלמנה נאָך אַ געהיים-ראַט. כאָטש פּאַנדאַלעווסקי האָט וועגן איר דערציילט, אַז זי קען גאַנץ אייראָפּע און אַז אויך אייראָפּע קען זי!—פונדעסטוועגן האָט אייראָפּע זי ווייניק געקענט; אפילו אין פּעטערבורג האָט זי קיין וויכטיקע ראָלע נישט געשפּילט; דערפאַר האָבן זי אַלע געקענט אין מאָסקווע און מ'פלעגט צו איר פאָרן. זי האָט געהערט צו דער העכסטער געזעלשאַפט און האָט געשמט פאַר אַ ביסל אַ משונהדיקע פרוי, אַ נישט-אינגאַנצן גוטע, נאָר אַ זייער קלוגע. אין דער יוגנט איז זי זייער שיין געווען. דיכטער האָבן איר לידער געשריבן, יונגעלייט האָבן זיך אין איר געליבט, חשובע לייט פלעגן זיך נאָך איר נאָכשלעפּן. אָבער פון יענער צייט איז שוין אַוועק אַ יאָר פינף-און-צוואַנציק-דרייסיק און פון דעם פריערדיקן גלאַנץ איז נישט געבליבן קיין שפּור. „איז זי דאָס—האָט אומגערן זיך געפרעגט איטלעכער, ווער ס'האָט זי געזען צום ערשטן מאָל:—איז זי דאָס, די-

דאָזיקע מאָגערע, געלע, שפּיצנאָזיקע און נאָך נישט־אַלטע פּרויענ־צימער געווען אַמאָל אַ יפת־תּואר? איז זי דאָס דיזעלבע, וועגן וועלכער לירעס האָבן געקלונגען?... און איטלעכער האָט זיך אין האַרצן געוווּנדערט אויף דער פאַרענדערלעכקייט פון אַלעם ערדישן. אמת, פּאַנזאַלעווסקי האָט געפונען, אַז ביי דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָבן זיך וווּנדערבאַר אָפּגעהיט אירע פּרעכטיקע אויגן. נאָר דערזעלבער פאַנדאַלעווסקי פּלעגט דאָך זאָגן, אַז גאַנץ אייראָפּע קען זי.

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ פּלעגט יעדן זומער קומען צופאָרן צו זיך אין דאָרף מיט אירע קינדער (דריי זיינען ביי איר געווען: די טאָכטער נאַטאַליאַ, אַ זיבעצן־יעריקע, און צוויי זין, פון צען און פון ניין יאָר) און האָט געלעבט אָפן, דאָס הייסט, זי פּלעגט אויפנעמען מענער, בפרט יונגעלייט, בחורים. די פּראָווינ־ציעלע דאַמען האָט זי נישט געקאָנט ליידן. דערפאַר האָט זי געהאַט אויסצושטיין פון דידאָזיקע דאַמען! דאַריאַ מיכיילאָוונאַ איז, לויט זייערע רייד, געווען אי שטאָלץ, אי אויסגעלאַסן, אי אַ מוראדיקער טיראַן; און דער עיקר—זי פּלעגט זיך דערלויבן אַזעלכע פרייקייטן אין ריידן, אַז—אַ שרעק! דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט באמת פיינט געהאַט זיך צו קוועלן אין דאָרף, און אין דער פרייער פּשטות פון איר האַלטן־זיך האָט זיך געמערקט אַ לייכטער סימן פון פאַראַכטונג ביי אַ רעזידענץ־לייבן צו די, וואָס רינגלען זי אַרום, גאַנץ טונקעלע און קליינלעכע נפשות... זי האָט זיך אויך מיט די שטאָטישע באַקאַנטע געהאַלטן זייער אומגעצוווּנגען, אפילו שפּאַסיק; נאָר אָן אַ סימן פון פאַראַכטונג.

אגב, לעזער: צי האָט איר באַמערקט, אַז דער מענטש, וואָס איז אויסערגעוויינלעך צושטרייט צווישן די, וואָס זיינען אים אונטערגעוואָרפן, איז קיינמאָל נישט צושטרייט מיט העכערע פּערזאָנען? פאַרוואָס איז עס אַזוי? נאָר אַזעלכע פראַגן פירן צו גאָרנישט.

אַז קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש האָט לסוף אויסגעחזרט טאַל־בערגס עטיוד, איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון זיין זויבער און פריי־לעך צימער אין אויפנאַם־זאַל. דאָרט האָט ער שוין געטראָפן

פאַרזאַמלט די גאַנצע שטוביקע געזעלשאַפט. דער ס אַ ל אָ ן האָט זיך שוין אָנגעהייבן. די בעל-הביתטע האָט זיך באַקוועם געמאַכט אויף אַ ברייטער קושעטקע, אונטערגערוקט אונטער זיך די פיס און אין די הענט האָט זי געקנייטשט אַ נייע פראַנצויזישע בראָשור; ביים פענסטער זיינען געזעסן איבער אַ האַפט-רעמל: פון איין זייט דאַריאַ מיכיילאָוונאַס טאָכטער, און פון דער צווייטער — m-lle Boncourt — די גוּווערנאַנטין, אַן אַלטע און טרוקענע בתולה פון אַ יאָר זעכציק מיט אַ בינטל שוואַרצע האָר אונטער אַ פאַרשיידנפאַרביקן הייבל און מיט וואַטע אין די אויערן; אין ווינקל, נעבן טיר, איז געזעסן באַסיסטאָוו און האָט געלייענט אַ צייטונג; נעבן אים האָבן פּעטיאַ און וואַניאַ זיך געשפּילט אין דאַמקע, און, צוגעטוליעט צום אויוון, די הענט פאַרלייגט הינטערן פלייצע, איז געשטאַנען אַ קליין-געוויקסיקער הער, אַ צעשויבערטער און גרויער, מיט אַ ברוין געזיכט און פלינקע שוואַרצע אויגעלעך — איינער אַ פ ר י ק אַ ן ס ע מ י אָ נ י ט ש פ י ג אַ ס אָ וו.

אַ מאָדנער מענטש געווען אָט דערדאָזיקער הער פּיגאַסאָוו. אַ בייזער אויף אַלץ און אַלעמען — בפרט אויף פרויען — האָט ער זיך געזידלט פון פרי ביז אָוונט, אַמאָל זייער שאַרפזיניק, אַמאָל גענוג טעמפּ, אָבער שטענדיק מיט תענוג. זיין אויפגערייצטקייט פלעגט דערגיין ביז קינדעריי; זיין געלעכטער, דער קלאַנג פון זיין שטים, זיין גאַנץ וועזן האָט אויסגעוויזן ווי דורכגעדרונגען מיט גאַל. דאַריאַ מיכיילאָוונאַ פלעגט גערן אויפנעמען פּיגאַסאָוון: ער האָט זי גוט געווײלט מיט זיינע המצאות. זיי זיינען באמת געווען זייער אַמיזאַנט. ער האָט געהאַט אַ ליידנשאַפט אַלץ צו מגזם זיין. למשל: ווען וואָס פאַר אַן אומגליק מ'זאָל פאַר אים נישט ריידן — האָט מען אים דערציילט, אַז אַ דונער האָט אונטערגעצונדן אַ דאָרף, אַז דאָס וואַסער האָט דורכגעריסן אַ מיל, אַז אַ פּויער האָט זיך מיט אַ האַק אַ פינגער אָפּגעהאַקט — שטענדיק האָט ער מיט צונויפגענומענער אַכזריות געפרעגט: — „און ווי רופט מען זי?“ — דאָס הייסט, ווי רופט מען יענע פרוי, וועלכע האָט גורם געווען יענץ אומגליק, ווייל, לויט זיין מיינונג, איז די פרוי די סיבה פון

יעדן אומגליק, מען דאַרף נאָר גוט אַהיינדרייענגען אין דער זאַך. איינמאָל האָט ער זיך געוואָרפן אויף די קני פאַר כמעט אַן אומבאַקאַנטע דאַמע, וואָס איז צו אים צוגעשטאַנען מיט כבוד, און ער האָט אָנגעהייבן טרערעוודיק, אָבער מיט אַן אויסדרוק פון צאָרן אויפן געזיכט, צו בעטען זיך ביי איר, זי זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען, אַז ער האָט קעגן איר מיט קיין זאַך זיך נישט פאַרזינדיקט און אַז ער וועט ווייטער ביי איר מער נישט זיין. איינמאָל האָט זיך א פערד אַראָפּגעלאָזט באַרג-אַראָפּ מיט איינער פון דאַריאַ מיכיילאָווגאַס וועשינס, האָט זי אַראָפּגעשליידערט אין גראָבן אריין און שיר נישט דערהרגט. פיגאַסאָוו האָט פון דאַמאָלס-אָן אָנגערופן דאָסדאָזיקע פערד נישט אַנדערש ווי „וויל, ווויל פערדל”, און דעם באַרג אַליין און דעם גראָבן האָט ער געהאַלטן פאַר זייער מאַלערישע ערטער. פיגאַסאָוון איז אין לעבן נישט געגאַנגען, דעריבער האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַזעלכע שטותערייען. געשטאַמט האָט ער פון אָרימע עלטערן. זיין פאָטער האָט פאַרנומען כלערליי אומבאַטייטנדע שטעלעס, האָט קוים געקאָנט אַן אות אָנשרייבן און האָט נישט געדאגהט וועגן דער ערציִונג פון זון. ער האָט אים געגעבן צו עסן, אים געקליידט — און נישט מער. זיין מוטער האָט אים צוליִזן, אָבער זי איז גיך אָפּגעשטאָרבן. פיגאַסאָוו האָט זיך אַליין ערצויגן, אַליין זיך אַריינגעקריגן אין דער קרייז-שולע, נאָכדעם אין גימנאַזיע, זיך אויסגעלערנט שפּראַכן: פראַנצויזיש, דייטש און אַפילו לאַטייניש, און, אַרויסגייענדיק פון גימנאַזיע מיט אַן אויסגעצייכנטן אַטעסטאַט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין דאָרפּאַט, ווו ער האָט זיך תמיד געראַנגלט מיט דער נויט, אָבער ער האָט אויסגעהאַלטן דעם דריי-יעריקן קורס ביזן סוף. זיינע פעיִקייטן זיינען געווען גאַנץ געוויינלעכע; ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט געדולד און עקשנות, בפרט אָבער איז אין אים שטאַרק געווען דער ערגייץ, דער פאַרלאַנג אַריינצופאַלן אין א גוטער געזעלשאַפט, נישט אָפּשטיין פון אַנדערע, להכעיס דעם גורל. ער האָט זיך אַי געלערנט בהתמדה, אַי אַריינגעטראָטן אין דאָרפּאַטער אוני-

ווערזיטעט צוליב כּבֿוד־וועגן. די אָרימקייט האָט אים בייז געמאַכט און אין אים אַנטוויקלט אַ שאַרף אויג אויף ביטערקייט. ער פלעגט זיך אויסדריקן אייגנאַרטיק; פון קינדהייט אָן האָט זיך ביי אים איינגעוואָרצלט אַ באַזונדער מין ריידן פול גאַל און ביטערקייט. זיינע געדאַנקען האָבן זיך נישט אויפגעהויבן איבער דער דורכשניטלעכער הויך; און גערעדט האָט ער אַזוי, אַז ער האָט זיך געקאָנט אויסווייזן נישט נאָר פאַר אַ קלוגן, נאָר אפילו פאַר אַ זייער קלוגן מענטשן. אַז ער איז געוואָרן קאַנדידאַט, האָט זיך פּיגאַסאָוו אַנטשלאָסן צו ווידמען דער וויסנשאַפט: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויף יעדן אַנדערן געביט וואָלט ער בשום אופן נישט געקאָנט דעריאָגן זיינע חברים (ער האָט זיך באַמיט אויסצווויילן זיי פון דעם העכסטן קרייז און האָט זיך געקאָנט צו זיי צולאָזן, האָט זיי אפילו געחנפעט, כאָטש אַלץ געזידלט). אָבער דאָ האָט אים, פשוט גערעדט, נישט געקלעקט קיין מאַטעריאַל. אַן עקסטערן מיט ווייניק ליבע צו דער וויסנשאַפט, האָט פּיגאַסאָוו באמת גאָר ווייניק געקענט. ביים עקזאַמען־ויכּוח איז ער מיאוס דורכגעפאַלן, בעת אַן אַנדער סטודענט, וואָס האָט מיט אים געוווינט אין איין צימער, פון וועלכן ער האָט תמיד חוזק געמאַכט, אַ מענטש אַ זייער באַגרענצטער, אָבער וועלכער האָט באַקומען אַ רעגלמעסיקע און געזונטע ערציִונג, — האָט פולשטענדיק טריומפירט. דעראָזיקער דורכפאַל האָט פּיגאַסאָוון אַרויסגעבראַכט פון די כּלים: ער האָט געוואָרפן אין פייער אַלע זיינע ביכער און העפטן און איז אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטן. לכתחילה איז עס געגאַנגען נישט שלעכט: אַ באַאַמטער איז ער געווען אַ גאַנץ בריהשער, הגם אַ ביסל אַ פאַמעלעכער, אָבער דערפאַר אַ זייער אַנטשלאָסענער און אַ דרייסטער. אים האָט זיך אָבער פאַרוואָלט שנעל דערהויבן צו ווערן—האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט, געשטרויכלט געוואָרן און איז געצוווּנגען געווען זיך אָנצוגעבן אין דימיסיע. אַ יאָר דריי איז ער אָפּגעזעסן ביי זיך אין דערפל, וואָס ס'האָט אים אָפּגעגליקט צו באַקומען. פלוצלונג האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ רייכער האַלב־געבילדעטער גוטסבאַזיצערין, וועלכע ער האָט „געכאַפּט אויפן ווענדקע" מיט זיינע געשיקטע המצאות.

אָבער פיגאַסאָווס נאַטור איז שוין צופיל צורייצט געוואָרן און פאַרגיפטיקט. דאָס פאַמיליען־לעבן איז געוואָרן אַ משא... זיין פרוי, אָפּלעבנדיק מיט אים עטלעכע יאָר, איז בשתיקה אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און האָט פאַרקויפט עפּעס אַ געשיקטן אַפעריסט איר גוט, און פיגאַסאָוו האָט נאָר־וואָס אין אים אויפגעבויט אַ הויז צו וווינען. אַ דערשלאָגענער ביז גאָר דורך דעמדאָזיקן לעצטן קלאַפּ, האָט פיגאַסאָוו געהאַט פאַרפירט אַ משפט מיטן ווייב, אָבער ער האָט גאָרנישט אויסגעפירט.. ער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג איינזאַם, איז אַרומגעפאָרן צו די שכנים אַרום, וועלכע ער האָט געזידלט הינטער די אויגן און אפילו אין די אויגן, און וועלכע האָבן אים אויפגענומען מיט עפּעס אַ פאַרשטיקטן געלעכטער, כאָטש קיין ערנסטע מורא האָט ער אויף זיי נישט אָנגעוואָרפן,—און ער האָט קיינמאָל קיין בוך אין האַנט נישט גענומען. פאַרמעגט האָט ער ביי הונדערט נפשות; די פויערים זיינע האָבן קיין מאַנגל נישט געפילט.

— אַ! Constantin! — האָט אויסגערעדט דאַריאַ מיכייַלאָוונאַ, ווי נאָר פאַנדאַלעווסקי איז אַריין אין גאַסט־צימער:— Alexandrine וועט זיין?

— אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט געהייסן אייך דאַנקען און זיי האַלטן עס פאַר אַ באַזונדער פאַרגעניגן,—האָט קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש געענטפערט און דערביי האָט ער זיך ליבלעך געבייגט אין אַלע זייטן און מיטן גראָבן, אָבער ווייסן הענטל מיט די אָפּגעשוירענע נעגל אין אַ דריי־עק האָט ער זיך צוגערירט צו די פּרעכטיק־פאַרקעמטע האָר.

— און וואָלינצעוו וועט אויך זיין?

— און זיי אויך.

— ווי קומט עס, אַפריקאַן סעמיאָניטש,—האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ ווייטער גערעדט, זיך ווענדנדיק צו פיגאַסאָוון:—נאָך אייך גאָך זיינען אַלע פריילינס נישט נאַטירלעך.

ביי פיגאַסאָוון האָבן זיך די ליפּן אויסגעקרימט אָן אַ זייט, און ער האָט נערוועז אַ צופּ געטאָן מיטן עלנבויגן.

— איך זאָג,—האָט ער אָנגעהייבן מיט אַ נישט־אייַלנדיקער

שטים—ער האָט געמעגט זיין ווי בייז, האָט ער גערעדט פּאַמע־
לעך און קלאָר:—איך זאָג, אַז פרייליגס בכלל—ווען די ביי־
ווענדע, פאַרשטייט זיך, פאַרשווייג איך...

— אָבער דאָס שטערט אייך נישט אויך ווען זיי צו
קלערן,—האָט דאַריאַ מיכײַלאָווגאַ איבערגעשלאָגן.

— איך פאַרשווייג ווען זיי,—האָט פיגאַסאָוו איבערגע־
חזרט.—אַלע פרייליגס בכלל זייגען נישט נאַטירלעך אין דער
העכסטער מדרגה—נישט נאַטירלעך אינם אויסדריקן זייערע גע־
פילן. אַז אַ פרייליין וועט זיך, למשל, דערשרעקן, אָדער זי וועט
זיך מיט עפּעס דערפרייען, צי טרויעריק ווערן, וועט זי אומ־
באַדינגט קודם צוגעבן איר קערפּער עפּעס אַ וועלכן נישט איז
שיינעם בויג (און פיגאַסאָוו האָט עקלהאַפט אויסגעבויגן זיין
פיגור און פאַנאַנדערגענומען די הענט) און נאָכדעם ערשט וועט
זי א געשריי טאָן: אַך! זי וועט זיך פאַנאַנדערלאַכן, אָדער זיך
צווויינען. מיר איז פונדעסטוועגן (און דאָ האָט פיגאַסאָוו הבאה־
דיק אַ שמייכל געטאָן) געלונגען צו דערשלאָגן זיך צום אמתדיקן,
נישט געפעלשטן אויסדרוק פון געפיל ביי אַ מערקווירדיק נישט־
נאַטירלעכן פריילין!

— אויף וואָסער אופן?

פיגאַסאָווס אויגן האָבן אָנגעהייבן צו שטראַלן.

— איך האָב הינטן-אַרום איר דערלאַנגט מיט אַן אָשינע־
שטעקן און ווי זי האָט אַ קוויטשע געטאָן, האָב איך זיך אָפּגע־
רופן צו איר: בראַוואָ! בראַוואָ! אָט דאָס איז די שטים פון דער
נאַטור, דאָס איז געווען אַ נאַטירלעך געשריי... שטענדיק
זאָלט איר אַזוי טאָן!

אַלע אין צימער האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס פאַר אַ טפשות, אַפריקאַן סעמיאָניטש!—האָט דאַריאַ
מיכײַלאָווגאַ אויסגערופן—זאָל איך גלויבן, אַז איר וועט נעמען
שלאָגן אַ מיידל מיט אַ שטעקן!

— ביי גאָט, מיט אַ שטעקן, מיט אַ ריזיקן שטעקן, אַזוי
מין, וואָס ווערן באַנוצט ביי דער פאַרטיידיקונג פון פעסטונגען.

*) Mais c'est une horreur ce que vous dites là, monsieur, — האָט אויסגעשריִען m-lle Boncourt קוקנדיק בייז אויף די קינדער, וואָס האָבן זיך צולאַכט.

— גלויבט אים נישט, — האָט אַרויסגערעדט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ: — איר קענט אים נאָך נישט?

אָבער די אויפגעבראַכטע פראַנצויזין האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט באַרויִקן און האָט אַלץ עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז.

— איר קאָנט מיר נישט גלויבן — האָט פּיגאַסאָוו זיך ווײַטער גערעדט מיט אַ גלײַכגילטיקער שטים: — אָבער איך באַשטעטיק, אַז איך האָב געזאָגט דעם רייִנעם אמת. ווער זאָל עס וויסן, אויב ניט איך? אויב אַזוי, וועט איר, אפשר, אויך נישט גלויבן, אַז אונזער שכנטע טשעפּוזאָווא, העלענאַ אַנטאָנאָוונאַ, האָט מיר אַליין, מערקט עס, אַליין דערציילט, ווי זי האָט פאַרפײַניקט מיט הונגער איר אייגענעם פּלימעניק?

— אַ נײַע בבא-מעשה!

— דערלויבט, דערלויבט! הערט אויס און משפּט אַליין. מערקט אײַך, כ'וויל דאָ אויף איר נישט ריידן קיין רכילות, איך האָב זי אַפילו ליב, אויף וויפיל, ס'הייסט, מ'קאָן ליב האָבן אַ פרוי. בײַ איר אין גאַנצן הויז איז נישטאָ קיין איין בוך, אַחוץ אַ לוח, און לייענען קאָן זי אַנדערש נישט נאָר אויפן קול — פון דער דאָזיקער איבונג באַגיסט איר אַ קאַלטער שווייס און זי קלאָגט זיך נאָכדעם, אַז די אויגן זײַנען אַרויסגעקראָכן בײַ איר ווי אַ נאָפּל... בקיצור, אַ פרוי אַ ווױלע און קעכינס האָט זי דיקע. הײַנט פאַרוואָס זאָל איך אויף איר ריידן רכילות?

— נו! — האָט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ באַמערקט: — אַפריקאַן סעמיאָניטש איז שוין אַרויף אויף זײַן באַליבטע טעמע — ער וועט שוין פון זײַן משוגעת ניט אָפּלאָזן ביזן אָוונט.

---

*) ס'איז דאָך אָבער שרעקלעך, וואָס איר דערציילט, מאָסיע.

— מיין משוגעת... און פרויען האָבן עס גאַנצע דריי, און וועלכע זיי לאָזן קיינמאָל נישט אָפּ, אחוץ אפשר בשעת זיי שלאָפן.

— וואָס זיינען עס פאַר אַ משוגעתן?

— קרומקייט, אָנצוהערעניש און פאָרוווּרף.

— ווייסט איר וואָס, אַפריקאַן סעמיאָניטש, — האָט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ אָנגעהייבן — נישט אומזיסט זייט איר אַזוי אויפגעבראַכט קעגן פרויען... איינע האָט אייך שוין מסתמא עפּעס...

— באַליידיקט, ווילט איר זאָגן? — האָט פּיגאַסאָוו זי איבערגעשלאָגן.

דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן; זי האָט זיך דערמאָנט אָן פּיגאַסאָווס אומגליקלעכן שדוך... און זי האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— מיך האָט איין פרוי טאַקי באַליידיקט — האָט פּיגאַסאָוו אַרויסגערעדט: — כאָטש זי איז געווען אַ גוטע, זייער אַ גוטע...

— ווער איז זי דאָס?

— מיין מוטער, — האָט פּיגאַסאָוו אַרויסגערעדט אויף אַ נידעריקער שטים.

— אייער מוטער! מיט וואָס האָט זי אייך געקאָנט באַליידיקן!

— דערמיט, וואָס זי האָט מיך געבוירן...

דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די ברעמען.

— מיר דוכט, — האָט זי אָנגעהייבן ריידן: — אונזער שמועס נעמט אָן נישט קיין פריילעכע ווענדונג... Constantin, שפּילט אונז טאַלבערגס נייעם עטיוד... אפשר וועלן די מוזיק־קלאַנגען שטילן אַפריקאַן סעמיאָניטשן. האָט דאָך אָרפיי איינגעשטילט די ווילדע חיות.

קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש האָט זיך געזעצט ביים פּאָרטעפּיאַן און גאַנץ נישקשהדיק געשפּילט דעם עטיוד. לכתחילה האָט נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ זיך צוגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט, נאָכדעם האָט זי זיך ווידער גענומען פאַר דער אַרבעט.

— Merci, c'est charmant!*), — האָט דאַריאַ מיכײַ־
לאָוונאַ אַרויסגערעדט:—איך האָב ליב טאַלבערגן. Il est si
distingué**) וואָס האָט איר זיך פאַרטראַכט, אַפריקאַן סעמיאָניטש?

— איך האָב געמיינט—האָט פיגאַסאָוו לאַנגזאַם אָנגעהייבן:— אַז עס זיינען פאַראַן דרייערליי קאַטעגאָריעס עגאָיסטן: עגאָיסטן, וועלכע לעבן אַליין און לאָזן אַנדערע לעבן; עגאָיסטן, וועלכע לעבן אַליין און לאָזן אַנדערע נישט לעבן; לסוף, עגאָיסטן, וועלכע לעבן אַליין נישט, און לאָזן אַנדערע נישט... פרויען, על פי רוב, געהערן צו דער דריטער קאַטעגאָריע.

— ווי ליבלעך דאָס איז! איינס וווּנדערט מיך נאָר, אַפרי־קאַן סעמיאָניטש, ווי זיכער איר זייט אין אייערע מיינונגען. גלייך ווי איר קאָנט זיך קיינמאָל נישט טועה זיין.

— ווער זאָגט! אויך איך בין זיך טועה; אַ מאַנסביל קאָן אויך אַ טעות האָבן. אָבער צי ווייסט איר, וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישן אַ טעות פון אונזערס אַ ברודער און אַ טעות פון אַ פרוי? איר ווייסט נישט? אָט וואָסערער: אַ מאַנסביל קאָן, למשל, זאָגן, אַז צוויי מאָל צוויי איז נישט פיר, נאָר פינף, אָדער פערטהאַלבן; און אַ פרוי וועט זאָגן, אַז צוויי מאָל צוויי איז—אַ סטעאַרין־ליכט.

— איך האָב שוין דאָס, דוכט זיך, געהערט פון אייך... אָבער דערלויבט מיר צו פרעגן, וואָס פאַר אַ שייכות האָט אייער געדאַנק וועגן די דריי מינים עגאָיסטן צו דער מוזיק, וואָס איר האָט אָקאָרשט געהערט?

— קיין שייכות נישט, אָבער איך האָב אויך די מוזיק נישט געהערט.

— נו, „דו טייערער, איך זע, ביסט אַ פאַרפאַלענער, ניטאָ מיט דיר וואָס צו מאַכן" — האָט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ געענטפערט, קאָליע מאַכנדיק אַביסל גריבאָיעדאָווס אַ פערז. — וואָס זשע

*) אַ דאַנק, ס'איז פּרעכטיק!

**) ער איז אויסגעצייכנט.

האָט איר ליב, אויב מוזיק געפֿעלט אייך אויך נישט? ליטעראַטור, צי וואָס? —

— ליטעראַטור האָב איך ליב, אָבער נאָר נישט די הײַנטיקע.

— פֿאַרוואָס?

— אָט פֿאַרוואָס. כ׳בין נישט לאַנג דורכגעפֿאָרן די אָקאַ אויף אַ פֿאַראָם מיט עפּעס אַ הער. דער פֿאַראָם איז צוגעשטאַנען צו אַ קרומען אָרט: מ׳האָט די עקיפּאַזשן געמוזט אַרויפֿשלעפּן מיט די הענט. דער הער האָט געהאַט אַ זייער שווערע דראָזשקע און בעת די איבערפֿירער האָבן געשוויצט ביים אַרויפֿשלעפּן די דראָזשקע אויפֿן ברעג, האָט דער הער, שטייענדיק אויפֿן פֿאַראָם, אַזוי געקרעכצט, אַז ס׳איז אויף אים אַזש געווען אַ רחמנות. . אָט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַ נייער אופֿן פֿון אַרבעט-פֿאַרטיילונג! אַזוי איז אויך די הײַנטיקע ליטעראַטור: אַנדערע שלעפּן דעם וואָגן, אַרבעטן, עוסקן זיך און זי קרעכצט.

דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט אַ שמייכל געטאָן.

— און דאָס הייסט אָפּשפּיגלונג פֿון דעם געגנווערטיקן לעבנסשטייגער, האָט דער אומגעצוימטער פּיגאַסאָוו ווייטער גערעדט: — טיפֿער מיטגעפֿיל צו געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן און נאָך אַזוי... אָך, די דאָזיקע הויכע פֿראַזן!

— אָבער פֿרויען, אויף וועלכע איר פֿאַלט אַזוי אָן — יענע, לכל-הפּחות, באַנוצן נישט קיין הויכע פֿראַזן.

פּיגאַסאָוו האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— זיי געברויכן נישט, ווייל זיי קענען נישט.

דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ איז לײַכט רויט געוואָרן.

— איר הייבט אָן ריידן עזותקייטן, אַפֿריקאַן סעמיאָניטש! — האָט זי באַמערקט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל.

אַלץ אין צימער איז שטיל געוואָרן.

— ווו געפֿינט זיך עס זאָלאָטאָנאָשאַ? — האָט פּלוצלונג איינער פֿון די יינגלעך געפֿרעגט ביי באַסיסטאָוון.

— אין פּאָלטאַווער גובערניע, מיין ליבער, — האָט פּיגאַסאָוו אונטערגעכאַפּט, — אין סאַמע כאָכלאַנדיע. (ער האָט זיך

דערפֿרייט מיט דער געלעגנהייט אומצובייטן דעם שמועס). — אָט, מיר האָבן גערעדט וועגן ליטעראַטור, — האָט ער ווייטער גערעדט: — ווען איך וואָלט געהאַט איבעריק געלט, וואָלט איך גלייך געוואָרן אַן אוקראַינישער דיכטער.

— וואָס נאָך וועט איר זאָגן? אַ שיינער דיכטער! — האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ געענטפֿערט: — איר קענט דען אוקראַינ̇יש?

— קיין האָר נישט; און ס'איז גאָרנישט נויטיק?

— וואָס הייסט ניט נויטיק?

— אַזוי נישט נויטיק. מען דאַרף נאָר נעמען אַ בויגן פּאַפּיר און אָנשרייבן פֿון אויבן: „Дума“ (*) און נאָכדעם אָנהייבן אַזוי:

„Гой, ты доля моя, доля!“ (**) אָדער „сѣде казачино Наливайко на курганѣ!“ (***) און דאַן: „по-пидъ горою, по-пидъ зеленою, грае, грае воронае, гопъ! гопъ!“ (****) אָדער וואָס עס איז פֿון דעם מין. און — פֿיקס און פֿאַרטיק, דרוק און גיב אַרויס. דער קליין-רוס וועט איבערלייענען, וועט אונטערלענען מיט דער האַנט די באַק און וועט זיך אומבאַדינגט פֿאַנאַנדערוויינען, — אַזאַ פֿילבאַרע נשמה!

— אַנטשולדיקט! - האָט אויסגערופֿן באַסיסטאָוו — וואָס רעדט איר עפּעס אַזוינס? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. איך האָב געלעבט אין אוקראַינע, איך האָב עס ליב און קען די שפּראַך... „грае, грае воронае“ איז לחלוטין אַן אומזין.

— קאָן זיין, אָבער אַ כאָכאָל וועט פֿונדעסטוועגן זיך פֿאַנאַנדערוויינען. איר זאָגט: די שפּראַך... צי דען עקזיסטירט אַן אוקראַינישע שפּראַך? איך האָב איינמאָל געבעטן אַ כאָכאָל איבערצוזעצן די פֿאָלגנדע ערשטע-בעסטע פֿראַזע: „Грамматика есть искусство правильно читать и писать.“ (*****)

---

*) זאָרג-רעיון; **) „אוי, דו מזל מיינער, מזל“; ***) „האָט זיך געזעצט דער קאָזאַק נאַליוואַיקאָ אויף דעם בערגל!“; ****) פֿון הינטערן באַרג, פֿון הינטערן גרינעם א. אַז. וו.; *****) גראַמאַטיק איז די קונסט רעגלמעסיק צו לייענען און שרייבן. (געבראַכט די פֿראַזע אין אָריגינאַל צוליבן הערטלעכן פֿאַרגלייך, וואָס האָלט אַנדערש פֿאַרטײַטש געוואָרן. דער איבערז.).

ווייסט איר, ווי ער האָט עס איבערזעצט: храматыка е вы- скусьтво правыльно чытаты и пысаты. נו, איז עס אַ לשון, נאָך אײך גאָר? אַ זעלבשטענדיקע שפּראַך? איידער דערמיט מסכים צו זיין, בין איך גיכער גרייט צו לאָזן מיין בעסטן פריינט צושטויסן אין אַ שטויסל...

באַסיסטאָוו האָט געוואָלט ענטפערן.

— לאָזט איב, האָט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ אַרויסגערעדט:— איר ווייסט דאָך, פון אים וועסטו אַחוץ פּאַראַדאָקסן, גאָרנישט הערן.

פּיגאַסאָוו האָט גיפּטיק אַ שמייכל געטאָן. דער לאָקיי איז אַריינגעקומען און געמאָלדן וועגן אָנקומען פון אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ און איר ברודער.

דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ איז אויפגעשטאַנען צו באַגעגענען די געסט.

— גוט מאָרגן, Alexandrine! — האָט זי אויסגערופן, צוגייענדיק צו איר:— ווי קלוג האָט איר געטאָן, וואָס איר זייט געקומען צופאָרן... גוט מאָרגן, סערגיי פּאַווליטש!

וואָלינצעוו האָט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַן געדריקט די האַנט און איז צוגעגאַנגען צו נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ.

— נו, וואָס, דערדאָזיקער באַראָן, אײַער נייער באַקאַנטער, וועט היינט קומען צופאָרן? — האָט פּיגאַסאָוו געפרעגט.

— יאָ, ער וועט קומען צופאָרן.

— ער איז, זאָגט מען, אַ גרויסער פילאָזאָף: ער קנאַקט כסדר מיט הע גע לן.

דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט אַנידערגעזעצט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַן אויף דער קושעטקע און זיך אַליין אויך נעבן איר צוגעזעצט.

— פילאָזאָפיע, — האָט פּיגאַסאָוו ווייטער גערעדט:— העכסטער שטאַנדפּונקט! איך האָב דאָס פיינט ווי דעם טויט — דידאָזיקע העכסטע שטאַנדפּונקטן. און וואָס קאָן מען דען זען פון אויבן? כ׳מיין, אַז דו ווילסט וועלן קויפן אַ פערד, וועסטו עס באַקוקן נישט פון אַ פייער-לעשער-טורעם!

— דערדאָזיקער באַראָן האָט אײַך געוואָלט ברענגען

עפּעס אַן אַרטיקל?—האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַװלאָװנאַ געפרעגט.

— יאָ, אַן אַרטיקל, האָט דאַריאַ מיכײלאָװנאַ געענטפערט מיט איבערטריבענער נאַכלעסיקײט: — װעגן די באַציִונגען פון האַנדל צו דער פּראָדוקציע אין רוסלאַנד... אָבער שרעקט זיך נישט: מיר װעלן אים דאָ נישט גײן לײענען... נישט צו דעם האָב איך אײך פאַררופן. Le baron est aussi aimable (*
que savant. און ער רעדט אַזױ גוט רוסיש! C'est un (**
vrai torraet... il vous entraine.

— ער רעדט אַזױ גוט רוסיש,—האָט פּיגאַסאָװ אַ מורמל־געטאָן:—אַז ער פאַרדינט אַ פראַנצױזישע אױסצײכנונג.

— מורמלט נאָך, אַפריקאַן סעמיאָניטש, מורמלט... דאָס קלײדט זײער צו אײער צעשױבערטער פריזור... פונדעסטװעגן, פאַרװאָס זעט מען אים עפּעס נישט! װײסט איר װאָס, (***messieurs et mesdames — האָט דאַריאַ מיכײלאָװנאַ צוגעגעבן, אַ קוק טוענדיק אַרום:—לאָמיר גײן אין גאָרטן... ביז מיטאָג איז נאָך געבליבן בײ אַ שעה, און דאָס װעטער איז גאַנץ פײן...

די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך אױפגעהױבן און זיך אַװעקגעלאָזט אין גאָרטן.

דער גאָרטן בײ דאַריאַ מיכײלאָװנאַ האָט זיך געצױגן ביזן סאַמע טײך. אין אים זײנען געװען אַ סך אַלטע לינדן־אַלײען, גאָלדיק־טונקעלע און דופטיקע, מיט שמאַראַגדיקע ליכט־פלעקן בײ די עקן, אַ סך אַלטאַנקעס פון אַקאַציעס און בעז.

װאָלינצעװ צוזאַמען מיט נאַטאַליאַן און m-lle Boncourt האָבן זיך פאַרקליבן אין דער טיפקײט פון גאָרטן. װאָלינצעװ איז געגאַנגען נעבן נאַטאַליאַן און געשװיגן. M-lle Boncourt איז געגאַנגען אַביסל פון װײטן.

---

*) דער באַראָן איז ליבעסװירדיק װי געלערנט.

**) ער איז אַן אמתער שטראָם... ער ציט אײך מיט...

***) הערן און דאַמען.

— וואָס האָט איר היינט געטאָן? — האָט לסוף געפרעגט וואַלינצעוו, ציענדיק די עקן פון זיינע פּראַקטישע טונקל בלאָנדע וואָנסן.

ער איז מיט זיינע געזיכט-ציגן זייער ענלעך געווען צו דער שוועסטער: נאָר געווען אין זיי ווייניקער שפּיל און לעבן, און זיינע אויגן, שיינע און ליבלעכע, האָבן געקוקט עפּעס אומעטיק.

— גאָרנישט,—האָט געענטפערט נאַטאַליאַ:—כ'האָב זיך איינגעהערט ווי פּיגאַסאָוו זידלט זיך, געהאָפּטן אויף דער קאַנווע, געלייענט.

— און וואָס אַזוינס האָט איר געלייענט?

— כ'האָב געלייענט... די געשיכטע פון "מסעי-הצלב" (קרייץ-צוגן),—האָט נאַטאַליאַ אויסגערעדט, אַביסל זיך פאַרהאַקנדיק.

וואָלינצעוו האָט אויף איר אַ קוק געטאָן.

— אַ!—האָט ער לסוף אַ זאָג געטאָן:—דאָס מוז זיין אינטערעסאַנט.

ער האָט אָפּגעריסן אַ צווייגל און אָנגעהייבן פאָכן אין דער לופטן. זיי זיינען אָפּגעגאַנגען נאָך אַ טריט צוואַנציק.

— וואָס איז עס פאַר אַ באַראָן, וואָס אייער מוטער האָט זיך מיט אים באַקענט?—האָט ווידער געפרעגט וואָלינצעוו.

— אַ קאַמער-יונקער, אַ צוגערייזטער; די maman לויבט אים זייער.

— אייער מוטער באַקומט זייער גוך התפעלות.

— אַ ראיה, אַז זי האָט נאָך אַ זייער יונגע נשמה,—האָט באַמאַליאַ באַמערקט.

— יאָ. כ'וועל אייך אין גיכן צושיקן אייער פערד. עס איז שוין כמעט אינגאַנצן אַן איינגעפאָרענעס. מיר ווילט זיך, עס זאָל פון אָרט אויפהויבן אין אַ גאַלאָפּ, און איך וועל עס ברענגען דערצו.

— Merci... פונדעסטוועגן טוט עס מיר באַנג. איר אַליין בעווינט עס איין צום פאָרן... דאָס, זאָגט מען, איז זייער שווער...

— פדי צו פאַרשאַפן אייך דאָס קלענסטע פאַרגעניגן,

ווייסט איר, נאַטאַליאַ אַלעקסייעָוונאַ, בין איך גרייט... איך... און נישט נאָר אַזעלכע קלייניקייטן...

וואָלינצעוו האָט זיך פאַרהאַקט.

נאַטאַליאַ האָט אויף אים פרײַנטלעך אַ קוק געטאָן און נאָך אַמאָל געזאָגט: merci.

— איר ווייסט — האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש ווייטער גערעדט נאָך אַ לאַנגן שווײַגן: — אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך... נאָר צו וואָס רייד איך דאָס? איר ווייסט דאָך אַלץ.

אין דער רגע האָט זיך דערהערט פון שטוב דאָס קלינגען פון גלעקל.

— Ah! la cloche du diner! — rentrons*) — האָט אויסגערופן m-lle Boncourt.

— „Quel dommage“**) — האָט אַ קלער געטאָן בײַ זיך די אַלטע פראַנצויזין, אַרויפקלעטערנדיק אויף די טרעפּלעך פון באַלקאָן נאָך וואָלינצעוון און נאַטאַליאַן: „quel dommage que ce charmant garçon ait si peu de ressources dans la conversation...“ — וואָס מען קאָן עס אויסטייטשן: דו ביסט אַ גאַנץ פײַנינקער, מײַן ליבער, אָבער עס פעלט דיר עפּעס.

דער באַראָן איז נישט געקומען אויף מיטאָג. מ'האָט געוואַרט אויף אים בײַ אַ האַלבע שעה. דער שמועס בײַם טיש האָט זיך נישט געקלעבט. סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט זיך נאָר אײַנגעקוקט אויף נאַטאַליאַן, נעבן וועלכער ער איז געזעסן, און האָט פלײַסיק אַלץ דערגאָסן איר גלאָז מיט וואַסער. פּאַנדאַלעווסקי האָט זיך בחנם באַמיט צו אַמוזירן זײַן שכנה, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ: ער האָט זיך אינגאַנצן צושמאָלצן פון מתיקות, און זי האָט שיר נישט געגענעצט.

באַסיסטאָוו האָט געקנאָטן קײַלעכלעך פון ברויט און האָט

---

*) דאָס גלעקל קלינגט צום מיטאָג. לאָמיר אַרײַנגיין.

**) אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס דער דאָזיקער ליבער יונגערמאַן האָט אַזוי ווייניק שטאָף צום רייד...

וועגן גאָרנישט געטראַכט; אפילו פיגאַסאָוו האָט געשוויגן, און בעת דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט אים באַמערקט, אַז ער איז היינט נישט פריינטלעך, האָט ער בייז געענטפערט: ווען בין איך יאָ פריינטלעך? דאָס איז נישט מיין זאַך... און, ביטער שמייכלענדיק, האָט ער צוגעגעבן: — האָט אַביסעלע געדולד. איך בין דאָך אַ פשוטער רוס, אַ פּראָסטער בשר ודם; אָבער אייער קאַמער-יונקער...

— בראַוואָ!-האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ אויסגערופן—פיגאַסאָוו איז אייפערזיכטיק, איז פאָרויס אייפערזיכטיק!

נאָר פיגאַסאָוו האָט איר גאָרנישט געענטפערט און אויף איר נאָר געוואָרפן פון אונטער די ברעמען אַ בליק.

עס האָט אויסגעשלאָגן זיבן דער זייגער און אַלע האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט אין גאַסט-צימער.

— זעט אויס, ער וועט שוין נישט קומען,—האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ געזאָגט...

נאָר אָט האָט זיך דערהערט אַ רעדער-גערויש. אַ נישט-גרויסע קאַרעטע איז אַריינגעפאָרן אין הויף און אין עטלעכע מינוט אַרום איז אין גאַסט-צימער אַריינגעקומען דער לאַקיי און איבערגעגעבן דאַריאַ מיכיילאָוונאַן אַ בריוו אויף אַ זילבערנע טעצל. זי איז אים דורכגעלאָפן מיטן אויג, זיך געווענדט צום לאַקיי און געפרעגט:

— און ווו איז דער הער, וואָס האָט דעמדאָזיקן בריוו געבראַכט?

— ער זיצט אין קאַרעטע. באַפעלט איר אים אויפצונעמען?

— בעט אים.

דער לאַקיי איז אַרויסגעגאַנגען.

— באַטראַכט נאָר, ס'אַראַ פאַרדראָס,—האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ ווייטער גערעדט: — דער באַראָן האָט דערהאַלטן אַ פאָרשריפט תיכף זיך אומצוקערן קיין פעטערבורג. ער האָט מיר צוגעשיקט זיין אַרטיקל דורך איינעם אַ הער רודין, זיין פריינט. דער באַראָן האָט מיר אים געוואָלט פאָרשטעלן—ער האָט אים זייער געלויבט. נאָר ווי פאַרדראָסיק דאָס איז! איך האָב גע-

האָט, אַז דער באַראָן וועט נאָך פאַרברענגען דאָ...

— דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש רודין, — האָט דער לאָקיי געמאָלדן.

III

ס'איז אַריינגעקומען אַ מאַן פון אַ יאָר פינף-און-דרייסיק, אַ הויך-געוויקסיקער, אַביסל איינגעבויגן, האָר געקרויזטע, אַ ברוין-הויטיקער, מיט אַ נישט-רעגלמעסיקן, אָבער אויסדריקלעכן און קלוגן געזיכט, מיט אַ שיטערן גלאַנץ אין די פלינקע, טונקל-בלויע אויגן, מיט אַ גלייכער, ברייטער נאָז און שיין-ליניקטע ליפּן. די מלבושים אויף אים זיינען געווען נישט ניי און שמאָל, גלייך ווי ער וואָלט פון זיי אויסגעוואַקסן.

ער איז גיך צוגעגאַנגען צו דאַריאַ מיכיילאָווונאַ, פאַרבייגט זיך מיט אַ קורצער באַגריסונג, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג געוואָלט האָבן דעם כבוד איר זיך פאָרצושטעלן, און אַז זיין פריינט, דער באַראָן, האָט זייער באַדויערט, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט געזעגנען פּערזענלעך.

דער דינער קלאַנג פון רודינס קול האָט נישט אָנטשפּראָכן זיין וווקס און זיין ברייטער ברוסט.

— זיצט... ס'פרייט מיך זייער, — האָט אַ מורמל געטאָן דאַריאַ מיכיילאָווונאַ און, באַקענענדיק אים מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט, האָט זי געפרעגט, צי ער איז אַ היגער, אָדער אַ צוגערייזטער.

— מיין גוט איז אין ט-ער גובערניע, — האָט רודין געענטפערט, האַלטנדיק דעם הוט אויף די קני: — און דאָ געפין איך זיך נישט לאַנג. כ'בין געקומען אַהער וועגן עפּעס אַן ענין און האָב זיך דאָ דערווייל באַזעצט אין אייער שטאָט.

— ביי וועמען?

— ביים דאָקטער. ער איז מיין אַלטער אוניווערזיטעט-חבר.

— אַ! ביים דאָקטער... מען לויבט אים. מ'זאָגט, אַז ער פאַרשטייט גוט זיין פאַך. און מיטן באַראָן זייט איר שוין פון לאַנג באַקענט?

— כ'האָב זיך היינטיקן ווינטער געטראָפן מיט אים אין מאָסקווע און איצט האָב איך ביי אים פאַרבראַכט לערך אַ וואָך צייט.

— ער איז זייער אַ קלוגער מענטש — דער באַראָן.

— יאָ.

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט אַ שמעק געטאָן דאָס קניפּל פון נאָז-טיכל, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אָ-דע-קאָלאָן.

— איר פאַרנעמט אַן אַמט? — האָט זי געפרעגט.

— ווער? איך?

— יאָ.

— ניין... כ'בין אין דימיסיע.

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. דער אַלגעמיינער שמועס האָט זיך באַנייט.

— דערלויבט מיר צו זיין נייגעריק, — האָט פּיגאַסאָוו אָנגעהייבן, ווענדנדיק זיך צו רודינען: — אייך איז באַוווּסט דער אינהאַלט פונם אַרטיקל, וואָס דער הער באַראָן האָט צוגעשיקט?

— באַוווּסט.

— דערדאָזיקער מאמר באַהאַנדלט די פאַרהעלטענישן פון האַנדל... אָדער ניין, פאַרקערט, פון דער אינדוסטריע צום האַנדל אין אונזער מאָטערלאַנד... אַזוי, דוכט, האָט איר זיך באַוויליקט אויסצודריקן, דאַריאַ מיכיילאָוונאַ?

— יאָ, דאָס באַהאַנדלט ער... — האָט געזאָגט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ און האָט צוגעלייגט איר האַנט צום שטערן.

— כ'בין, אַוודאי, אין דידאָזיקע ענינים אַ שלעכטער ריכטער — האָט פּיגאַסאָוו ווייטער געזאָגט: — אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז בלויז דער נאָמען אַליין פונם מאמר שיינט צו זיין צו פיל... ווי קאָן מען עס דעליקאַטער אויסדריקן?.. צופיל טונקל און פאַרפלאָנטערט.

— פאַרוואָס דאַכט זיך דאָס אייך אַזוי?

פּיגאַסאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן און געוואָרפן אַן אויבנאויפיקן בליק אויף דאַריאַ מיכיילאָוונאַ.

— און אייך איז ער קלאָר? האָט ער אויסגערעדט, ווענ-

רנדיק ווידער זיין פוקסן־פנימל צו רודינען.

— מיר? קלאָר.

— המ... אַוודאי, איר דאַרפט עס בעסער וויסן.

— דער קאָפּ טוט אייך וויי? — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט ביי דאַריאַ מיכיילאָוונאַ.

— ניין. אַזוי.. C'est nerveax. *)

— דערלויבט מיר צו פרעגן — האָט ווידער אָנגעהייבן פיגאַסאָוו צו ריידן מיט אַ נאָז־קולכל: — אייער באַקאַנטער, דער הער באַראָן מופעל... אַזוי, שיינט מיר, רופט מען זיי?

— אַזוי.

— דער הער באַראָן מופעל פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אָדער נאָר אַזוי, ערווידמעט דערדאָזיקער אינטערעסאַנטער וויסנשאַפט בלויז די פרייע שעהן, וואָס בלייבן אים איבער נאָך זיין באַשעפטיקונג און וועלטלעכע תענוגים?

רודין האָט שטאַר אַ קוק געטאָן אויף פיגאַסאָוון.

— דער באַראָן איז אין דעמדאָזיקן ענין אַ דילעטאַנט,— האָט ער געענטפערט, לייכט רויט ווערנדיק: — אָבער אין זיין מאמר איז פאַראַן אַ סך יושרדיקס און אינטערעסאַנטס.

— כ'קען ניט דעם מאמר און כ'קאָן זיך מיט אייך ניט מתוכח זיין... נאָר כ'האָב די העזה צו פרעגן, צי דאָס ווערק פון אייער פריינט, באַראָן מופעל, שטיצט זיך מסתמא, אויף אַלגעמיינע חקירות, איידער אויף פאַקטן.

— אין אים זיינען פאַראַן אי פאַקטן, אי חקירות, געשטיצט אויף פאַקטן.

— אַזוי, אַזוי. איך דערלויב מיר צו זאָגן, לויט מיין מיינונג... און איך קאָן טאַקע, ביי אַ געלעגנהייט, מיין וואָרט זאָגן: איך האָב דריי יאָר אין דאָרפּאַט פאַרבראַכט... די גאַנצע דאָזיקע, אַזויגערופענע, אַלגעמיינע הקירות, די היפּאָטעזן דאָרט, די שיטות... אַנטשולדיקט מיך, איך בין אַ פּראָווינציאַל, איך האָב

*) ס'איז נערוון.

ליב דעם נאַקעטן אמת... טויגן צו גאָרנישט... דאָס אַלץ איז איין פּשטלען זיך — דערמיט פּאַרדרייט מען נאָר מענטשן דעם קאָפּ. איר דערציילט, רבותי, די פאַקטן, און גענוג פאַר אייך.

— אין דער אמתן! — האָט רודין געענטפערט. — נו, און דעם זין פון די פאַקטן דאַרף מען איבערגעבן?

— די אַלגעמיינע חקירות, — האָט פּיגאַסאָוו ווייטער גע-רעדט: — כ'האָב זיי פיינט ווי דעם טויט. אָט די אַלגעמיינע חקירות, די איבערזיכטן, די באַשלוסן. דאָס אַלץ איז געשטיצט געוואָרן אויף די אַזוי-גערופענע איבערצייגונגען, יעדער רעדט וועגן זיינע איבער-צייגונגען, פאָדערט נאָך אַכטונג צו זיי טראָגט זיך אַרום מיט זיי... עך!

און פּיגאַסאָוו האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער פויסט אין דער לופט. פּאַנדאַלעווסקי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אויסגעצייכנט! — האָט רודין געזאָגט: — קומט אויס, נאָך אייך נאָך, אַז קיין איבערצייגונגען זיינען גאָר נישטאָ?

— נישטאָ — און עס עקזיסטירן נישט.

— דאָס איז אייער איבערצייגונג?

— יאָ.

— טאָ ווי זאָגט איר, אַז זיי עקזיסטירן ניט? אָט האָט איר דאָך אַליין, קודם-כל, אַן איבערצייגונג.

אַלע אין צימער האָבן אַ שמייכל געטאָן און זיך איבער-געקוקט.

— דערלויבט נאָר, דערלויבט נאָר, פונדעסטוועגן... — האָט פּיגאַסאָוו געהאַט אָנגעהייבן

אָבער דאַריאַ מיכיילאָווונאַ האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און אויסגערופן: בראַוואָ, בראַוואָ, פּיגאַסאָוו איז צוקלאַפּט, צוקלאַפּט! און האָט שטילערהייט אַרויסגענומען דעם הוט פון רודינס הענט.

— פרייט זיך נאָך נישט דערווייל, מאַדאַם: איר וועט נאָך צייט האָבן! — האָט פּיגאַסאָוו געזאָגט מיט פאַרדרוס — ס'איז נאָך ווייניק צו זאָגן, מיט אַ גרויסן אָנשטעל, אַ שאַרף ווערטל. מען

דאַרף אויפֿווייזן, אַפּלייקענען... אָבער מיר זיינען אַראָפּ פֿון אונזער שמועס.

— ד׳ערלויבט מיר, — האָט רודין גלייכגילטיק באַמערקט:— די זאַך איז גאָר פּראָסט. איר גלויבט נישט אין נוצן פֿון די אַלגעמיינע חקירות, איר גלויבט נישט אין איבערצייגונגען...

— איך גלויב נישט, איך גלויב נישט, אין קיין זאַך גלויב איך נישט!

— זייער גוט. איר זייט אַ סקעפּטיקער.

— איך זע נישט די נויטיקייט צו באַנוצן אַזאַ וויסנ־שאַפֿטלעך וואָרט. אגב...

— שלאָגט נישט איבער! — האָט זיך דאַריא מיכיילאָוונאַ אַריינגעמישט.

„קס־קס־קס־קס!” האָט פּאַנדאַלעווסקי אין דער רגע געזאָגט פֿאַר זיך, און האָט זיך ברייט צושמייכלט.

— דאָסדאָזיקע וואָרט דריקט אויס מיין געדאַנק, — האָט רודין ווייטער גערעדט. — איר פֿאַרשטייט עס: פֿאַרוואָס־זשע זאָל איך עס נישט באַנוצן? איר גלויבט אין קיין זאַך נישט... טאָ פֿאַרוואָס גלויבט איר אין פֿאַקטן?

— וואָס הייסט פֿאַרוואָס? אַ שיינע פֿראַגע! פֿאַקטן—דאָס איז אַ זאַך אַ באַוווּסטע, יעדער ווייס וואָס ס׳איז אַזעלכעס פֿאַקטן... איך משפּט וועגן זיי פֿון געניטקייט, לויטן אייגענעם געפֿיל.

— צי דען קאָן דאָס געפֿיל אייך נישט אָפּנאַרן? דאָס געפֿיל זאָגט אייך, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד... אָדער, קאָן זיין, איר זייט נישט מסכים מיט קאָפּערניקן? אויך אים גלויבט איר נישט?

ווידער האָט זיך דורכגעטראָגן אַ שמייכל איבער אַלעמענס פּנימער און אַלעמענס בליקן זיינען געפֿאַלן אויף רודינען. „ער איז אַ מענטש נישט קיין שוטה”, האָט איטלעך אַ קלער געטאָן.

— איר באַוויליקט אַלץ צו שפּאַסן, — האָט פּיגאַסאָוו געזאָגט. — אַוודאי איז עס זייער אָריגינעל, אָבער צום ענין איז עס נישט נוגע.

— דערין, וואָס איך האָב ביז איצט געזאָגט, — האָט

רודין געענטפערט: — איז ליידער, זייער ווייניק אָריגינעלעס פאַראַן. דאָס אַלץ איז שוין פון לאַנג באַוווסט און ס'איז טויזנט מאָל איבערגעחזרט געוואָרן. עס האַנדלט זיך נישט אין דעם...

— טאָ אין וואָס? — האָט פּיגאַסאָוו געפרעגט נישט אָן הוצפּה.

אין אַ ויכוח האָט זיך פּיגאַסאָוו פריער געוויצלט איבער זיין קעגנער, נאָכדעם איז ער געוואָרן העזהדיק, און לסוף האָט ער זיך אָנגעהייבן בלאָזן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— אָט אין וואָס, — האָט רודין ווייטער גערעדט: — כ'בין זיך מודה, כ'קאָן נישט נישט אויפריכטיק באַדויערן, בעת איך זע, ווי קלוגע מענטשן פאַלן אָן...

— אויף סיסטעמען? — האָט פּיגאַסאָוו איבערגעהאַקט.

— יאָ, מעג זיין כאָטש אויף סיסטעמען. וואָס שרעקט אייך אַזוי דאָס דאָזיקע וואָרט? יעדע שיטה איז געגרינדעט אויפן וויסן פון די גרונט־געזעצן, פון די לעבענס־יסודות..

— אָבער מען קאָן זיי נישט קענען, אַנטפּלעקן... אַנטשולדיקט!

— דערלויבט נאָר. געוויס, נישט יעדערן זיינען זיי צוגענגלעך, און אַ מענטש האָט די אייגנשאַפט זיך טועה צו זיין. פונדעסטוועגן וועט איר, מסתמא, מיט מיר מסכּים זיין, אַז, למשל, ניוטאָן האָט אַנטדעקט לכל הפּחות מאַנכע פון דידאַזיקע גרונט־געזעצן. לאָמיר זאָגן, אַז ער איז געווען אַ גאון; אָבער די אַנטדעקונגען פון די גאונים זיינען גרויס דערמיט, וואָס זיי ווערן אַלעמענס פאַרמעגן. די שטרעבונג אויפצוזוכן די אַלגעמיינע יסודות אין איינצלנע דערשיינונגען איז איינע פון די עיקר־אייגנשאַפטן פון מענטשלעכן שכל, און די גאַנצע בילדונג אונזערע..

— ווהין זייט איר פאַרפאָרן! — האָט פּיגאַסאָוו איבער־געשלאָגן מיט אַ צוצויגענעם קול. — איך בין אַ פראַקטישער מענטש און אין דידאַזיקע אַלע מעטאַפיזישע דקדוקים לאָז איך זיך נישט אריין און וועל זיך נישט אַריינלאָזן.

— זייער פיין! דאָס ווענדט זיך אָן אייער ווילן. אָבער באַמערקט נאָר, אַז אייער ווילן גופא צו זיין אויסשליסלעך

אַ פּראַקטישער מענטש איז שוין אויך אַ מין סיסטעם, אַ טעאָריע...

— די געבילדעטקייט, זאָגט איר! — האָט פּיגאַסאָװ אונטערגעכאַפּט: — אַ קלייניקייט, מיט וואָס נאָך איר ווילט איבערראַשן! זייער נויטיק איז זי, דידאָזיקע געלויבטע השכלה! קיין קופּערנעם גראָשן וועל איך נישט געבן פֿאַר אייער געבילדעטקייט.

— פֿונדעסטוועגן, אויף אַ שלעכטן אופֿן דיסקוטירט איר, אַפֿריקאַן סעמיאָניטש! — האָט דאַריאַ מיכײלאָװנאַ באַמערקט, זייענדיק ביי זיך זייער צופֿרידן מיט דער רויִקייט און פֿיינער העפֿלעכקייט פֿון איר נייעם באַקאַנטן. —

„C'est un homme comme il faut“ *) — האָט זי אַ קלער געטאָן, אַ קוק טוענדיק רודינען אין געזיכט אַריין מיט גינציקער אויפֿמערקזאַמקייט. „מען דאַרף אים מקרב זיין“. דידאָזיקע לעצטע ווערטער האָט זי אין געדאַנק אַרויסגערעדט אין רוסיש.

— איך וועל נישט גיין פֿאַרטיידיקן די השכלה, — האָט רודין, אַ ווײלע שווייגנדיק, ווייטער גערעדט: — זי נויטיקט זיך נישט אין מיין פֿאַרטיידיקונג. איר האָט זי נישט ליב... יעדער האָט זיין געשמאַק. אגב, וואָלט עס אונז צו ווייט פֿאַרפֿירט. דערלויבט מיר נאָר אייך צו דערמאָנען דאָס אַלטע ווערטל: „יופּיטער, דו בייזערסט זיך: הייסט עס, דו ביסט אומגערעכט“. איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז דידאָזיקע אַלע אָנפֿאַלן אויף סיסטעמען, אויף אַלגעמיינע חקירות א. אַז. וו.— טוען מיר דערפֿאַר אַזוי באַנג, ווייל, צוזאַמען מיט די סיסטעמען, לייקענען די מענטשן אויך אָפּ בכלל דאָס קענטניש, די וויסנשאַפֿט און דאָס גלויבן אין איר, און בכן, אויף דאָס גלויבן אין זיך גופֿא, אין די אייגענע כחות. און די מענטשן מוזן האָבן דאָסדאָזיקע גלויבן: זיי טאָרן נישט לעבן בלויז מיט איינדרוקן. ס'איז פֿאַר זיי אַ זינד מורא צו האָבן פֿאַרן געדאַנק און אים נישט טרויען. דער סקעפּטיציזם האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט פֿרוכטלאָזיקייט און מאַכטלאָזיקייט...

---

*) ער איז אַ פֿיינער מאַן.

— דאָס זיינען סתם ווערטער! — האָט פּיגאַסאָוו אַ מורמל געטאָן.

— אפשר, אָבער דערלויבט מיר אייך צו באַמערקן, אַז זאָגנדיק: „דאָס זיינען סתם ווערטער!" — ווילן מיר אָפּט אַליין לויז ווערן פון דער נויטיקייט צו זאָגן עטוואָס מער זאַכלעכעס, איידער בלויזע ווערטער.

— וואָס? — האָט פּיגאַסאָוו געפרעגט און האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

— איר האָט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, — האָט רודין געענטפערט מיט אַ נישט־ווילנדיקער, אָבער תיכף־איינגעהאַלטענער אומגעדולדיקייט. — איך חזר־איבער, אויב אַ מענטש פאַרמאָגט נישט קיין פעסטן יסוד, אין וועלכן ער גלויבט, אויב ער פאַרמאָגט נישט קיין זיכערן באָדן פעסט צו שטיין — טאָ ווי קאָן ער זיך אָפּגעבן אַ געגויען דין־וחשבון בנוגע דער באַטייטונג, צוקונפט פון זיין פאָלק? ווי קאָן ער וויסן, וואָס ער דאַרף אַליין טאָן, אויב...

— איך האָב דעם כבוד! — האָט פּלוצלונג פּיגאַסאָוו אַרויסגערעדט, האָט זיך אַ נייג געטאָן און איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, אויף קיינעם נישט אַ קוק געבנדיק.

רודין האָט אויף אים אַ בליק געטאָן, לייכט אַ שמייכל בעטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַהאַ! האָט געגומען דעם וועג! — האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ געזאָגט. — דאגהט נישט, דמיטרי... אַנטשולדיקט, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ פריינטלעכן שמייכל: — ווי רופט מען אייך לויטן פאָטערס נאָמען?

— ניקאָלאַיִטש.

— דאגהט נישט, ליבער דמיטרי ניקאָלאַיִטש, ער האָט קיינעם פון אונז נישט אָפּגענאַרט. אים גלוסט זיך מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער וויל מער נישט פירן קיין ויכוח... ער פילט, אַז ער קאָן נישט דיסקוסירן מיט אונז. אָט זעצט זיך בעסער נענטער אַביסל צו אונז, און לאָמיר פּלוידערן.

רודין האָט צוגערוקט זיין שטול.

— ווי אַזוי האָבן מיר זיך עס ביז איצט נישט באַקענט? —

האָט דאַריאַ מיכײלאָוונאַ ווייטער גערעדט. — דאָס וווּנדערט מיך... האָט איר געלייענט דאָסדאָזיקע בוך? *) C'est de Tocqueville, vous savez?

און דאַריאַ מיכײלאָוונאַ האָט דערלאַנגט רודינען אַ פֿראַנצויזישע בראָשור.

רודין האָט גענומען דאָס דינינקע ביכעלע אין די הענט, האָט איבערגעמישט אין אים עטלעכע זייטלעך און, אַנידערלייגנדיק עס צוריק אויפֿן טיש, האָט ער געענטפֿערט, אַז אייגנטלעך האָט ער נישט געלייענט טאָקווילס דאָזיקע ביכל, אָבער ער האָט אָפֿט געטראַכט וועגן דער באַרירטער פֿראַגע עס האָט זיך פֿאַרבונדן אַ שמועס. רודין האָט לכתחילה כלומרשט געקווענקלט, האָט זיך ניט אַנטשלאָסן אַרויסצוזאָגן, האָט קיין ווערטער נישט געפֿונען, אָבער לסוף האָט ער זיך צוהיצט און אָנגעהייבן ריידן. אין אַ פֿערטל שעה אַרום האָט זיך נאָר זיין שטים אַליין געהערט אין צימער. אַלע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ רעדל אַרום אים.

איין פּיגאַסאָוו איז געבליבן פֿון ווייטנס, אין ווינקל, נעבן קאַמין. רודין האָט גערעדט קלוג, הייס, זאַכלעך; האָט אַרויסגעוויזן פֿיל קענטניש, פֿיל אָנגעלייענטקייט. קיינער האָט נישט דערוואַרט צו געפֿינען אין אים אַן אויסגעצייכנטן מענטשן... אָנגעטאָן איז ער געגאַנגען אַזוי פּשוט, און געהערט האָט מען וועגן אים אַזוי ווייניק. פֿאַר אַלעמען איז געווען אומפֿאַרשטענדלעך און משונהדיק, ווי און אויף וואָסער אופֿן האָט עס פּלוצלונג, אין דאָרף, געקאָנט דערשיינען אַזאַ קלוגער מענטש ווי ער. און דערמיט האָט ער נאָך מער פֿאַרוווּנדערט און, מ'קאָן זאָגן, באַצויבערט אַלעמען, אָנהייבנדיק פֿון דאַריאַ מיכײלאָוונאַ... זי האָט זיך געפֿילט שטאָלץ מיט איר מציאה און האָט שוין פֿאָרויס געקלערט וועגן דעם, ווי אַזוי זי וועט אַריינפֿירן רודינען אין די הויכע קרייזן. אין אירע ערשטע איינדריקן איז געווען פֿיל קינדישעס, נישט נאָך אירע יאָרן. אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט, דעם אמת זאָגנדיק, פֿאַרשטאַנען ווייניק פֿון דעם, וואָס

*) עס איז געשריבן געוואָרן דורך טאָקוויל, ווייסט איר?

רודין האָט אַלץ גערעדט, אָבער זי איז געווען זייער פאַרוווּנ-דערט און דערפרייט; איר ברודער האָט זיך אויף געהידושט; פאַנדאַלעווסקי האָט נאָכגעקוקט דאַריאַ מיכיילאָווּנאַן און האָט מקנא געווען; פיגאַסאָוו האָט געטראַכט: „כ׳וועל געבן פינף הונדערט רובל — וועל איך קריגן נאָך אַ בעסערע נאַכטיגאַל!"...
אָבער מער פון אַלעמען זיינען געווען איבערראַשט באַסיסטאָוו און נאַטאַליאַ. באַסיסטאָוון האָט שיר דער אָטעם נישט פאַרכאַפּט; ער איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַן אָפענעם מויל און אויסגעסטאַרטשעטע אויגן — און האָט זיך צוגעהערט מיט אַזאַ כוונה, ווי צו קיינעם קיינמאָל ניט אין לעבן. ביי נאַטאַליאַן איז דאָס געזיכט פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ רויטער פאַרב און איר בליק, וואָס איז געווען אומבאַוועגלעך געווענדט צו רודינען, איז געוואָרן אי טונקל, אי פינקלדיק...
— ס׳אַראַ פיינע אויגן ער האָט! — האָט איר וואָלינצעוו איינגערוימט.
— יאָ, שיינע.
— אַ שאָד נאָר, וואָס זיינע הענט זיינען גרויס און רויט. נאַטאַליאַ האָט גאָרנישט געענטפערט.
מ׳האָט דערלאַנגט טיי. דער שמועס איז געוואָרן אַ מער אַלגעמיינער, אָבער לויט דער פלוצלונגדיקייט אַליין, מיט וועל-כער אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, ווי נאָר רודין האָט דאָס מויל געעפנט, האָט מען געקאָנט משפטן וועגן דעם שטאַרקן רושם, וואָס ער האָט געמאַכט. דאַריאַ מיכיילאָווּנאַן האָט זיך מיט-אַמאָל פאַרגלוסט אַ רייץ-טאָן זיך מיט פיגאַסאָוון. זי איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים שטיל געזאָגט: „וואָס זשע שווייגט איר און שמייכלט נאָר גיפטיק? פרוווט זיך נאָר אָקאָרשט, טוט זיך ווידער אַ בריה מיט אים", און נישט וואַר-טנדיק אויף זיין ענטפער, האָט זי אַ רוף געטאָן מיט דער האַנט רודינען.
— נאָך איין זאַך ווייסט איר נישט וועגן אים — האָט זי אים געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף פיגאַסאָוון: — ער איז אַ שרעקלעכער ׳ונא פון פרויען, ער פאַלט כסדר אָן אויף זיי; כ׳בעט אייך, פירט

אים אַרויף אויפֿן אמתן דרך.

רודין האָט אַ בליק געטאָן אויף פּיגאַסאָוון... נישט־ווילנדיק פֿון אויבן אַראָפּ: ער איז געווען העכער פֿון אים מיט צוויי קעפּ. פּיגאַסאָוו איז שיר נישט אַרויס פֿון די כּלים, און זיין גאַליק פּנים איז בלאַס געוואָרן.

— דאַריאַ מיכיילאָוונאַ איז זיך טועה,—האָט ער אָנגעהייבן מיט אַ נישט־זיכערן טאָן:—איך פֿאַל אָן נישט נאָר אויף פֿרויען אַליין: כ'בין נישט קיין גרויסער ליבהאָבער פֿון גאַנצן מענטשלעכן געשלעכט.

— וואָס האָט עס ביי אייך אַרויסגערופֿן אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגן אים? — האָט רודין געפֿרעגט.

פּיגאַסאָוו האָט אים אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן.

— אודאי, דאָס ערלערנען פֿונם אייגענעם האַרצן, אין וועלכן כ'געפֿין מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער שמוץ. איך משפּט וועגן אַנדערע לויט זיך אַליין. אפֿשר איז עס נישט־יושרדיק, און איך בין ערגער פֿון אַנדערע, אָבער וואָס קאָן איך טאָן? דאָס איז אַ געוווינהייט!

— איך פֿאַרשטיי אייך און פֿיל אייך מיט,—האָט רודין געענטפֿערט.—וועלכע שיינע נשמה האָט נישט געהאַט דעם דורשט זיך אַליין צו דערנידעריקן? אָבער מען דאַרף זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַזאַ מצב, וואָס האָט נישט קיין אויסוועג.

— מיין טיפֿסטן דאַנק אייך פֿאַר אַרויסגעבן מיין נשמה אַן אַטעסטאַט אויף פֿיינקייט,—האָט פּיגאַסאָוו געענטפֿערט:—אָבער מיין מצב איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, אַזוי, אַז אויב ס'איז אפֿילו פֿאַראַן פֿון אים אַן אויסוועג, איז גאָט מיט אים, כ'וועל אים גאָרנישט אָנהייבן צו זוכן.

— אָבער דאָס הייסט—זייט מוחל דעם אויסדרוק — העכער שטעלן די באַפֿרידיקונג פֿון דער אייגנליבע, איידער דעם פֿאַרלאַנג צו זיין און לעבן אין אמת...

— אין דער אמתן!—האָט אויסגערופֿן פּיגאַסאָוו:—די אייגנליבע-דאָס פֿאַרשטיי איך, און איר, גלויב איך, פֿאַרשטייט און יעדערער פֿאַרשטייט. אָבער דער אמת-וואָס איז אַזוינס אמת? וווּ

איז ער, דערדאָזיקער אמת?

— איר חזרט זיך איבער, איך וואָרן אייך,—האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ באַמערקט.

פיגאַסאָוו האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— טאָ וואָס פאַר אַן אומגליק? איך פרעג: ווו איז דער אמת? אפילו די פילאָזאָפן ווייסן נישט, וואָס ער איז אַזוינס. קאַנט זאָגט: אָט דאָס איז דער אמת; און העגעל-ניין, דו ליגסט, דער אמת איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— און איר ווייסט וואָס עס זאָגט וועגן אים העגעל?— האָט רודין געפרעגט, נישט אויפהויבנדיק העכער זיין שטים.

— איך חזר איבער,—האָט דער צוהיצטער פיגאַסאָוו געענטפערט:—אַז איך קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז דער אמת. לויט מיין מיינונג איז ער גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, דאָס הייסט, דאָס וואָרט איז יאָ פאַראַן, אָבער די זאַך גופא איז נישטאָ.

— פע, פע!-האָט אויסגערופן דאַריאַ מיכיילאָוונאַ:—ווי שעמט איר זיך נישט דאָס צו זאָגן, איר אַלטער בעל-עבירהניק! קיין אמת איז נישטאָ? צו וואָס בלייבט צו לעבן אויף דער וועלט נאָך דעם?

— איך מיין, דאַריאַ מיכיילאָוונאַ,—האָט פיגאַסאָוו געענטפערט מיט פאַרדרוס:—אַז אייך וואָלט אַלנפאַלס געווען גרינגער צו לעבן אָן דעם אמת, איידער אָן אייער קוכער סטעפּאַן, וועלכער איז אַזאַ מייסטער צו קאָכן בוליאָנען! און צו וואָס דאַרפט איר דעם אמת, זאָגט מיר, איך בעט אייך? קיין הייבל פון דעם אויפבייען קאָן מען דאָך נישט!

— אַ שפּאַס איז נישט קיין ענטפער,-האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ באַמערקט:—בפרט, אַז עס שלאָגט-אַריין אין לשון-הרע...

— איך ווייס נישט ווי דער אמת איז, אָבער די ווירקלעכקייט שטעכט די אויגן,—האָט פיגאַסאָוו אַ מורמל געטאָן און איז אַוועק אַ ביי־זער אָן אַ זייט.

רודין האָט אָנגעהייבן ריידן וועגן אייגנליבע, און זייער זאַכלעך. ער האָט דערוויזן, אַז אַ מענטש אָן אייגנליבע

איז נישטיק, אַז אייגנליבע איז אַרכימעדס הויב־שטאַב, מיט וועלכן מ'קאָן די גאַנצע ערד אַ ריר טאָן, אָבער דערביי פֿאַר־דינט יענער דעם נאָמען מענטש, ווער עס קאָן געוועלטיקן איבער זיין אייגנליבע ווי אַ רייטער איבערן פערד, ווער עס ברענגט זיך פאַר אַ קרבן צוליבן וווילשטאַנד פֿון כלל...

— עגאָיזם — האָט ער באַשלאָסן — דאָס איז זעלבסטמאָרד. אַ מענטש אַן עגאָיסט פֿאַרטריקנט גלייך ווי אַן איינזאַמער, פֿרוכטלאָזער בוים; אָבער אייגנליבע אַלס הייסע שטרעבונג צו פֿולקומענהייט איז דער קוואַל פֿון אַלעם גרויסן... יאָ, יאָ! דער מענטש דאַרף צוברעכן דעם פֿאַרעקשנטן עגאָיזם פֿון זיין פּערזענלעכקייט, כדי צו געבן איר דאָס רעכט זיך צו אַנטפּלעקן!

— צי קאָנט איר מיר נישט לייען אַ בלייפעדער? — האָט זיך פיגאַסאָוו געווענדט צו באַסיסטאָוון.

באַסיסטאָוו האָט נישט גלייך פֿאַרשטאַנען, וואָס פיגאַסאָוו האָט ביי אים געפֿרעגט.

— צו וואָס דאַרפֿט איר אַ בלייפעדער? — האָט ער לסוף אויסגערעדט.

— איך וויל פֿאַרשרייבן אָט די לעצטע פראַזע פֿון ה' רודין. נישט פֿאַרשרייבנדיק, קאָן מען נאָך, חלילה, פֿאַרגעסן! זייט זיך מודה, אַזאַ פראַזע איז אַלצאיינס ווי „דער גרויסער העלם אין ווי ס ט".

— עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע זאַכן, איבער וועלכע ס'איז אַן עבירה צו לאַכן און צו וויצלען זיך, אַפֿריקאַן סעמיאָ־ניטש! — האָט באַסיסטאָוו געזאָגט מיט היץ און זיך אָפּגעקערט פֿון פיגאַסאָוון.

דערווייל איז רודין צוגעגאַנגען צו נאַטאַליאַן. זי איז אויפגעשטאַנען: איר געזיכט האָט אויסגעדריקט צומישטקייט.

וואָלינצעוו, וואָס איז געזעסן נעבן איר, איז אויך אויפֿ־געשטאַנען.

— איך זע אַ פּאָרטעפּיאַן, — האָט רודין אָנגעהייבן ווייך און צאַרט ווי אַ וואַנדערנדער פּרינץ: — שפּילט איר נישט צמאָל אויף אים?

— יאָ, איך שפּיל—האָט נאַטאַליאַ געזאָגט:—נאָר נישט זייער גוט. אָט קאָנסטאַנטין דיאָמידיטש שפּילט אַ סך בעסער פון מיר.

פאַנדאַלעווסקי האָט אויסגעשטעלט דאָס געזיכט און זיך געביסן די ליפּן.

— אומזיסט זאָגט איר עס, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ: איר שפּילט נישט ערגער פון מיר.

— צי שפּילט איר „ערלקעניג” פון שובערט?—האָט רודין בעפרעגט.

— ער שפּילט, ער שפּילט!—האָט דאַריאַ מיכײלאָוונאַ אונטערגעכאַפּט.—זיצט, Constantin... און איר האָט ליב מוזיק, דמיטרי ניקאָלאַיִטש?

רודין האָט נאָר לייכט אָנגעגייגט דעם קאָפּ און אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די האָר, ווי גרייטנדיק זיך צום הערן...

פאַנדאַלעווסקי האָט אָנגעהייבן שפּילן.

נאַטאַליאַ האָט זיך געשטעלט נעבן פאָרטעפּיאַן, פונקט אַנטקעגן רודינען. פון ערשטן קלאַנג האָט זיין געזיכט באַקומען אַ זעלטן-שיינעם אויסדרוק. זיינע טונקל-בלויע אויגן האָבן לאַנגזאַם געבלאָנדזשעט, פון צייט-צו-צייט זיך אָפּשטעלנדיק אויף נאַטאַליאַן. פאַנדאַלעווסקי האָט געענדיקט שפּילן.

רודין האָט גאָרנישט גערעדט און איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער. אַ דופטיקער נעבל איז געלעגן ווי אַ ווייכער שלייער איבערן גאָרטן; די נאָנטע בוימער האָבן געאָטעמט מיט אַ דרימלענדיקער פרישקייט. שטערן האָבן שטיל געשימערט. די זומערדיקע נאַכט האָט זיך געצערטלט און צאַרט געמאַכט. רודין האָט אַ בליק געטאָן אין טונקעלן גאָרטן און האָט זיך אָפּגעקערט פון פענסטער.

— דידאָזיקע מוזיק און דידאָזיקע נאַכט, — האָט ער אָנגעהייבן ריידן: — האָבן מיך דערמאָנט מיינע סטודענטישע יאָרן אין דייטשלאַנד: אונזערע פאַרזאַמלונגען, אונזערע סערע־נאַדעס...

— און איר זייט געווען אין דייטשלאַנד? — האָט דאַריאַ מיכײלאָוונאַ אַ פרעג געטאָן — אַ יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין הײדלבורג און בײ אַ יאָר אין בערלין.

— און איר זייט געווען אָנגעטאָן ווי אַ סטודענט? מ'זאָגט, אַז דאָרט קליידן זיי זיך גאָר מאָדנע.

— אין הײדלבורג האָב איך געטראָגן גרויסע שטיוול מיט שפּאָרן און אַ ווענגערקע מיט שנירלעך, און האָר האָב איך געלאָזט וואַקסן ביז די סאַמע אַקסלען... אין בערלין גייען די סטודענטן אָנגעטאָן ווי אַלע מענטשן.

— דערציילט אונז עטוואָס פון אייער סטודענטיש לעבן, — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געבעטן.

רודין האָט אָנגעהייבן דערציילן. דערציילט האָט ער נישט אינגאַנצן געלונגען. אין זיינע שילדערונגען האָבן געפעלט פאַרבן. ער האָט נישט געקאָנט ברענגען צום לאַכן. אגב איז רודין פון די דערציילונגען וועגן זיינע אויסלענדישע פּאַסירונגען באַלד איבערגעגאַנגען צו אַלגעמיינע מיינונגען וועגן דער באַטייטונג פון בילדונג און וויסנשאַפט, וועגן אוניווערזיטעטן און בכלל וועגן אוניווערזיטעט־לעבן. מיט ברייטע און דרייסטע שטריכן האָט ער אָנגעוואָרפן אַ ריזיק בילד. אַלע האָבן זיך צו אים צוגעהערט מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט... גערעדט האָט ער מייסטערהאַפט, אָנציענדיק, נישט אינגאַנצן קלאָר... אָבער דידאָזיקע נישט־קלאָרקייט האָט צוגעגעבן זיינע ווערטער אַ באַזונדערן רייץ.

די שפע פון געדאַנקען האָט געשטערט רודינען זיך אויסצודריקן מיט באַשטימטקייט און גענויקייט. בילדער האָבן זיך געטוישט מיט בילדער; פאַרגלייכונגען, דאָ אומדערוואַרט־דרייסטע, דאָ איבערראַשנדיק־ריכטיקע, האָבן געבליצט איינע נאָך די אַנדערע. זיין אומגעדולדיקע אימפּראָוויזאַציע האָט געאָטעמט מיט רוח הקודש און איר איז נישט געווען קיין זעלבסטצופרידענע ראַפינירטקייט פון אַ געניטן פּלוידערער. ער האָט קיין ווערטער נישט געזוכט: זיי זיינען אַליין געקומען צו אים געהאָרזאַם און פריי [illegible] די [illegible], און יעדעס וואָרט, דוכט, האָט זיך

ביי אים געגאָסן ממש פון דער נשמה, האָט געברענט מיטן גאַנצן פלאַם פון איבערצייגונג. רודין האָט באַהערשט כמעט דעם העכסטן סוד — די מוזיק פון שיין - ריידן. אַ קלאַפּ־טוענדיק בלויז איבער איינציקע סטרונעס פון מענטשנס האַרץ, האָט רודין געקאָנט צווינגען די אַלע איבעריקע סטרונעס אומרויִק צו קלינגען און ציטערן. אַן אַנדער צוהערער האָט, אפשר, אפילו נישט פאַרשטאַנען גענוי וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך; אָבער זיין ברוסט האָט זיך שטאַרק געגומען הויבן, פון זיינע אויגן איז עפּעס אַ צודעק אַראָפּגעפאַלן און עטוואָס שטראַליקעס האָט זיך אָנגעצונדן אין דערווייטנס.

אַלע רודינס געדאַנקען, האָט זיך געדאַכט, זיינען געווענדעט געווען אין דער צוקונפט; דאָס האָט זיי צוגעגעבן עטוואָס ברויזנדיקעס און יונגעס... ער האָט אַלץ גערעדט, שטייענדיק ביים פענסטער און נישט קוקנדיק אויף קיינעם באַזונדער. אַ באַגייסטערטער מיט אַלעמענס מיטפילן און אויפמערקזאַמקייט, מיט דער נאָנטקייט פון יונגע פרויענווזנס, מיט דער שיינקייט פון דער נאַכט, מיטגעריסן מיטן שטראָם פון די אייגענע געפילן, האָט ער זיך דערהויבן צו וואָרט־שיינקייט, צו פּאָעזיע... בלויז דער קלאַנג פון זיין שטים, אַ צונויפגעפרעסטער און אַ שטילער, האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעם רושם ביי די אַרומיקע. געדוכט האָט זיך, אַז מיט זיינע ליפּן האָט גערעדט עפּעס העכערעס, וואָס איז פאַר אים אַליין אומגעריכט... רודין האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס עס גיט צו דעם צייטווייליקן מענטשלעכן לעבן אַן אייביקן ווערט.

— איך געדענק אַ סקאַנדינאַווישע לעגענדע — אַזוי האָט ער געענדיקט: — אַ מלך זיצט מיט זיינע קריגער אין אַ טונקעלן און לאַנגן שייער, אַרום אַ פייער. ס'געשעעט ווינטער ביינאַכט. פּלוצלונג פליט אַריין אין אָפענע טיר אַ קליין פייגעלע און פליט אַרויס דורך די צווייטע. דער מלך באַמערקט, אַז דאָסדאָזיקע פייגעלע איז — ווי דער מענטש אויף דער ערד: איז געקומען צופליען פון פינסטערניש און איז אַוועקגעפלויגן אין חושך, און גאַנץ ווייניק איז עס געווען אין וואַרימקייט און ליכט... „מלך“, —

ענטפערט דער עלטסטער פון די קריגער: — דאָס פייגעלע וועט אפילו אינם חושך נישט פארפאלן ווערן און עס וועט זיין נעסט געפינען"... אמת, אונזער לעבן איז אזוי שנעל און נישטיק; דאָס העכסטע אָבער ווערט אויסגעפירט דורך מענטשן. דאָס באוווסטזיין צו זיין א געוווער פון די העכסטע כחות דארף דעם מענטשן פארבייטן אַלע אַנדערע לעבנס־פריידן: אפילו אין טויט אליין וועט ער געפינען זיין לעבן, זיין נעסט...

רודין איז אנטשוויגן געוואָרן און האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן מיט א שמייכל פון נישט־ווילנדיקער פארלעגנהייט...

— Vous êtes un poète, *) — האָט דאריאַ מיכיילאָוונאַ שטיל באמערקט און אַלע האָבן אין הארצן מיט איר מסכים געווען, — אַלע א חוץ פּיגאסאָוון. נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף דעם סוף פון רודינס לאַנגער רעדע, האָט ער שטילערהייט גענומען דעם הוט, און אוועקגייענדיק כעסיק א מורמל געטאָן צו פּאנדאלעווסקין, וועלכער איז געשטאנען נעבן דער טיר:

— ניין! לאָמיר בעסער פאָרן צו נאראָנים!

אגב האָט אים קיינער נישט פארהאלטן און קיינער האָט נישט באמערקט זיין פעלן.

די דינער האָבן דערלאנגט אָוונט־ברויט און אין א האַלבער שעה ארום זיינען זיך אַלע צופאָרן און פאנאנדערגעגאנגען. דאריאַ מיכיילאָוונאַ האָט געבעטן ביי רודינען, ער זאָל בלייבן נעכטיקן. אלעקסאנדרא פּאַוולאָוונאַ, אומקערנדיק זיך מיטן ברודער אין א קארעטע אהיים, האָט עטלעכע מאָל גענומען ריידן מיט התפעלות וועגן רודינס אויסערגעוויינלעכן שארפן קאָפּ. וואָלינצעוו האָט מיט איר מסכים געווען, פונדעסטוועגן האָט ער באמערקט, אז רודין דריקט זיך אַמאָל אויס עטוואָס טונקל... דאָס הייסט נישט אינגאנצן איבערצייגנד, האָט ער צוגעגעבן, וועלנדיק, מסתמא, קלאָר מאַכן זיין געדאנק; זיין פּנים איז אָבער פארוואָלקנט געוואָרן און זיין בליק, וואָס איז געווענדעט געווען אין ווינקל פון קארעטע, האָט אויסגעזען נאָך טרויעריקער

*) איר זייט א דיכטער.

פאַנדאַלעווסקי, אויסטועענדיק זיך פאַרן שלאָף די מיט זייד-געהאָפּטענע שעלקעס, האָט, געזאָגט אויפן קול: „זייער אַ פּיפּיקער מענטש"! און פּלוצלונג האָט ער בייז אַ בליק געטאָן אויף זיין קאָזאַקל דעם קאַמערדינער און אים באַפוילן אַרויסצוגיין. באַסיסטאָוו האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און זיך נישט אויסגעטאָן: ביזן סאַמע פרימאָרגן האָט ער אַלץ געשריבן אַ בריוו צו זיינעם אַ חבר אין מאָסקווע; און נאַטאַליאַ, כאָטש זי האָט זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט אין בעט, איז זי אָבער אויף אַ מינוט נישט איינגעשלאָפן און אפילו מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. אונטערשפּאַרנדיק מיט דער האַנט דעם קאָפּ, האָט זי שטאַר געקוקט אין דער פינסטערניש; אירע אָדערן האָבן געקלאַפּט פיבערהאַפּט און אַ שווערער זיפץ האָט צייטנווייז אונטערגעהויבן איר ברוסט.

IV

אויף מאָרגן פרי, ווי נאָר רודין האָט באַוויזן זיך אָנצוטאָן, האָט זיך גלייך צו אים געמאָלדן אַ דינער פון דאַריאַ מיכײלאָוונאַ מיט אַן איינלאַדונג ער זאָל באַוויליקן צו איר אין קאַבינעט מיט איר צוזאַמען טיי טרינקען. רודין האָט זי געטראָפן איינע אַליין. זי האָט זיך זייער פריינטלעך מיט אים באַגריסט, נאָכגעפרעגט, צי ער האָט גוט די נאַכט פאַרבראַכט, האָט אים אַליין אָנגעגאָסן אַ גלעזל טיי, אפילו געפרעגט, צי ס'איז גענוג צוקער, האָט אים פאָרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס און אַ פּאָר מאָל ווידער איבערגעחזרט, אַז זי וואונדערט זיך, ווי אַזוי האָט זי זיך מיט אים שוין פון לאַנג נישט באַקאַנט. רודין האָט זיך געהאַט געזעצט אַביסל פון דערווייטנס; אָבער דאַריאַ מיכײלאָוונאַ האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ קליינעם פאַטע, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר פאָטעל, און אַביסל זיך אָנבויגנדיק אין זיין זייט, האָט זי אים גענומען אויספרעגן וועגן זיין פאַמיליע און וואָס ער רעכנט צו טאָן איצט, אין דער צוקונפט. דאַריאַ מיכײלאָוונאַ האָט גערעדט אַביסל נאַכלעסיק און אויסגע-

הערט אים צושטרייט; אָבער רודין האָט זייער גוט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז צו אים נישט גלייכגילטיק און חנפֿעט אים כמעט. נישט אומזיסט האָט זי דאָך איינגעאָרדנט דאָס פֿרימאָרגנדיקע טרעפֿן=זיך, נישט אומזיסט האָט זי זיך אָנגעטאָן פּשוט, אָבער פֿיין, à la madame Récamier! איבעריגנס, דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט אים באַלד אויפֿגעהערט פֿאַנאַנדערצופֿרעגן: זי האָט אים גענומען דערציילן וועגן זיך, וועגן איר יוגנט, וועגן די מענטשן, מיט וועלכע זי האָט זיך געקענט.

רודין האָט פֿאַרנומען מיט מיטגעפֿיל אירע רייד, כאָטש — אַ מאָדנע זאַך! — וועגן וואָס פֿאַר אַ פּערזאָן דאַריאַ מיכיילאָוונאַ זאָל נישט נעמען ריידן, איז זי פֿונדעסטוועגן געבליבן אויפֿן ערשטן פּלאַן, זי אַליין, און יענע פּערזאָן האָט זיך ווי באַהאַלטן, נעלם געוואָרן. דערפֿאַר איז רודין געוואָר געוואָרן בפּרטות, וואָס האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ גערעדט דעם און דעם באַוווסטן הויכגעשטעלטן באַאַמטן, וואָס פֿאַר אַ השפּעה זי האָט געהאַט אויף דעם און דעם באַרימטן דיכטער. משפּטנדיק נאָך דאַריאַ מיכיילאָוונאַס דערציילונגען האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַלע אויסגעצייכנטע מענטשן פֿון לעצטן פֿערטל יאָרהונדערט האָבן נאָר געטרוימט וועגן דעם, ווי אַזוי זיך צו זען מיט איר, ווי אַזוי צו פֿאַרדינען איר אויפֿגעלייגטקייט. זי האָט וועגן זיי גערעדט פּשוט אָן באַזונדערע התפּעלות און שבחים, ווי וועגן אייגענע, און אַנדערע האָט זי אָנגערופֿן: „מאָדנע נפֿשות". זי האָט גערעדט וועגן זיי, און, ווי אַ רייכע איינפֿאַסונג אַרום אַ טייערן שטיין, האָבן זיך זייערע נעמען אויסגעלייגט אין אַ גלענצנדיקן זוים אַרום דעם איינציקן הויפּט=נאָמען — אַרום דאַריאַ מיכיילאָוונאַ... און רודין האָט זיך צוגעהערט, רויכערנדיק זיין פּאַפּיראָס, און געשוויגן. זעלטן נאָר פֿלעגט ער צוגעבן אַ קליינע באַמערקונג צו די ווערטער פֿון דער פּלוידערנדיקער דאַמע. ער האָט געקאָנט און ליב געהאַט צו ריידן און פֿאַרנעמען זיך מיט פֿירן אַ שמועס האָט ער קיין חשק נישט געהאַט, אָבער ער האָט געקאָנט אויך אויסהערן אַנדערע. איטלעכער, וועמען נאָר ער האָט לכתּחילה נישט איבערגעשראָקן, האָט זיך

אָפּנהאַרציק צורעדט פאַר אים; — אַזוי גערן און ווילגענייגט האָט ער זיך צוגעהערט צו דער פרעמדער דערציילונג. רודין האָט פאַרמאָגט אַ סך גוטמוטיקייט — יענע באַזונדערע גוטמוטיקייט, מיט וועלכער עס זיינען דורכגעדרונגען מענטשן, וואָס זיינען געוווינט זיך צו האַלטן העכער פון אַנדערע. אין דיסקוסיע האָט ער זעלטן געלאָזט זיין קעגנער זיך אַרויסזאָגן און האָט אים געבויגן מיט זיין ברוינזנדיקער, ליידנשאַפטלעכער דיאַלעקטיק.

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ דאָט זיך אויסגעטענהט אין רוסיש. זי האָט קאָקעטירט מיטן קענען די אייגענע שפּראַך, כאָטש זייער אָפט האָבן זיך ביי איר דורכגעוואָרפן גאַליציזמען און פראַנצויזישע ווערטער. זי האָט זיך בכיוון באַנוצט מיט פשוטע פאָלקסטימלעכע אופנים אין ריידן, נאָר נישט שטענדיק געלונגען. דאַריאַ מיכיילאָוונאַס מאָדנע שפּראַך-בונטקייט האָט נישט באַליידיקט רודינס אויער, און גיכער האָט ער פאַר דעם גאָר קיין אויער נישט פאַרמאָגט.

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ איז לסוף מיד געוואָרן, און אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן קאָפּ אָן דער הינטערשטער קישן פון פאָטעל, האָט זי אירע בליקן געווענדט צו רודינען און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— איצט פאַרשטיי איך, — האָט רודין אָנגעהייבן מיט אַ לאַנגזאַמער שטים: — איך פאַרשטיי פאַרוואָס איר קומט יעדן זומער צופאָרן אין דאָרף. דער דאָזיקער אָפּרו איז אייך נויטיק: די דאָרפישע שטילקייט, נאָכן רעזידענץ-לעבן, דערפרישט און שטאַרקט אייך. כ'בין זיכער, אַז איר פילט זייער טיף די נאַטורשיינקייטן.

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט פון דער קרים אַ קוק געטאָן אויף רודינען.

— די נאַטור... יאָ... יאָ, אוודאי... כ'האָב זי שרעקלעך ליב; אָבער ווייסט איר, דמיטרי ניקאָלאַיִטש, אַז אין דאָרף קאָן מען אויך נישט לעבן אָן מענטשן. און דאָ איז כמעט קיינער נישטאָ. פּיגאַסאָוו איז דאָ דער קליגסטער מענטש.

— דער נעכטיקער בייזער זקן? — האָט רודין געפרעגט.

— יאָ, דערדאָזיקער... אין דאַרף קאָן ער אויך גילטן—מאַכט כאָטש אַמאָל לאַכעדיק.

— אַ מענטש איז ער גאָרנישט קיין נאַרישער,—האָט רודין באַמערקט:—אָבער ער איז אויף אַ פֿאַלשן וועג. איך ווייס נישט, דאַריאַ מיכײַלאָווּנאַ, צי איר וועט מיט מיר איינ־שטימען, אָבער אין דער פֿאַרנײַנונג—אין דער פֿולער און אַל־געמיינער פֿאַרנײַנונג—איז נישטאָ קיין ברכה. לייקנט איר נאָר אַלץ אָפּ — קריגט איר לייכט אַ שם פֿאַר אַ גרויסע חכמה: דאָס איז שוין אַ באַקאַנטע תחבולה. גוטמוטיקע מענטשן זײַנען גלײַך גרייט צו באַשליסן, אַז איר שטייט העכער פֿון דעם, וואָס איר לייקנט אָפּ. און דאָס איז אָפֿטמאָל נישט אמת. ערשטנס, קאָן מען אין אַלץ אויסגעפֿינען פֿלעקן, און, צווייטנס, אויב אפֿילו איר רעדט טאַקי אמת,—איז אײַך דאָך ערגער; אײַער געדאַנק, וואָס איז געווענדט נאָר אויף פֿאַרנײַנונג, ווערט פֿאַרקבצנט און טריקנט. ווילט איר צופֿרידנשטעלן אײַער איינגליבע, פֿאַרלירט איר דעם אמתן תענוג פֿון באַאָבאַכטן דאָס לעבן; דאָס לעבן—דער מהות פֿון לעבן—פֿאַרשווינדט פֿון אײַער קליינלעכן און גאַליקן בליק און דער סוף וועט זײַן, אַז איר וועט זיך אַרומ־צאַנקען און אַרויסרופֿן אַ געלעכטער. מוסרן, זידלען האָט נאָר יענער דאָס רעכט, ווער עס האָט ליב.

— Voilà m-r Pigassoff enterré*) — האָט געזאָגט דאַריאַ מיכײַלאָווּנאַ.—ס'איז אַ מייסטער איר זײַט צו כאַראַקטערי־זירן אַ מענטשן! איבעריקנס, פּיגאַסאָוו וואָלט אײַך, מסתמא, נישט פֿאַרשטאַנען. ליב האָבן האָט ער נאָר ליב די אייגענע פּערזאָן.

— און ער זידלט זי צוליב דעם, כדי צו האָבן דאָס רעכט צו זידלען אַנדערע,—האָט רודין אונטערגעכאַפּט.

דאַריאַ מיכײַלאָווּנאַ האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

— קומט אויס, זיך באַדאַי לאָזן שמייסן פֿאַר פֿרעמדע חטאים... אגב: וואָס פֿאַר אַ מיינונג האָט איר וועגן באַראָן?

— וועגן באַראָן? ער איז אַ פֿיינער מאַן, מיט אַ גוט

---

*) עס איז אַנגעקימען פּיגאַסאָווס סוף.

האַרץ און אַ ווײסנדער.. ער האָט אָבער נישט קיין כאַראַקטער...
און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס וועט ער שוין בלײַבן אַ האַלב־
געלערנטער, אַ האַלב־וועלטלעכער מענטש, ד. ה. אַ דילעטאַנט,
ד. ה. גלײַכער גערעדט: אַ גאָרנישט.. און אַ שאָד!

— איך בין אויך פֿון דערזעלבער מיינונג,—האָט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ געענטפֿערט. — כ'האָב געלייענט זײַן אַרטיקל
(*Entre nous... cela a assez peu de fond...

— ווער איז דאָ נאָך פֿאַראַן?—האָט רודין, אַ ווײַלע שווײַגנדיק, געפֿרעגט.

דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט אָפּגעטרייסלט מיטן מינדסטן פֿינגערל דעם אַש פֿון שפּיץ פּאַפּיראָס.

— מער איז שוין כמעט קײנער נישטאָ. ליפּינאַ, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ, וועלכע איר האָט נעכטן געזען: זי איז זייער אַ ווילע,— און נישט מער. איר ברודער איז אויך זייער אַ פֿיינער מענטש, an parfait honnête homme.(** דעם פֿירשט גאַרין קענט איר. דאָס זײַנען שוין אַלע. פֿאַראַן נאָך אַ צוויי־דריי שכנים, נאָר יענע האָבן שוין קיין שום באַטײַטונג נישט. אָדער זיי זײַנען אָנגעצויגן—האָבן שרעקלעכע פּרעטענזיעס— אָדער זיי אַנטלויפֿן פֿון מענטשן, און אַמאָל ווידער ווערן זיי גאָר צופֿיל היימיש. בנוגע די פֿרויען, ווי איר ווייסט, זע איך זיי נישט. פֿאַראַן נאָך איין שכן, מ'זאָגט זייער אַ געבילדעטער, אַפֿילו אַ געלערנטער מאַן, אָבער אַ משונהדיקער מענטש, אַ פֿאַנטאַזיאָר. Alexandrine קען אים, און איז, דוכט, צו אים נישט גלײַכגילטיק... איר וואָלט געדאַרפֿט אויף איר וואַרפֿן אַן אויג, דמיטרי ניקאָלאַיִטש: זי איז אַ ליב וועזן; מ'דאַרף זי נאָר אַביסל אַנטוויקלען, אומבאַדינגט דאַרף מען זי אַנטוויקלען!

— זי איז זייער סימפּאַטיש,—האָט רודין באַמערקט.

— ממש אַ קינד, דמיטרי ניקאָלאַיִטש, אַן אמת קינד נאָך, זי האָט שוין געהאַט אַמאַן, mais c'est tout comme...(***

---

*) צווישן זיך גערעדט... זײַנע רייד האָבן נישט קיין שטאַרקן האַפּס...
**) זייער אַן ערלעכער מאַן.
***) אָבער נאָר לפּנים-וועגן.

ווען איך וואָלט געווען אַ מאַנספּערזאָן, וואָלט איך זיך נאָר איינגעליבט אין אַזעלכע פרויען.

— באמת?

— אומבאַדינגט. אַזעלכע פרויען זיינען, לכל הפחות, פּריש, און פרישקייט לאָזט זיך נישט נאָכמאַכן.

— און אַלע איבעריקע זאַכן?—האָט רודין געפרעגט און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, וואָס ס'האָט זיך מיט אים געטראָפן זייער זעלטן. בעת ער האָט געלאַכט, האָט זיין געזיכט געקריגן אַ מאָדנעם אויסדרוק פון אַ זקן, די אויגן האָבן זיך איינגעצויגן, די נאָז געקנייטשט...

— און ווער איז עס דערדאָזיקער, ווי איר זאָגט, דער משונהדיקער, וואָס פּ' ליפּינאַ איז צו אים נישט גלייכגילטיק?—האָט ער געפרעגט.

— איינער לעזשנעוו, מיכיילאָ מיכיילישט, אַ היגער גוטס-באַזיצער.

רודין האָט זיך פאַרוואונדערט און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— לעזשנעוו, מיכיילאָ מיכיילישט?—האָט ער געפרעגט:— צי דען איז ער אייער שכן?

— יאָ. און איר קענט אים?

רודין האָט אַ רגע געשוויגן.

— איך האָב אים געקענט אַמאָל... מיט אַ צייט צוריק; ער איז דוכט זיך, אַן עושר?—האָט ער צוגעגעבן, צופּנדיק מיט דער האַנט די פרענז פון פאָטעל.

— יאָ, אַן עושר, כאָטש ער גייט אָנגעטאָן זייער קבצניש און פאָרט אין אַ לייכטער בריטשקע, ווי אַן אָנגעשטעלטער. כ'האָב אים געהאַט בדעה מקרב זיין צו מיר: מ'זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ קלוגער; איך האָב מיט אים אַן עסק... איר ווייסט דאָך, אַז איך אַליין פאַרנעם זיך מיט מיין גוט.

רודין האָט אָנגענייגט דעם קאָפּ.

— יאָ, איך אַליין,—האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ פאָרטגע-זעצט:—כ'וועל קיין שום אויסלענדישע נאַרישקייטן אין מיין גוט

נישט איינפירן, איך האַלט מיך אָן אונזער רוסישן סיסטעם, און איר זעט דאָך, די געשעפטן גייען גאָרנישט שלעכט,—האָט זי צוגעגעבן, אַ ווייז־טועג־דיק מיט דער האַנט אַרום.

— איך בין שטענדיק געווען איבערצייגט,—האָט רודין העפלעך באַמערקט:—אַז עס זיינען נישט גערעכט די יעניקע מענטשן, וועלכע זאָגן, אַז פרויען זיינען אין פראַקטישן זין נישט פעיק.

דאַריאַ מיכיילאָווונאַ האָט זיך אָנגענעם צולאַכט.

— איר זייט אַ זייער גנעדיקער מענטש—האָט זי אַרויסגע־מורמלט:—נאָר וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט? יאָ! וועגן לעזשנעוון. איך האָב מיט אים אַן עסק, וואָס איז נוגע די גרעניצן פון אונזער גוט. כ'האָב אים עטלעכע מאָל איינגעלאַדן צו זיך און אפילו היינט וואַרט איך אויף אים; אָבער גאָט ווייסט אים, וואָס ער פאָרט נישט... אַ מאָדנער מענטש דאָס איז!

די פאָרטיערן ביי דער טיר האָבן זיך שטילערהייט פאַ־נאַנדערגעטיילט און ס'איז אַריינגעקומען דער הויף־פאַרוואַלטער, אַ מאַן פון הויכן וווקס, אַ גרויער און פליכעוואַטער, אין אַ שוואַרצן פראַק, ווייסן האַלזטוך און ווייסן זשילעט.

— וואָס דאַרפסטו? — האָט דאַריאַ מיכיילאָווונאַ געפרעגט, און לייכט זיך אויסדרייענדיק צו רודינען האָט זי שטילערהייט צוגעגעבן:—N'est ce pas, comme il ressemble à Canning?*)

— מיכיילאָ מיכיילִיטש לעזשנעוו זיינען געקומען צו פאָרן,—האָט דער הויף־פאַרוואַלטער געמאָלדן: — וועט איר באַפוילן אַריינבעטן?

— אַך, מיין גאָט! — האָט דאַריאַ מיכיילאָווונאַ אויסגע־רופן: — טאַקי אָקאָרשט אים דערמאָנט. בעט אים אַריין!

דער הויף־פאַרוואַלטער איז אַרויסגעגאַנגען.

— ס'אַ מאָדנער מענטש, איז ער שוין סוף־כל־סוף

---

*) איז ער נישט ענלעך צו קאַנינגן?

געקומען צופאָרן, איז דאָס נישט אין דער פּאַסיקער צייט: ער האָט אונזער געשפּרעך איבערגעריסן.

רודין האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט; אָבער דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט אים אָפּגעשטעלט:

— וווּהין גייט איר? מיר קאָנען שמועסן אויך אין אייער געגנוואַרט. איך וויל איר זאָלט אים כאַראַקטעריזירן, ווי פּיגאַסאָון. בעת איר רעדט Vous gravez comme avek un burin *) בלייבט איבער.

רודין האָט חשק געהאַט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיך באַקלערט און איז פאַרבליבן.

מיכיילאָ מיכיילִיטש, וואָס איז שוין דעם לעזער באַקאַנט, איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט. ער האָט געטראָגן יענעם גרויען מאַנטל און אין זיינע פאַרברענטע הענט האָט ער געהאַלטן יענץ אַלט היטל. ער האָט זיך רויִק געגריסט מיט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ און איז צוגעגאַנגען צום טיי־טיש.

— ענדלעך האָט איר באַוויליקט צו קומען צו אונז, מאָסיע לעזשנעוו! — האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ געזאָגט. — איך בעט זיצן. ווי כ׳האָב געהערט, זייט איר שוין באַקאַנט, — האָט זי ווייטער גערעדט, אָנווייזנדיק אויף רודינען.

לעזשנעוו האָט אַ בליק געטאָן אויף רודינען און האָט עפּעס מאָדנע אַ שמייכל געטאָן.

— איך קען דעם הער רודין, — האָט ער אויסגעמורמלט מיט אַ לייכטער פאַרנייגונג.

— צוזאַמען געווען אין אוניווערזיטעט, — האָט רודין באַמערקט מיט אַ שטילער שטים און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— מיר האָבן זיך אויך שפּעטער געטראָפן, — האָט לעזשנעוו קאַלט אַרויסגערעדט.

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט אויף ביידן אַ קוק געטאָן מיט א געווויסער פאַרוווּנדערונג און האָט געבעטן לעזשנעוון

*) גראַווירט איר אַפּ ווי מיט אַ מעסער.

זיצן. ער האָט זיך געזעצט.

— איר האָט מיך געוואָלט זען, — האָט ער אָנגעהייבן:— מכּח די גרענעצן?

— יאָ, מכּח די גרעניצן, נאָר כ׳האָב אַזוי אויך געוואָלט אייך זען. מיר זיינען דאָך נאָנטע שכנים און שיר נישט קיין קרובים.

— כ׳בין אייך זייער דאַנקבאַר, — האָט לעזשנעוו גע-ענטפערט: — וואָס איז שייך די גרענעצן, האָב איך מיט אייער פאַרוואַלטער פולשטענדיק די זאַך ערלעדיקט: כ׳בין אויף אַלע זיינע פאָרשלאָגן מסכּים.

— כ׳האָב עס געוווּסט.

— ער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז נישט זעענדיק זיך מיט אייך פּערזענלעך, קאָן מען די פּאַפּירן נישט אונטערשרייבן.

— יאָ; דאָס איז שוין ביי מיר אַזוי איינגעפירט? אַגב, דערלויבט מיר צו פרעגן, ביי אייך צאָלן דוכט זיך, אַלע פויערים צינזש?

— יאָ, אַזוי איז עס.

— און איר אַליין טומלט זיך נאָך מכּח די גרענעצן דאָס איז זייער פיין פון אייך.

לעזשנעוו האָט געשוויגן.

— אָט בין איך געקומען זיך פּערזענלעך זען מיט אייך— האָט ער געזאָגט.

דאַריאַ מיכיילאָווּנאַ האָט אַ לאַך געטאָן.

— כ׳זע, אַז איר זייט געקומען. איר רעדט עס מיט אַזאַ טאָן... איר האָט אפנים ניט געהאַט קיין גרויס חשק צו פאָרן צו מיר.

— איך פאָר אין ערגעץ נישט — האָט לעזשנעוו פלעגמאַטיש געענטפערט.

— ערגעץ נישט? און צו אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָווּנאַ פאָרט איר?

— כ׳בין פון לאַנג שוין באַקאַנט מיט איר ברודער.

— מיט איר ברודער! איבעריגנס, איך נויט קיינעם נישט...

אָבער אַנטשולדיקט מיך, מיכיילאָ מיכיילישט, כ'בין עלטער פון אייך מיט יאָרן און האָב דאָס רעכט אייך צו מוסרן. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָט איר צו לעבן אַזוי אָפּגעזונדערט און איינזאַם? אָדער געפעלט אייך נישט אייגנטלעך מ ײ ן הויז? צי איך געפעל אייך נישט?

— איך קען אייך נישט, דאַריאַ מיכיילאָוונאַ, און דערפאַר קאָנט איר מיר נישט געפעלן ווערן. אַ הויז האָט איר אַ פּרעכטיקע; נאָר כ'בין זיך אייך אָפנהאַרציק מודה, כ'האָב נישט ליב זיך צו זשענירן. איך האָב אפילו נישט קיין אָנשטענדיקן פראַק; קיין הענדשקעס נישט; דערצו געהער איך נישט צו אייער קרייז.

— לויטן געבוירן, לויט דער ערציִונג געהערט איר יאָ צו אונדז, מיכיילאָ מיכיילישט! Vous êtes des nôtres*)

— לאָמיר איבערלאָזן דאָס געבוירן און די ערציִונג אָן אַ זייט, דאַריאַ מיכיילאָוונאַ! נישט אין דעם גייט עס...

— אַ מענטש דאַרף לעבן מיט מענטשן, מיכיילאָ מיכיילישט! וואָס פאַר אַ תענוג צו זיצן פונקט ווי דיאָגען אין אַ פאַס?

— ערשטנס, איז אים דאָרט געווען זייער גוט און, צווייטנס, פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך לעב נישט מיט מענטשן?

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט פאַרביסן די ליפּן.

— דאָס איז אַן אַנדער זאַך! אויב אַזוי בלייבט מיר נאָר צו באַדויערן, וואָס איך האָב נישט געהאַט דעם כבוד אַריינצופאַלן אין דער צאָל מענטשן, מיט וועלכע איר קענט זיך.

— מאָסיע לעזשנעוו,—האָט זיך רודין אַריינגעמישט:— טרייבט אַפּנים איבער דאָס גערימטע געפיל—די ליבע צו פרייהייט.

לעזשנעוו האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף רודינען. אַ ווייל איז שטיל געוואָרן.

---

*) איר זייט אַן אונזעריקער.

— אַלזאָ,—האָט לעזשנעוו, אויפהויבנדיק זיך, אָנגעהייבן:— איך קאָן רעכענען אונזער זאַך פֿאַר ערליידיקט און זאָגן אייער פֿאַרוואַלטער, ער זאָל צו מיר צושיקן די פּאַפּירן.

— איר קאָנט... כאָטש, דעם אמת זאָגנדיק, איר זייט אַזוי אומפּריינטלעך... איך וואָלט אייך באַדאַרפט אָפּזאָגן.

— דידאָזיקע גרענעצונג איז דאָך פֿאַר אייך אַ סך גינסטיקער ווי פֿאַר מיר.

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— איר ווילט אפילו נישט פֿרישטיקן ביי מיר?—האָט זי געפֿרעגט.

— איך דאַנק אייך פֿון גאַנצן האַרצן: איך פֿרישטיק קיינמאָל נישט, און דערצו איל איך זיך אַהיים.

דאַריאַ מיכיילאָוונאַ איז אויפגעשטאַנען.

— איך פֿאַרהאַלט אייך נישט,—האָט זי געזאָגט, צוגייענדיק צו אים:—איך וואָג נישט אייך צו פֿאַרהאַלטן.

לעזשנעוו האָט זיך אָנגעהייבן געזעגענען.

— אַדיע, מאָסיע לעזשנעוו! אַנטשולדיקט וואָס כ'האָב אייך מטריח געווען.

— ס'שאַדט נישט, ביטע זייער,—האָט לעזשנעוו געענטפֿערט און איז אַרויסגעגאַנגען.

— נו, ווי איז ער?—האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ געפֿרעגט ביי רודינען:—איך האָב געהערט וועגן אים, אַז ער איז עפּעס אַ מאָדנער מענטש; אָבער איצט זע איך, אַז ס'איז נאָך צו ווייניק געזאָגט!

— ער ליידט פֿון דערזעלבער קראַנקהייט, וואָס פּיגאַסאָוו,— האָט רודין געזאָגט:—דער פֿאַרלאַנג צו זיין אָריגינעל. יענער מאַכט זיך פֿאַר אַ מעפּיסטאָפל, דער—פֿאַר אַ ציניקער. אין דעם אַלעם איז פֿאַראַן פיל עגאָיזם, פֿיל אייגנליבע און ווייניק אמת, ווייניק ליבע. דאָס איז דאָך אויך אַ מין אויסרעכענונג; אַ מענטש האָט אָנגעטאָן אויף זיך אַ מאַסקע פֿון גלייכגילטי־קייט און פֿוילקייט, טאָמער וועט ווער אַ קלער טאָן: ווי, וויפֿיל טאַלענט עס איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דעם דאָזיקן

מענטשן! אַז מען גיט אָבער אַ קוק אַביסל שאַרפֿער—איז קײן טאַלענט גאָרנישט פֿאַרלױרן געגאַנגען.

— Et de deux!*) — האָט דאַריאַ מיכײַלאָװנאַ געזאָגט. — איר זײַט אַן אמתער מײַדים צו כאַראַקטעריזירן. פֿון אײַך קאָן מען זיך נישט אױסבאַהאַלטן.

— איר רעכנט אַזױ?—האָט רודין געזאָגט—איבעריגנס, האָט ער װײַטער גערעדט:—אין דער אמתן האָב איך נישט געדאַרפֿט רײדן װעגן לעזשנעװן; איך האָב אים ליב געהאַט, ליב געהאַט װי אַ פֿרײַנט... נאָר דערנאָך, צוליב כּלערלײ מיספֿאַרשטײעניש...

— איר האָט זיך צוקריגט?

— נײן. נאָר מיר האָבן זיך צושײדט, און צושײדט, דוכט זיך, אױף אײביק.

— כ׳האָב טאַקי באַמערקט, די גאַנצע צײַט פֿון זײַן באַזוך זײַט איר עפּעס געװען נישט װי בײַ זיך אין דער הײם... פֿונדעסטװעגן בין איך אײַך זײער דאַנקבאַר פֿאַר הײַנטיקן פֿרימאָרגן. כ׳האָב זײער אָנגענעם פֿאַרבראַכט די צײַט. מען דאַרף אָבער אױך װיסן אַ מאָס. איך לאָז אײַך פֿרײַ ביזן פֿרישטיק, און אַלײן גײ איך זיך פֿאַרנעמען מיט מײַנע עסקים. מײַן סעקרעטאַר—איר האָט אים געזען—Constantin, c'est lui qui est mon sécrétaire**)—װײַזט־אױס, װאַרט שױן אױף מיר. איך רעקאָמענדיר אים פֿאַר אײַך: ער איז אַ זעלטענער, דינסטגרײטער יונגערמאַן, און איז פֿולשטענדיק אַנטציקט פֿון אײַך. צום װידערזען, cher***) דמיטרי ניקאָלאַיִטש! װי בין איך דאַנקבאַר דעם באַראָן דערפֿאַר, װאָס ער האָט מיך באַקאַנט מיט אײַך!

דאַריאַ מיכײַלאָװנאַ האָט אױסגעצױגן רודינען די האַנט. ער האָט צוערשט זי אַ דריק געטאָן, נאָכדעם זי אונטערגעטראָגן

*) אײנער איז געגליכן צום צװײטן.

**) קאָנסטאַנטין איז מײַן סעקרעטאַר.

***) ליבער.

צו די ליפּן און איז אַרויסגעגאַנגען אין זאַל, און פֿון זאַל אויף דער טעראַסע, אויף דער טעראַסע האָט ער געטראָפֿן נאַטאַליאַן.

V

דאַריאַ מיכײַלאָווגאַס טאָכטער, נאַטאַליאַ אַלעקסייעווגאַ, האָט אויפֿן ערשטן אָנבליק געקאָנט נישט געפֿעלן ווערן. נאָך נישט אַנטוויקלט, מאָגער, אַ טונקל געזיכט, אַ ביסל אײַנגעבויגן. נאָר די שטריכן פֿון איר געזיכט זײַנען געווען שיינע און רעגלמעסיקע, כאָטש צו גרויס פֿאַר אַ זיבעצניעריק מיידל. בפֿרט איז שיין געווען איר ריינער און גלײַכער שטערן איבער אירע דינע ווי אין מיטן אָנגעשפּאַלטענע ברעמען. זי האָט ווייניק גערעדט, און געקוקט אויפֿמערקזאַם און כמעט שטאַר, — פּונקט ווי זי וואָלט זיך כּסדר געוואָלט אָפּגעבן אַ דין וחשבון. אָפֿטמאָל פֿלעגט זי בלײַבן שטיין אומבאַוועגלעך, אַראָפּלאָזן די הענט און פֿאַרקלערן זיך; אויף איר פּנים איז ניכּר געווען די אינערלעכע אַרבעט פֿונם געדאַנק... מיטאַמאָל פֿלעגט זיך באַווײַזן אַ קוים־באַמערקבאַר שמייכל אויף אירע ליפּן און פֿלעגט פֿאַרשווינדן; אירע גרויסע טונקעלע אויגן פֿלעגן זיך שטיל אויפֿהויבן אין דער הויך... *) Qu'avez vous? פֿלעגט איר פֿרעגן m-lle Boncourt און זי אָנהייבן זידלען, זאָגנדיק, אַז פֿאַר אַ יונג מיידל פּאַסט נישט צו פֿאַרטראַכטן זיך און קריגן אַ צושטרייט אויסזען. אָבער נאַטאַליאַ איז נישט געווען צושטרייט, אדרבא, זי האָט זיך געלערנט פֿלײַסיק, מיט חשק געלייענט און געאַרבעט. זי האָט געפֿילט טיף און שטאַרק, נאָר געהיים; זי האָט אויך אין די קינדער־יאָרן זעלטן געוויינט, און איצט האָט זי אפֿילו זעלטן אַ זיפֿץ געטאָן, זי פֿלעגט נאָר בלאַס ווערן, ווען עפּעס האָט איר מצער־געווען. די מוטער האָט זי געהאַלטן פֿאַר אַ פֿיינע נשמה און פֿאַר אַ קלוג מיידל, און זי פֿלעגט זי רופֿן אין שפּאַס:

---

*) וואָס איז אײַך?

mon honnête homme de fille *) אָבער זי האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון אירע גייסטיקע פעיִקייטן. „מיין נאַטאַשאַ איז, צום גליק, אַ קאַלטע, — פלעגט זי זאָגן: — נישט אין מיר געראָטן... גאַנץ גוט אַזוי. זי וועט זיין גליקלעך". דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט זיך טועה געווען. איבעריגנס, זעלטן-זעלטן טרעפט מען אַ מוטער, וואָס פאַרשטייט איר טאָכטער.

נאַטאַליאַ האָט ליב געהאַט דאַריאַ מיכיילאָוונאַן און האָט איר נישט קיין סך אָנפאַרטרויט.

— דו האָסט נישט וואָס פון מיר צו באַהאַלטן, — האָט איר דאַריאַ מיכיילאָוונאַ איינמאָל געזאָגט: — ווילסט זיך נאָר אַרומטראָגן מיט סודות: דו געדענקסט אָן זיך...

נאַטאַליאַ האָט אַ קוק געטאָן דער מוטער אין געזיכט און געטראַכט: „פאַרוואָס אייגנטלעך ניט געדענקען אָן זיך?"

בעת רודין האָט זי געטראָפן אויף דער טעראַסע, איז זי צוזאַמען מיט m—lle Boncourt געגאַנגען אין איר צימער, כדי אָנצוטאָן דעם הוט און גיין אין גאָרטן. אירע פרימאָרגנדיקע לערן-אַרבעטן האָבן זיך שוין געענדיקט. נאַטאַליאַן האָט מען אויפגעהערט צו האַלטן פאַר אַ קליין מיידעלע, m—lle Boncourt האָט איר שוין לאַנג נישט געגעבן קיין לעקציעס פון דער מיטאָלאָגיע און געאָגראַפיע; נאָר נאַטאַליאַ האָט יעדן פרימאָרגן געדאַרפט לייענען היסטאָרישע ביכער, רייזע-באַשרייבונגען און אַנדערע באַלערנדע ווערק — אין איר געגנוואַרט. אויסגעקליבן די ביכער האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ, גלייך ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן אָן אירס אַ באַזונדער סיסטעם. אין דער אמתן האָט זי נאַטאַליאַן געגעבן אַלץ, וואָס עס האָט איר געשיקט דער פראַנצויזישער בוכהענדלער פון פעטערבורג, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, די ראָמאַנען פון דיומאַ דעם זון און קאָמפ. דידאָזיקע ראָמאַנען האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ אַליין געלייענט. M—lle Boncourt פלעגט באַזונדער שטרענג און זויער קוקן דורך אירע ברילן, בעת נאַטאַליאַ פלעגט לייענען היסטאָרישע ביכער: לויט

---

*) מיין ערלעכע טאָכטער.

די באַגריפֿן פֿון דער אַלטער פֿראַנצויזין, איז די גאַנצע היסטאָריע פֿול געווען מיט נישט דערלאָזבאַרע זאַכן, כאָטש זי אַליין האָט פֿון די גרויסע מענטשן, וואָס אין אַלטערטום, געקענט נאָר איין קאַמביזן, און פֿון די נייסטע צייטן — לודוויק דעם XIV און נאַפּאָלעאָנען, וועמען זי האָט סובל זיין נישט געקאָנט. אָבער נאַטאַליאַ האָט געלייענט אויך אַזעלכע ביכער, וואָס m—lle Boncourt האָט פֿון זייער עקזיסטענץ גאָרנישט גע־ווּסט: זי האָט געקענט אויסווייניק גאַנץ פּושקינען...

נאַטאַליאַ איז לייכט רויט געוואָרן ביים באַגעגענען זיך מיט רודינען.

— איר גייט שפּאַצירן? — האָט ער זי געפֿרעגט.

— יאָ מיר גייען אין גאָרטן.

— מ׳קאָן מיטגיין מיט אייך?

נאַטאַליאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף m—lle Boncourt.

— Mais certainement, monsieur, avec plaisir (*

האָט איילנדיק אויסגערעדט די אַלטע בתולה.

רודין האָט גענומען דעם הוט און איז אַוועק גלייך מיט זיי.

נאַטאַליאַן איז לכתחילה געווען אומבאַקוועם צו גיין מיט רודינען אין איין שורה איבער איין שטעגעלע; נאָכדעם איז איר אַביסל לייכטער געוואָרן. ער האָט זי גענומען אויספֿרעגן וועגן איר לערנען זיך, וועגן דעם, ווי אַזוי עס געפֿעלט איר דאָס דאָרף. זי האָט געענטפֿערט נישט אָן פּחד, אָבער אָן יענער איבעראיילטער שעמעוודיקייט, וועלכע מ׳גיט און מ׳נעמט אָן זייער אָפֿט פֿאַר אַ געפֿיל פֿון חרפּה. דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט.

— אייך איז נישט לאַנגווייליק אין דאָרף? — האָט רודין זי געפֿרעגט, וואַרפֿנדיק אויף איר זייטיקע בליקן.

— ווי קאָן עס זיין לאַנגווייליק אין דאָרף? איך בין זייער צופֿרידן, וואָס מיר זיינען דאָ. כ׳בין דאָ זייער גליקלעך.

---

*) פֿאַרשטייט זיך, מיין הער, מיט פֿאַרגעניגן.

— איר זייט גליקלעך... דאָס איז אַ גרויס וואָרט. איבעריגנס, דאָס איז פֿאַרשטענדלעך: איר זייט יונג.

רודין האָט אַרויסגערעדט דאָס לעצטע וואָרט עפּעס מאָדנע: איז אין דעם געווען קנאה צו נאַטאַליאַן, אָדער האָט ער זי באַדויערט.

— יאָ! יוגנט! — האָט ער צוגעגעבן. — דער גאַנצער צוועק פֿון דער וויסנשאַפֿט איז — צו גיין באַוווּסטזיניק צו דעם גליק, וואָס דער יוגנט איז עס געגעבן געוואָרן אומזיסט.

נאַטאַליאַ האָט אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף רודינען: זי האָט אים נישט פֿאַרשטאַנען.

— כ'האָב היינט אַ גאַנצן פֿרימאָרגן געשמועסט מיט אייער מוטער, — האָט ער ווייטער גערעדט, — זי איז אַן אויסערגעוויינלעכע פֿרוי. איך פֿאַרשטיי פֿאַרוואָס אַלע אונזערע דיכטער האָבן טייער געהאַלטן איר פֿריינטשאַפֿט. און איר האָט ליב שירים? — האָט ער צוגעגעבן, שווייגנדיק אַ ווייל.

„ער עקזאַמענירט מיך", האָט אַ קלער געטאָן נאַטאַליאַ און האָט געזאָגט: — יאָ, כ'האָב זייער ליב.

— פּאָעזיע — דאָס איז די שפּראַך פֿון געטער. איך אַליין האָב ליב שירים. אָבער נישט אין שירים אַליין איז פֿאַראַן פּאָעזיע. זי איז אויסגעגאָסן אומעטום, זי איז פֿאַראַן אַרום אונז... גיט אַ קוק אויף די דאָזיקע ביימער, אויף דעם דאָזיקן הימל — פֿון אומעטום ווייעט מיט שיינקייט און לעבן; און וווּ ס'איז פֿאַראַן שיינקייט און לעבן, דאָרט איז אויך פּאָעזיע.

— לאָמיר זיך זעצן דאָ אויף דער באַנק, — האָט ער פֿאָרטגעזעצט. — אָט אַזוי. מיר דאַכט זיך עפּעס, אַז בעת איר וועט צו מיר צוגעוווינט ווערן (און ער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ שמייכל איר אין געזיכט אַריין), וועלן מיר ווערן פֿריינט! ווי מיינט איר?

„ער באַגייט זיך מיט מיר, ווי מיט אַ קליין מיידעלע", האָט נאַטאַליאַ ווידער געקלערט און, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן, האָט זי אים געפֿרעגט, צי האָט ער בדעה לאַנג נאָך צו פֿאַרבלייבן אין דאָרף.

— דעם גאַנצן זומער, דעם האַרבסט און, קאָן זיין, אויך דעם ווינטער. איך, ווי איר ווייסט, בין אַ קנאַפּער גביר; מיינע געשעפטן ליגן אין ארצה און אַ חוץ דעם איז מיר מאוס געוואָרן צו שלעפּן זיך פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן. צייט זיך אָפּצורוען.

נאַטאַליאַ האָט זיך פאַרוואונדערט.

— צי דען געפינט איר, אַז פאַר אייך איז שוין צייט אָפּצורוען? — האָט זי נישט־דרייסט געפרעגט.

רודין האָט זיך אויסגעדרייט מיטן געזיכט צו נאַטאַליאַן:

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— איך וויל זאָגן,--האָט זי געענטפערט אַביסל אין פאַרלעגנהייט.—אַז אָפּרוען קאָנען אַנדערע; און איר... איר דאַרפט אַרבעטן, זיך באַמיען צו זיין נוצלעך. ווער זשע, אויב נישט איר...

— אַ דאַנק פאַר די גוטע מיינונג, — האָט זי רודין איבערגעשלאָגן—זיין נוצלעך... גרינג צו זאָגן! (ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן געזיכט) זיין נוצלעך!—האָט ער איבערגעחזרט.—ווען כ'וואָלט אַפילו יאָ פאַרמאָגט די פעסטע איבערצייגונג: ווי קאָן איך זיין נוצלעך?—אויב כ'וואָלט אפילו געגלויבט אין די אייגענע כחות—טאָ וווּ געפינט מען אויפריכטיקע, מיטפילנדע נשמות?...

און רודין האָט אַזוי יאושדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַזוי טרויעריק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אַז נאַטאַליאַ האָט זיך נישט ווילנדיק געפרעגט: צי האָט זי עס פון אים ערשט נעכטן אין אָוונט געהערט אַזעלכע באַגייסטערטע רייד, וואָס אָטעמען מיט האָפנונג?

— איבעריגנס, ניין,—האָט ער צוגעגעבן, א שאָקל טוענדיק פלוצלונג מיט זיין לייבן־גריווע:—דאָס איז נאַרישקייט, און איר זייט גערעכט. איך דאַנק אייך, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ, איך דאַנק אייך האַרציק. (נאַטאַליאַ האָט כלל נישט געוווּסט פאַר וואָס ער דאַנקט איר). דאָס איין וואָרט אייערס האָט מיר דערמאָנט מיין פליכט, האָט מיר אָנגעוויזן מיין וועג... יאָ,

איך דאַרף טעטיק זיין. איך דאַרף נישט באַהאַלטן מיין טאַלענט, אויב איך פאַרמאָג אים; איך דאַרף נישט פאַרשווענדן מיינע כּחות בלויז אויף פוסטע פלוידעריי, אויף אומנוציקע פלוידעריי, אויף הוילע ווערטער..

זיינע ווערטער האָבן זיך געגאָסן ווי אַ טייך. ער האָט גערעדט שיין, מיט פייער, מיט איבערצייגונג—וועגן דער שאַנד פון קליינמוטיקייט און פוילקייט, וועגן דער נויטיקייט צו טאָן ממשותדיקעס. ער האָט זיך אַליין פאַרשאָטן מיט פאָרוואורפן, האָט באַוויזן, אַז חקירהן זיך פאָרויס וועגן דעם, וואָס דו ווילסט טאָן, איז פונקט אַזוי שעדלעך ווי אָנשטעכן מיט אַ פילקע אַ פרי, וואָס האַלט ערשט אין צייטיק ווערן, אַז דאָס איז נאָר אַן אומזיסטע פאַרשווענדונג פון כּחות און זאַפטן. ער האָט פאַרזיכערט אַז ס'איז נישטאָ גאָר קיין גוטע מחשבה, וועלכע זאָל נישט געפינען קיין סימפּאַטיע, אַז אומפאַרשטאַנען בלייבן נאָר יענע מענטשן, וועלכע אָדער זיי ווייסן נאָך אַליין נישט וואָס זיי ווילן, ענטוועדער זיי זיינען נ י ש ט ו ו ע ר ט מ'זאָל זיי פאַרשטיין. ער האָט גערעדט לאַנג און געענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט נאָכאַמאָל געדאַנקט נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ און האָט לחלוטין אומגעריכט איר אַ דריק געטאָן די האַנט און געזאָגט:—איר זייט אַ שיין, פיין וועזן!

דידאָזיקע פרייקייט האָט איבערראַשט די m-lle Boncourt, וועלכע האָט, נישט קוקנדיק אויף איר פערציק־יעריק וווינען אין רוסלאַנד, מיט שווערקייט פאַרשטאַנען די רוסישע שפּראַך און זי האָט נאָר באַוווּנדערט די זעלטענע שנעלקייט און פליסיקייט פון רודינס ריידן. איבעריגנס, אין אירע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ מין ווירטואָז אָדער אַרטיסט; און פון אַזעלכע מינים מענטשן קאָן מען, לויט אירע באַגריפן, נישט פאָדערן, זיי זאָלן אָפּהיטן דעם באָן־טאָן.

זי איז אויפגעשטאַנען און, שנעל פאַרריכטנדיק אויף זיך איר קלייד, האָט זי מודיע געווען נאַטאַליאַן, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אַהיים, בפרט, אַז monsieur Volinsoff (אַזוי האָט זי אָנגערופן וואָלינצעוון) האָט געוואָלט קומען צום

פּרישטיק.

— אָט איז ער אויך!—האָט זי צוגעגעבן, אַ קוק טוענדיק אין איינע פון די אַלעען, וואָס פירן פון שטוב.

באמת האָט זיך נישט ווייט באַוויזן וואָלינצעוו.

ער איז צוגעגאַנגען מיט נישט-אַנטשלאָסענע טריט, האָט זיך פון דערווייטנס געגריסט מיט אַלעמען און ווענדנדיק זיך צו נאַטאַליאַן מיט אַ קרענקלעכן אויסדריק אויפן געזיכט, האָט ער אַרויסגערעדט:

— אַ! איר שפּאַצירט?

— יאָ,—האָט נאַטאַליאַ געענטפערט:—מיר זיינען שוין געגאַנגען אַהיים.

— אַ!—האָט וואָלינצעוו אַרויסגעבראַכט—מילא, קומט.

און אַלע זיינען אַוועק צו דער שטוב.

— וואָס מאַכט אייער שוועסטער?—האָט רודין געפרעגט ביי וואָלינצעוון מיט אַ באַזונדער פריינטלעכער שטים. ער איז מיט אים אויך נעכטן אין אָוונט געווען פריינטלעך.

— מיין בעסטן דאַנק. זי איז געזונט. זי וועט אפשר היינט קומען אַהער... איר האָט, דאַכט זיך, וועגן עפּעס געשמועסט, בעת איך בין צוגעגאַנגען?

— יאָ, ביי אונז איז געגאַנגען אַ שמועס מיט נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ. זי האָט מיר געזאָגט איין וואָרט, וואָס האָט אויף מיר שטאַרק געווירקט..

וואָלינצעוו האָט נישט געפרעגט וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ וואָרט, און אַלע האָבן זיך אין טיפן שווייגן אומגעקערט אין שטוב פון דאַריאַ מיכיילאָוונאַ.

פאַרן מיטאָג האָט מען זיך ווידער צונויפגעזאַמלט אין סאַלאָן. פּיגאַסאָוו איז פונדעסטוועגן נישט געקומען צופאָרן. רודין איז געווען עפּעס נישט אויפגעלייגט; ער האָט אַלץ געבעטן פּאַנדאַלעווסקין צו שפּילן בעטהאָווענען. וואָלינצעוו האָט געשוויגן און האָט אַלץ געקוקט אויף די פּאָדלאָגע. נאַטאַליאַ

איז שניט אָפּגעטראָטן פון דער מוטער, דאָ פּלעגט זי זיך פאַרטראַכטן, דאָ זיך נעמען צו איר אַרבעט. באַסיסטאָוו האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון רודינען, וואַרטנדיק אַלץ, צי וועט ער נישט זאָגן עפּעס קלוגעס? אַזוי זיינען אַוועק אַ שעה דריי גאַנץ לאַנגווייליק. אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ איז נישט געקומען צו מיטאָג — און וואָלינצעוו, ווי נאָר מ'איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט ער גלייך געהייסן איינשפּאַנען זיין ברישקע און האָט זיך אַרויסגעמאַכט, נישט געזעגנענדיק זיך מיט קיינעם.

ס'איז אים זייער שווער געווען. ער האָט שוין פון לאַנג ליב געהאַט נאַטאַליאַן און האָט זיך אַלץ געקליבן צו מאַכן איר אַ פאָרשלאַג... זי האָט זיך צו אים באַצויגן גוטווייליק — אָבער איר האַרץ איז צו אים קאַלט געווען: ער האָט עס קלאָר געזען. ער האָט גאָרנישט געהאָפט אויפצווועקן אין איר האַרץ אַ מער צאַרט געפיל און האָט נאָר געוואַרט די רגע, בעת זי וועט זיך לגמרי צוגעוווינען צו אים און וועט זיך דערנענטערן צו אים. וואָס זשע האָט אים געקאָנט אויפרעגן? וואָס פאַר אַן ענדערונג האָט ער באַמערקט אין די דאָזיקע צוויי טעג? נאַטאַליאַ איז זיך מיט אים באַגאַנגען אַזוי ווי פריער...

איז אים איינגעפאַלן אין מח אַ געדאַנק, אַז ער קאָן אפשר לגמרי נישט נאַטאַליאַס כאַראַקטער, אַז זי איז אים נאָך מער פרעמד, ווי ער האָט געמיינט? — האָט זיך אין אים אַן איפערזוכט אויפגעוועקט? האָט ער אומרו:ק דערפילט עפּעס נישט-גוטעס?... אָבער ער האָט אַלץ געליטן, ווי ער זאָל זיך אַליין נישט האָבן איינגערעדט.

בעת ער איז אַריינגעגאַנגען צו זיין שוועסטער, איז ביי איר געזעסן לעזשנעוו.

— פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי פרי אומגעקערט? — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט.

— אַזוי! ס'איז געוואָרן אומעטיק.

— רודין איז דאָרט?

— דאָרט.

וואָלינצעוו האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס היטל און זיך

געזעצט.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט זיך מיט לעבעדיקייט צו אים געווענדט:

— כ'בעט דיך, סעריאָזשאַ, העלף מיר איבערצוציַיגן דעמדאָזיקן עקשן (זי האָט אַ ווייז געטאָן אויף לעזשנעוון) דעריך, אַז רודין איז אויסערגעוויינלעך קלוג און רעדט זייער שיין.

וואָלינצעוו האָט עפּעס אַ ברום געטאָן.

— אַז איך האָב גאָרנישט קעגן אייער מיינונג, — האָט לעזשנעוו אָנגעהייבן: — איך צווייפל נישט אין ה' רודינס פאַרשטאַנד און כח־הדבור; איך זאָג נאָר, אַז ער געפעלט מיר נישט.

— דו האָסט אים דען געזען? — האָט וואָלינצעוו געפרעגט.

— כ'האָב אים געזען היינט אין דער פרי, ביי דאַריאַ מיכיילאָוונאַ. ער איז דאָך ביי איר אַ גרויס־וויזיר. ס'וועט קומען אַ צייט און זי וועט זיך אויך מיט אים צושיידן — בלויז מיט פּאַנדאַלעווסקין וועט זי זיך קיינמאָל נישט צושיידן — אָבער איצטער געוועלטיקט ער. כ'האָב אים געזען, ווי דען! ער זיצט — און זי ווייזט אים אָן אויף מיר: „קוקט נאָר אָן, מיין פריינט, וואָס פאַר אַ ברואים עס האָדעווען זיך ביי אונז". כ'בין נישט קיין ראַסן־פערד און בין נישט געוווינט מ'זאָל מיך גיין אויסשטעלן. כ'האָב גענומען און אַוועקגעפאָרן.

— טא צו וואָס ביסטו געווען ביי איר?

— מכּה דער גרענעצונג; אָבער ס'איז אַ נאַרישקייט: איר האָט זיך פּראָסט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף מיין פיזיאָנאָמיע. אַ פרוי — איז דאָך דאָס פאַרשטענדלעך!

— אייך באַליידיקט דאָס, וואָס ער שטייגט אייך איבעראַט וואָס! — האָט אלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ אָנגעהייבן ריידן מיט היץ: — אָט וואָס איר קאָנט אים נישט מוחל זיין. און איך בין זיכער, אַז אַחוץ שכל, מוז ער נאָך האָבן אַן אויסגעצייכנט האַרץ. איר טוט אַ בליק אויף זיינע אויגן, בעת ער...

— רעדט וועגן הויכן יושר"... — האָט לעזשנעוו אונטערגעכאַפּט.

— איר וועט מיך דערצערענען און כ'וועל זיך צעוויינען.

איך באַדויער פון גאַנצן האַרצן, וואָס איך בין נישט געפאָרן צו דאַריאַ מיכײלאָװנאַ און בין געבליבן מיט אײַך. איר זײַט דאָס נישט ווערט. הערט שוין אויף זיך צו רײַצן מיט מיר, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ קלאָגנדיקער שטים. — איר דערציילט מיר בעסער וועגן זײַן יוגנט.

— וועגן רודינס יוגנט?

— נו, יאָ. איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר קענט אים גוט און זײַט שוין לאַנג מיט אים באַקענט.

לעזשנעוו איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַדורכגעגאַנגען איבערן צימער.

— יאָ, — האָט ער אָנגעהייבן: — איך קען אים גוט. איר ווילט, אַז איך זאָל אײַך דערציילן וועגן זײַן יוגנט? ביטע. געבוירן איז ער אין ט—וו, בײַ אָרימע גוטסבאַזיצער. זײַן פֿאָטער איז פֿרי געשטאָרבן. ער איז געבליבן איינער בײַ זײַן מוטער. זי איז געווען זייער אַ גוטע פֿרוי און ער איז בײַ איר געווען די גאַנצע טרייסט: זי האָט זיך דערנערט בלויז מיט געטריקנטן האָבער-מעל, און ווו זי האָט נאָר געהאַט אַ גראָשן, האָט זי אויסגעגעבן אויף אים. זײַן ערציִונג האָט ער באַקומען אין מאָסקווע, לכתחילה אויפֿן חשבון פֿון עפּעס אַ פֿעטער, און נאָכדעם, אַז ער איז אונטערגעוואָקסן, אויפֿן חשבון פֿון איינעם אַ רײַכן פֿירשטל, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעקלעפּט... נו, אַנטשולדיקט, כ'וועל מער נישט... מיט וועלכן ער האָט זיך באַפֿרײַנדעט. שפּעטער איז ער אַרײַנגעטראָטן אין אוניווערזיטעט. אין אוניווערזיטעט האָב איך זיך באַקענט מיט אים און מיר זײַנען זייער נאָנט געוואָרן. וועגן אונזער דעמאָלסטיקער אַרט לעבן וועל איך מיט אײַך ריידן אַן אַנדערש מאָל. איצט קאָן איך נישט. נאָכדעם איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד. .

לעזשנעוו איז אַלץ געגאַנגען איבערן צימער; אַלעקסאַנדראַ פּאַװלאָװנאַ האָט אים נאָכגעשפּירט מיטן בליק.

— פֿון אויסלאַנד, — האָט ער ווײַטער דערציילט: — האָט רודין געשריבן צו זײַן מוטער זייער זעלטן, און האָט זי באַזוכט אײַנגאַנצן איין מאָל, אויף אַ צען טעג... די אַלטיטשקע

איז אויך אויסגעגאַנגען אָן אים, אויף פרעמדע הענט. אָבער ביזן סאַמע טויט האָט זי די בליקן נישט אַראָפּגענומען פון זיין פּאָרטרעט. איך פלעג צו איר פאָרן, בעת איך האָב געוווינט אין ט—ו. זי איז געווען אַ זייער גוטע פרוי און אַ זעלטן-גאַסטפריינטלעכע; פלעגט מיך שטענדיק מכבד זיין מיט קאַרשן-איינגעמאַכטס. זי האָט איר מיטיען ליב געהאַט מיט לייב און זעל. די הערן פון פעטשאָרינס שול וועלן אייך זאָגן, אַז מיר האָבן שטענדיק ליב יענע, וועלכע זיינען אַליין ווייניק פעיִק ליב צו האָבן; און מיר דוכט זיך, אַז אַלע מוטערס האָבן ליב זייערע קינדער, בפרט יענע, וואָס זיינען נעבן זיי נישטאָ. נאָכדעם האָב איך זיך געטראָפן מיט רודינען אין אויסלאַנד. דאָרט האָט זיך צו אים צוגעבונדן איינע אַ דאַמע, פון אונזערע רוסישע, עפעס אַ „בלויער זאָק", שוין נישט קיין יונגע און נישט קיין שיינע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ „בלויען זאָק". ער האָט זיך זייער לאַנג מיט איר אַרומגעשלעפּט, און, לסוף, זי אַוועקגעוואָרפן... אָדער ניין, כ'האָב אַ טעות געהאַט: זי האָט אים אַוועקגעוואָרפן. און דאַמאָלס האָב איך אים אויך אַוועקגעוואָרפן. און דאָס גאָר.

לעזשנעוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן און, גלייך ווי אַ פאַרמאַטערטער, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול.

— ווייסט איר וואָס, מיכיילאָ מיכיילִיטש, — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ אָנגעהייבן! — ווי איך זע, זייט איר אַ שלעכטער מענטש; באמת, איר זייט נישט בעסער פון פּיגאַסאָוון. כ'בין זיכער, אַז אַלץ, וואָס איר האָט געזאָגט, איז אמת, אַז איר האָט גאָרנישט מגזם געווען, און פונדעסטוועגן אין וואָס פאַר אַ פיינטלעכן שיין האָט איר דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט! די דאָזיקע אָרימע זקנה, איר איבערגעגעבנקייט, איר איינזאַמער טויט, די דאָזיקע דאַמע.. נאָך וואָס איז דאָס אַלץ?... ווייסט איר, אַז מ'קאָן דאָס לעבן פון דעם סאַמע בעסטן מענטשן מאָלן אין אַזעלכע פאַרבן—און גאָרנישט צוגעבנדיק, באַמערקט עס—אַז איטלעכער וואָלט אויפגעציטערט געוואָרן! דאָס איז דאָך אויך אַ מין

לשון-הרע!

לעזשנעוו איז אויפגעשטאַנען און איז זיך ווידער דורכגע-גאַנגען איבערן חדר.

— איך האָב גאָרנישט געוואָלט אייך מאַכן אויפציטערן, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ,— האָט ער לסוף געזאָגט.— איך בין נישט קיין באַריידער. איבעריגנס— האָט ער צוגעגעבן, אַ ווײַלע קלערנדיק:— באמת, ס'איז פֿאַראַן אַביסל אמת דערין, וואָס איר האָט געזאָגט. איך האָב נישט גערעדט קיין לשון-הרע אויף רודינען; אָבער— ווער ווייסט!— אפשר האָט ער באַוויזן זיך צו ענדערן— קאָן זיין, איך בין אומגערעכט בנוגע אים.

— אַ! אָט זעט איר שוין... טאָ זאָגט זשע מיר צו, אַז איר וועט באַנײַען די באַקאַנטשאַפֿט, איר וועט אים גוט דער-קענען און דאַמאָלס וועט איר מיר אַרויסזאָגן אײַער ענדגילטיקע מיינונג וועגן אים.

— ביטע... אָבער וואָס שווייגסטו, סערגיי פּאַוולוויטש?

וואָלינצעוו האָט אַ ציטער געטאָן און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, גלײַך ווי מ'וואָלט אים אויפגעוועקט.

— וואָס זאָל איך ריידן? איך קען אים נישט. אגב, טוט מיר היינט וויי דער קאָפּ.

— דו ביסט טאַקע היינט עפּעס בלאַס— האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ באַמערקט:— ביסטו געזונט?

— דער קאָפּ טוט מיר וויי,— האָט וואָלינצעוו איבערגע-חזרט און איז פֿון צימער אַרויס.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ און וואָלינצעוו האָבן אַ קוק געטאָן נאָך אים און האָבן זיך מיט אַ בליק געטוישט, נאָר געזאָגט האָבן זיי איינע די אַנדערע גאָרנישט. נישט פֿאַר אים, נישט פֿאַר איר איז נישט געווען קיין סוד, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין וואָלינצעווס האַרץ.

VI

עס זיינען פאַרבייגעגאַנגען העכער צוויי חדשים. אין משך פון דערדאָזיקער גאַנצער צייט איז רודין כמעט נישט אָפּגעפאָרן פון דאַריאַ מיכיילאָווגאַ. זי האָט זיך אָן אים נישט געקאָנט באַגיין. דערציילן אים וועגן זיך, אויסהערן זיינע חקירות, איז געוואָרן פאַר איר אַ באַדערפעניש. איינמאָל האָט ער געוואָלט אַוועקפאָרן מיטן אויסרייד, אַז אים איז דאָס גאַנצע געלט אויסגעגאַנגען, האָט זי אים דאַן געגעבן פינף הונדערט רובל. ער האָט אויך ביי וואָלינצעוון געליען אַ צוויי הונדערט רובל. פיגאַסאָוו האָט נאָך מער זעלטן ווי פריער באַזוכט דאַריאַ מיכיילאָווגאַן: רודין האָט אים ענג געמאַכט מיט זיין אָנוועזנהייט. איבעריגנס, דידאָזיקע משא האָט נישט נאָר פיגאַסאָוו געשפּירט.

— כ'האָב נישט ליב דעמדאָזיקן איבערגעשפּיצטן,—פלעגט ער זאָגן:—ער רעדט אַזוי אומנאַטירלעך, מיט צלע פּיטשעווקעס ווי אַ העלד פון די רוסישע דערציילונגען: זאָגט: „איך" און איז מפסיק פון הנאה... נאָר „איך" און „איך"... ווערטער געברויכט ער עפּעס אַזעלכע אויסגעצויגענע. ווערסט אַ ניס טאָן,—ווערט ער דיר גלייך גיין דערווייזן, פאַרוואָס האָסטו דווקא אַ ניס געטאָן און נישט קיין הוסט... אַז ער לויבט דיר, איז גלייך ווי ער וואָלט געשאָנקען אַ ראַנג... הויבט ער אָן זיך אַליין צו זידלען, מאַכט זיך צו דער בלאָטע גלייך,—קלערסטו: איצט וועט ער שוין אויף גאָטס וועלט נישט אַ קוק טאָן אפילו. אָבער נעכטיקע טעג! ער ווערט נאָך אפילו פריילעכער, גלייך ווי ער וואָלט דעם ביטערן טראָפּן אַריינגעכאַפּט.

פּאַנדאַלעווסקי האָט מורא געהאַט פאַר רודינען און איז אויסגעגאַנגען מיט אים גאַנץ באַרעכנט. וואָלינצעוו האָט זיך געפונען מיט אים אין מאָדנע באַציִונגען. רודין האָט אים אָנגערופן ריטער, האָט אים געלויבט אין די אויגן און הינטער די אויגן; אָבער וואָלינצעוו האָט אים ניט געקאָנט ליב קריגן און יעדעס מאָל האָט ער געפילט אַן אומווילקיע אומגעדולד און פאַרדרוס,

בעת יענער האָט גענומען אין זיין געגנוואַרט פֿאַנאַנדערצוגלידערן זיינע מעלות. „צי לאַכט ער נישט אַמאָל פֿון מיר?“ האָט ער געטראַכט, און דאָס האַרץ האָט זיך מיט שנאה אין אים אַ ריר געטאָן. וואָלינצעוו האָט זיך באַמיט צו באַהערשן זיך; אָבער ער איז געווען אויף אים אייפֿערזיכטיק צוליב נאַטאַליאַן. און אַפֿילו רודין גופֿא, כאָטש ער פֿלעגט שטענדיק וואָלינצעוון באַגריסן מיט פּאַראַד, כאָטש ער פֿלעגט אים אָנרופֿן ריטער און געליען ביי אים געלט, איז צו אים געווען קנאַפּ-וואָס אויפֿגעלייגט. ס'איז שווער געווען צו זאָגן אויף געוויס, וואָס אייגנטלעך האָבן געפֿילט דידאָזיקע ביידע מענטשן, בעת זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געדריקט די האַנט און געקוקט אין די אויגן אַריין?

באַסיסטאָוו האָט ווייטער אַלץ געהאַט אַ געפֿיל פֿון יראת הכּבוד צו רודינען און האָט זיין יעדעס וואָרט געשלונגען. רודין האָט ווייניק אַכט געלייגט אויף אים. עפּעס איין מאָל האָט ער פֿאַרבראַכט מיט אים אַ גאַנצן פֿרימאָרגן, האָט געשמועסט מיט אים וועגן די סאַמע וויכטיקע וועלט-פּראָבלעמען און אויפֿגאַבן, און האָט אויפֿגעוועקט אין אים שטאַרקע התפּעלות; אָבער נאָכדעם האָט ער אים אַוועקגעוואָרפֿן... קענטיק, ער האָט נאָר מיטן מויל געזוכט ריינע און איבערגעגעבענע נשמות. מיט לעזשנעוון, וועלכער האָט אָנגעהייבן פֿאָרן צו דאַריאַ מיכיילאָווונאַ, האָט רודין נישט געוואָלט אַפֿילו אַריינגיין אין אַ וויכּוח און האָט אים ווי אויסגעווייכט. לעזשנעוו האָט זיך אויך אַזוי קאַלט מיט אים באַגאַנגען, נאָר איבעריגנס, ר'האָט נישט אַרויסגעזאָגט וועגן אים זיין ענדגילטיקע מיינונג, וואָס דאָס האָט געבראַכט דאַריאַ מיכיילאָווונאַן אין פֿאַרלעגנהייט. זי האָט פֿון רודינען שטאַרק געהאַלטן; אָבער אויך אין לעזשנעוון האָט זי געגלויבט. אַלע אין דאַריאַ מיכיילאָווונאַס הויז האָבן זיך אונטערגעגעבן רודינס קאַפּריזן: זיינע מינדסטע פֿאַרלאַנגען זיינען דערפֿילט געוואָרן. דער סדר פֿון די טאָג-אַרבעטן איז שטענדיק פֿון אים געווען אָפּהענגיק. קיין איינציקע partie de plaisir איז אָן אים נישט צונויפֿגעשטעלט געוואָרן. איבעריגנס, ער איז קיין גרויסער בעלן

נישט געווען אויף שפּאַציר-נסיעות און שפּילערייען, און האָט אין זיי גענומען אַן אַנטייל, גלייך ווי דערוואַקסענע אין קינדער-שפּילן, מיט פֿרייַנטלעכער און אַביסל לאַנגווײַלנדער גוטוויליקייט. דערפֿאַר האָט ער אַלץ געהאַט אויפֿן אויג: האָט גערעדט מיט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ מכּח די ענינים פֿון גוט, וועגן ערציִונג פֿון די קינדער, וועגן בעל-הביתישקייט און בכלל וועגן אַלע געשעפֿטן; פֿלעגט אויסהערן אירע השערות, איז געדולדיק געווען אַפֿילו צו קלייניקייטן, האָט פֿאָרגעלייגט תּיקונים און נייע רעפֿאָרמען. דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ איז פֿון דעם אַנטציקט געווען נאָר מיטן מויל — און נישט מער. אין דער בעל-הביתישקייט האָט זי זיך געהאַלטן אָן די עצות פֿון איר פֿאַרוואַלטער, אַ באַיאָרטער, איין-אויגיקער קליין-רוס, אַ גוטמוטיקער, שלויערלך. „אַלטס איז שפּעדיק, יונגס איז מאָגער", פֿלעגט ער זאָגן צושמייכלענדיק בנעימות און ווינקענדיק מיט זיין איינציקן אויג.

אַ חוץ מיט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַן האָט רודין אַזוי אָפֿט און אַזוי לאַנג מיט קיינעם נישט געשמועסט, ווי מיט נאַטאַליאַן. ער האָט איר בסוד געגעבן ביכער, איר אָנפֿערטרויט זיינע פּלענער, געלייענט פֿאַר איר די ערשטע זייטלעך פֿון געפּלאַנטע אַרטיקלען און שריפֿטן. זייער זין איז אָפֿט געבליבן נישט-צוגיינגלעך פֿאַר נאַטאַליאַן. איבעריקנס, רודין, האָט זיך געדוכט, האָט ווייניק געזאָרגט דערפֿאַר, זי זאָל אים פֿאַרשטיין — אַבי זי זאָל אים נאָר אויסהערן. זיין נאָענטקייט מיט נאַטאַליאַן האָט נישט אַזוי שטאַרק געשמעקט דאַריאַ מיכײַלאָוונאַן. אָבער, — האָט זי געקלערט: — זאָל זי מיט אים פּלוידערן אין דאָרף. ער שפּילט זיך מיט איר ווי מיט אַ קליין מיידעלע. קיין גרויס אומגליק שטעקט נישט דערין, און זי וועט דאָך קליגער ווערן... אין פּעטערבורג וועל איך דאָס אַלץ ענדערן...

דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט זיך טועה געווען. נישט ווי אַ קליין מיידעלע האָט נאַטאַליאַ געפּלוידערט מיט רודינען: זי האָט דורשטיק געשלונגען זיינע רייד, האָט זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין זייער באַטייטונג, זי האָט אים איבערגעגעבן אירע געדאַנקען און ספֿקות צו זיין משפּט: ער איז געווען איר ערציִער,

איר וועג-ווייזער. דערווייל האָט נאָר דער קאָפּ אַליין ביי איר זיך צופלאַמט... אָבער אַ יונג קעפּל פלאַמט נישט לאַנג אַליין. וואָס פאַר אַ זיסע רגעס האָט נאַטאַליאַ איבערגעלעבט,* בעת, ס'פלעגט טרעפן, רודין האָט אין גאָרטן, אויף אַ באַנק, אין לייכטן דורכזיכטיקן שאָטן פון אַ יאַשען, פאַר איר פאָרגעלייענט געטעס „פאַוסט", האָפמאַנען, אָדער בעטינאַס בריוו, צי נאָוואַליסן, אָפּשטעלנדיק זיך אַלע ווײַלע און אויסטייטשנדיק דאָס, וואָס איר האָט אויסגעוויזן נישט קלאָר! דייטש האָט זי גערעדט שלעכט, ווי כמעט אַלע רוסישע פרייליינס, אָבער פאַרשטאַנען האָט זי גוט, און רודין איז געווען אינגאַנצן פאַרטיפט אין דער דייטשער פּאָעזיע, אין דער דייטשער ראָמאַנטישער און פילאָזאָ-פישער וועלט און זי מיטגעצויגן מיט זיך אין יענע צויבער-לענדער. פאַרהוילענע, פּרעכטיקע, האָבן זיי זיך אַנטפּלעקט פאַר איר אויפמערקזאַמען בליק. פון די זייטן פונם בוך, וואָס רודין האָט געהאַלטן אין די הענט, האָבן וווּנדערלעכע בילדער, נייע ליכטיקע געדאַנקען געשטראָמט אין איר נשמה, און אין איר האַרץ, וואָס האָט געצאַפּלט אין טיפער פרייד פון דערהויבענע געפילן, האָט זיך שטיל אָנגעצונדן און זיך צוגליט אַ הייליקער פונק פון באַגייסטערונג...

— זאָגט מיר, דמיטרי ניקאָלאַיִטש, — האָט זי אָנגעהויבן איינמאָל זיצנדיק ביים פענסטער מיט אַ העפטערײַ: — איר וועט דאָך אויף ווינטער אַוועקפאָרן קיין פּעטערבורג?

— איך ווייס נית, — האָט רודין געענטפערט, אַראָפּלאָזנ-דיק אויף די קני דאָס בוך, וואָס ער האָט איבער-געמישט: — אויב איך וועל אויפשלאָגן געלט, וועל איך פאָרן.

ער האָט גערעדט פויל: ער האָט געפילט אַ מידיקייט און איז אַרומגעגאַנגען ליידיק פון סאַמע אינדערפרי אָן.

— איך מיין, ווי קאָנט איר עס נישט אויסגעפינען קיין געלט?

רודין האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אייך דאַכט זיך אַזוי.

און ער האָט בילדייטיק אַ קוק געטאָן אין דער זייט.

נאַטאַליאַ האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטן.

— טוט אַ קוק, — האָט רודין אָנגעהייבן, און האָט איר אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אין פענסטער: — איר זעט דעם דאָזיקן עפּלבוים: ער האָט זיך צובראָכן פון שווערקייט און איבערפלוס פון זיינע אייגענע פּירות. אַן אמתע עמבלעמע פון אַ זשעני...

— ער האָט זיך צובראָכן דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין אָנלען, — האָט נאַטאַליאַ געענטפערט.

— איך פאַרשטיי אייך, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ; אָבער אַ מענטשן איז נישט אַזוי לייכט צו געפינען אַן אָנלען.

— מיר שיינט, דאָס מיטגעפיל פון אַנדערע... אַלנפאַלס, די איינזאַמקייט...

נאַטאַליאַ האָט זיך אַביסל פאַרפלאָנטערט און איז רויט געוואָרן.

— און וואָס וועט איר טאָן ווייטער אין דאָרף? — האָט זי איילנדיק צוגעגעבן.

— וואָס איך וועל טאָן? איך וועל ענדיקן מיין גרויסן אַרטיקל — איר ווייסט — איבער דאָס טראַגישע אינם לעבן און אין דער קונסט — כ'האָב אייך אייערנעכטן דערציילט דעם פּלאַן — און וועל עס אייך צושיקן.

— און איר וועט עס דרוקן?

— ניין.

— פאַרוואָס ניט? פאַר וועמען זשע וועט איר זיך מיען?

— זאָל זיין פאַר אייך.

נאַטאַליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— דאָס איז נישט נאָך מיינע כחות, דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש!

— וועגן וואָס, דערלויבט מיר צו פרעגן, האַנדלט זיך אין אַרטיקל? — האָט באַשיידן געפרעגט באַסיסטאָוו, וועלכער איז געזעסן פון דערווייטנס.

— איבער דאָס טראַגישע אינם לעבן און אין דער קונסט — האָט רודין איבערגעחזרט. — אָט וועט עס אויך דורכליי[ענען]

ה׳ באַסיסטאָוו. איבעריגנס, איך בין נאָך נישט אינגאַנצן אויפן דורך מיטן גרונט-געדאַנק. כ׳האָב נאָך עד היום נישט גענוג קלאָר געמאַכט זיך אַליין די טראַגישע באַטייטונג פון ליבע.

רודין האָט גערן און אָפט גערעדט וועגן ליבע. לכתחילה ביים וואָרט: ליבע, פלעגט m—lle Boncourt אויפגעציטערט ווערן און פלעגט אָנשטעלן די אויערן, ווי אַן אַלט קריגס-פערד אַז עס דערהערט אַ טרומייט, אָבער נאָכדעם איז זי צוגעווינט געוואָרן און פלעגט נאָר איינציען די ליפּן און שמעקן ומ׳ט אַ הפסקה טאַבאַק.

— מיר שיינט, — האָט נאַטאַליאַ נישט-דרייסט באַמערקט:— דאָס טראַגישע אין דער ליבע — דאָס איז אַן אומגליקלעכע ליבע.

— ס׳הייבט זיך נישט אָן! — האָט רודין געענטפערט:— דאָס איז גיכער די קאָמישע זייט פון ליבע... דידאָזיקע פראַגע דאַרף מען גאָר אַנדערש אוועקשטעלן... מען דאַרף טיפער אריינבדרינגען... די ליבע! — האָט ער ווייטער גערעדט, — אין איר איז אַלץ אַ סוד: ווי זי קומט, ווי זי אַנטוויקלט זיך, ווי זי פאַרשווינדט. דאָ דערשיינט זי מיטאַמאָל, אַן אומצווייפלהאַפטע, אַ פריידיקע, ווי דער טאָג, דאָ צאַנקט זי לאַנג, ווי פייער אונטער אַש, און רייסט זיך אַריין ווי אַ פלאַם אין נשמה, בעת אַלץ איז שוין חרוב; דאָ קריכט זי אין האַרץ אַריין, ווי אַ שלאַנג, און דאָ גאָר ווערט זי פון דאָרט נעלם... יאָ, יאָ; דאָס איז אַ וויכטיקע פראַגע. און ווער האָט ליב אין אונזער צייט, ווער ווערט וואַגן ליב צו האָבן?

און רודין האָט זיך פאַרטראַכט.

— פאַרוואָס זעט מען עפּעס נישט אַזוי לאַנג סערגיי פּאַוולאָוויטשן? — האָט ער פלוצלונג געפרעגט.

נאַטאַליאַ האָט זיך אָנגעצונדן און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו איר העפטעריי.

— איך ווייס נישט, — האָט זי אַ מורמל געטאָן.

— ס׳אַראַ אויסגעצייכנטער זעלטענער מענטש דאָס איז! — האָט רודין אַרויסגערעדט און איז אויפגעשטאַנען — דאָס איז איינער אַ זעלטענער מוסטער פון אַן איצטיקן רוסישן דוואָריאַנין...

M—lle Boncourt האָט אויף אים קרום אַ קוק געטאָן מיט אירע פֿראַנצויזישע אויגלעך.

רודין האָט זיך דורכשפּאַצירט איבערן צימער.

— האָט איר באַמערקט, — האָט ער געזאָגט, אויסדרייענדיק זיך צו איר אויפֿן קנאַפּל: — אַז פונם דעמב — און דער דעמב איז אַ שטאַרקער בוים — פֿאַלן נאָר דאַמאָלס אַראָפּ די אַלטע בלעטער, בעת עס הייבן שוין אָן צו שפּראָצן יונגע.

— יאָ, — האָט נאַטאַליאַ לאַנגזאַם געענטפֿערט: — כ'האָב באַמערקט.

— פּונקט דאָסזעלבע פּאַסירט אויך מיט דער אַלטער ליבע אין אַ שטאַרק האַרץ: זי איז שוין געשטאָרבן, אָבער האַלט זיך נאָך; בלויז אַן אַנדערע, אַ נייע ליבע קאָן זי אַרויסיאָגן.

נאַטאַליאַ האָט גאָרנישט געענטפֿערט.

„וואָס הייסט עס?" האָט זי אַ קלער געטאָן.

רודין איז געבליבן שטיין אַ ווייל, האָט אַ טרייסל געטאָן מיט די האָר און איז אַוועקגעגאַנגען.

נאַטאַליאַ איז אַוועק צו זיך אין צימער. לאַנג איז זי געזעסן אַ פֿאַרוווּנדערטע אויף איר בעטל, לאַנג האָט זי געטראַכט וועגן רודינס לעצטע ווערטער און פּלוצלונג האָט זי פֿאַרבראָכן מיט די הענט און האָט זיך ביטער פֿאַנאַנדערגעוויינט. אויף וואָס האָט זי געוויינט? — גאָט ווייסט! זי האָט אַליין נישט געוווּסט, פֿאַרוואָס האָבן זיך פּלוצלונג אַ גאָס געטאָן ביי איר טרערן. די האָט זיך אָפּגעווישט די באַקן, נאָר די טרערן זיינען ווייטער געפֿלאָסן, ווי וואַסער פֿון אַ לאַנג צונויפֿגעזאַמלטן קוואַל.

אין דעמזעלבן טאָג איז ביי אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ פֿאָרגעקומען אַ געשפּרעך וועגן רודינען מיט לעזשנעוון. לכתחילה האָט ער אַלץ צוגעשוויגן; אָבער זי האָט זיך אַנטשלאָסן אַרויסצוקריגן פֿון אים ווערטער.

— איך זע, — האָט זי צו אים געזאָגט: — אַז דמיטרי ניקאָלאַעוויטש געפֿעלט אייך נישט, ווי תמיד. איך האָב אייך

בפיוון ביז אהער נישט פאַנאַנדערגעפּרעגט; אָבער איר האָט שוין איצט באַוויזן זיך צו איבערצייגן, צי אין אים איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג, און איך וויל וויסן, פאַרוואָס ער געפעלט אייך נישט.

— ביטע, — האָט לעזשנעוו געענטפערט מיט זיין געוויינלעכער פלעגמאַטישקייט: — אויב איר האָט אַזוי קיין געדולד נישט, אָבער, זעט, זייט נישט אין כעס...

— נו, הייבט־אָן, הייבט־אָן.

— און לאָזט מיר ריידן פון אָנהייב ביזן סוף.

— ביטע, ביטע, הייבט־אָן.

— אַלזאָ — האָט לעזשנעוו אָנגעהייבן, זיך אַראָפּלאָזנדיק פּאַמעלעך אויפן דיוואַן: — איך לאָז אייך צו וויסן, אַז רודין געפעלט מיר באמת נישט. ער איז אַ קלוגער מענטש...

— נאָך ווי!

— ער איז אַ מערקווירדיק קלוגער מענטש, כאָטש אין תוך אַריין אַ פּוסטער...

— דאָס איז גרינג צו זאָגן!

— כאָטש אין תוך אַריין אַ פּוסטער, — האָט לעזשנעוו איבערגעחזרט, — נאָר דאָס איז נאָך נישט קיין אומגליק: מיר זיינען אַלע פּוסטע מענטשן. איך וועל אים אַפילו נישט פאַרוואַרפן די שולד דערין, וואָס ער איז אַ דעספּאָט אין זיין גייסט, אַ פוילער, נישט זייער באַהאַוונט...

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט.

— נישט זייער באַהאַוונט! רודין! — האָט זי אויסגערופן.

— נישט זייער באַהאַוונט, — האָט פּונקט מיטן זעלבן קול לעזשנעוו איבערגעחזרט: — האָט ליב אַ לעב צו טאָן אויף פרעמדן חשבון, טראָגט אַ מאַסקע און אַזוי ווייטער... דאָס אַלץ אויפן געוויינלעכן שטייגער. אָבער שלעכט איז דאָס, וואָס ער איז קאַלט ווי אייז.

— ער, די דאָזיקע פלאַמיקע נשמה, איז קאַלט! — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ איבערגעשלאָגן.

— יאָ, קאַלט ווי אייז, און ער ווייסט עס, און ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פלאַמיקן. שלעכט איז דאָס, — האָט לעזשנעוו ווייטער גערעדט, ביסלעכווייז צוהיצנדיק זיך: — וואָס ער שפּילט אַ געפּערלעכע שפּיל — אַ געפערלעכע נישט פאַר אים, פאַרשטייט זיך; אַליין שטעלט ער נישט קיין קאָפּיקע, קיין האָר נישט אין קאָן — און אַנדערע שטעלן די נשמה...

— וועגן וועמען, וועגן וואָס רעדט איר? איך פאַרשטיי אייך נישט, — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט.

— שלעכט איז דאָס, וואָס ער איז נישט ערלעך. ער איז דאָך אַ קלוגער מענטש: ער מוז דאָך וויסן דעם פּרייז פון זיינע ווערטער — און ער רעדט זיי אַרויס אַזוי, גלייך זיי וואָלטן אים באמת עפּעס געקאָסט... ס'איז קיין ספק נישט, ער רעדט זייער שיין, אָבער זיין שיין-ריידן איז נישט קיין רוסישעס. אַחוץ דעם, קאָן מען דאָס שיין-ריידן מוחל זיין נאָר אַ יונג בחורל, אָבער אין זיינע יאָרן איז אַ חרפּה זיך צו צאַצקען מיטן קלאַנג פון די אייגענע ווערטער, ס'איז אַ שאַנד צו מאַכן אַ גרויסן אָנשטעל!

— מיר דאַכט זיך, מיכיילאָ מיכיילישט, פאַרן צוהערער איז אַלצאיינס, צי איר מאַכט אַ גרויסן אָנשטעל אָדער נישט...

— אַנטשולדיקט, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ, ס'איז נישט אַלצאיינס. איינער וועט מיר זאָגן אַ וואָרט, וועט עס מיר אינגאַנצן דורכנעמען, אַן אַנדערער אָבער וועט מיר דאָסזעלבע וואָרט זאָגן, אָדער נאָך אַ שענערס — און כ'וועל עס אַפילו נישט אויסהערן. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

— דאָס הייסט, איר וועט נישט אויסהערן, — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ איבערגעשלאָגן.

— יאָ, איך וועל נישט אויסהערן, — האָט לעזשנעוו געענטפערט: — כאָטש קאָן זיין, מיין חוש השמיעה איז נאָך צופיל אַנטוויקלט. די זאַך באַשטייט דערין, וואָס רודינס ווערטער בלייבן אייביק ווערטער, און קיינמאָל וועלן זיי נישט ווערן קיין מעשים — אָבער דאָך קאָנען דיזעלבע ווערטער צומישן, אומברענגען אַ יונגע נשמה.

— אָבער וועגן וועמען, וועגן וועמען רעדט איר, מיכײלאָ מיכײליטש?

לעזשנעװ איז שטיין געבליבן.

— איר ווילט וויסן וועגן וועמען איך רייד? וועגן נאַטאַליאַ אַלעקסײעװנאַ.

אַלעקסאַנדראַ פּאַװלאָװנאַ איז אויף אַ ווייל צומישט געוואָרן, נאָר באַלד האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס רעדט איר? — האָט זי אָנגעהייבן: — ס'אַראַ מאָדנע געדאַנקען האָט איר שטענדיק! נאַטאַליאַ איז נאָך אַ קינד; און אויב, איבעריקנס, עס וואָלט יאָ עפּעס געווען, מיינט איר דען, אַז דאַריאַ מיכײלאָװנאַ...

— דאַריאַ מיכײלאָװנאַ איז, ערשטנס, אַן עגאָיסטין און לעבט פֿאַר זיך; און, צווייטנס, איז זי אַזוי זיכער אין איר קענען ערציִען קינדער, אַז עס פֿאַלט איר אַפֿילו גאָרנישט איין צו ציטערן איבער זיי. פּע, ווי איז עס מעגלעך! איין רגע נאָר, איין מאַיעסטעטישן בליק — און אַלץ וועט אַוועקגיין כּשורה. אָט וואָס עס טראַכט זיך דידאָזיקע דאַמע, וועלכע האַלט זיך אי פֿאַר אַ מעצענאַטין, אי פֿאַר אַ חכמת, אי גאָט ווייסט פֿאַר וואָס נאָך, און אין דער אמתן איז זי נישט מער, ווי אַ וועלטלעכע פֿרוי אַ זקנה. און נאַטאַליאַ איז נישט קיין קינד: גלויבט מיר, זי דענקט עפּטער און טיפֿער, איידער מיר ביידע. און אָט אַזאַ תּמימותדיקע, ליידנשאַפֿטלעכע און הייסע נאַטור דאַרף זיך אָנשטויסן אָן אַזאַ אַקטיאָר, אָן אַ קאָקעטקע! איבעריקנס, אויך דאָס איז שוין לויטן געוויינלעכן שטייגער.

— קאָקעטקע! דאָס רופֿט איר אים אָן קאָקעטקע?

— אַוודאי אים... נו, זאָגט אַליין, אַלעקסאַנדראַ פּאַװלאָװנאַ, וואָס פֿאַר אַ ראָלע שפּילט ער ביי דאַריאַ מיכײלאָװנאַ? זיין אַ געץ, אַן אָראַקול אין שטוב, אַריינמישן זיך אין די געשעפֿטן, אין די פֿאַמיליען־רכילות און סכסוכים — צי דען פּאַסט עס פֿאַר אַ מאַנסביל?

אַלעקסאַנדראַ פּאַװלאָװנאַ האָט מיט פֿאַרוווּנדערונג אַ קוק געטאָן לעזשנעװן אין געזיכט אַריין.

— איך דערקען אייך נישט, מיכײלאָ מיכײליטש, — האָט זי אויסגערעדט. — איר האָט זיך פֿאַרוויטיקט, איר זייט געקומען אין אויפֿרעגונג — מסתּמא, מוז דאָ שטעקן עפּעס אַנדערש...

— שוין אַן אַלטע מעשה! רעדסט צו אַ פֿרוי זאַכלעך, לויט דיין איבערצייגונג, און זי וועט זיך נישט באַרויִקן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זי וועט נישט אויסזוכן עפּעס אַ קליינע זייטיקע סיבה, וואָס צוליב איר זאָלסטו עס האָבן גערעדט דווקא אַזוי און נישט אַנדערש.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ איז אין כּעס געוואָרן.

— בראַוואָ, מאָסיע לעזשנעוו! איר הייבט אָן פֿאַרפֿאָלגן פֿרויען נישט ערגער פֿון ה׳ פּיגאַסאָוון; נאָר, אַפֿילו, ווי איר זאָלט נישט זיין דורכדרינגענד, פֿונדסטוועגן איז מיר שווער צו גלויבן, אַז איר זאָלט אין אַזאַ קורצע צייט קאָנען אַלעמען און אַלץ פֿאַרשטיין. מיר שיינט, איר זייט זיך טועה. לויט אייך איז רודין אַ מין טאַרטיוף.

— אין דעם גייט עס דאָך, וואָס ער איז אַפֿילו קיין טאַרטיוף נישט. יענער טאַרטיוף האָט לכל הפּחות געוווּסט צו וואָס ער שטרעבט; אָבער דערדאָזיקער, ביי זיין גאַנצער חכמה...

— וואָס, טאָ וואָס איז ער? דערענדיקט אייערע רייד, אומגערעכטער, מאוסער מענטש!

לעזשנעוו איז אויפֿגעשטאַנען.

— הערט נאָר, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ, — האָט ער אָנגעהייבן: — אומגערעכט זייט איר און נישט איך. איר האָט פֿאַראיבל אויף מיר פֿאַר מיינע צו שאַרפֿע מיינונגען וועגן רודינען: איך האָב דאָס רעכט צו ריידן וועגן אים שאַרף! איך האָב אפֿשר דאָסדאָזיקע רעכט געקויפֿט פֿאַר אַ נישט קליינעם פּרייז. איך קען אים גוט: כ׳האָב לאַנג געלעבט מיט אים צוזאַמען. איר געדענקט, כ׳האָב אייך צוגעזאָגט צו דערציילן ווען עס איז פֿון אונזער לעבן אין מאָסקווע. ווייזט-אויס, איצט וועט עס אויסקומען צו טאָן. אָבער וועט איר האָבן געדולד מיך אויסצוהערן?

— רעדט, רעדט!

— נו, ביטע.

לעזשנעוו האָט גענומען גיין מיט לאַנגזאַמע טריט איבערן צימער און צייטנווייז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעגנייגט דעם קאָפּ פאָרויס.

— איר ווייסט אפשר — האָט ער אָנגעהייבן; — און אפשר ווייסט איר נישט, אַז איך בין פרי אַ יתום געוואָרן און שוין אויפן זיבעצנטן יאָר האָב איך שוין נישט געהאַט קיין גרעסערן, וואָס זאָל שטיין איבער מיר. איך האָב געוווינט אין מיין מומעס הויז, אין מאָסקווע, און האָב געטאָן, וואָס איך האָב אַליין געוואָלט. כ'בין געווען אַ זייער פוסט און עגאָיסטיש בחורל. האָב ליב געהאַט צו מאַכן אָנשטעל און זיך באַרימען. אַריינטרעטנדיק אין אוניווערזיטעט, האָט איך זיך אויפגעפירט ווי אַ שילער יינגל. און אין אַ קורצע צייט אַרום בין איך אַריינגעקראָכן אין עפּעס אַן ענין, כ'וועל אייך נישט גיין דערציילן די געשיכטע, עס לוינט נישט. איך האָב געזאָגט ליגן, און זייער מאוס געלייגט... מ'האָט מיך גענומען אין דער אַרבעט. אין די אויגן אָפּגעלייקענט, געברענגט מיך צו חרפה... איך האָב זיך פאַרלוירן און זיך צוויינט ווי אַ קינד. דאָס איז פאָרגעקומען אין דער וווינונג פון איינעם אַ באַקאַנטן, אין דער געגנוואַרט פון פיל חברים. אַלע האָבן גענומען לאַכן פון מיר, אַלע, אַחוץ איין סטודענט, וועלכער, באַמערקט עס, איז מער פון אַלע געווען אויף מיר אויפגעבראַכט, ביז וואַנען כ'האָב זיך איינגעעקשנט און זיך נישט מודה געווען אין מיין ליגן. אפשר האָט ער אויף מיר רחמנות געקריגן, נאָר ער האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט און מיך אַוועקגעפירט צו זיך אין שטוב.

— דאָס איז געווען רודין? — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט.

— ניין, דאָס איז נישט געווען רודין... דאָס איז געווען אַ מענטש... ער איז שוין געשטאָרבן... דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש. גערופן האָט מען אים פּאָקאָרסקי. אָפּמאָלן אים אין עטלעכע ווערטער בין איך נישט ביכולת,

און הייבט מען אָן ווצגן אים צו ריידן, ווילט זיך שוין ווענן קיין אַנדערע זאַך נישט שמועסן. דאָס איז געווען אַ הויכע ריינע נשמה, און אַזאַ בעל-שכל האָב איך נאָכדעם שוין נישט באַגעגנט. פּאָקאָרסקי האָט געוווינט אין אַ קליינינקן, נידעריקן חדרל, אין אַן אויבערשטיבל פון אַן אַלט הילצערן הייזל. ער איז געווען זייער אָרים און האָט געלעבט פון לעקציעס. ס'פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט נישט קענען מכבד זיין אַ גאַסט אַפילו מיט אַ גלעזל טיי; און זיין איינציקער דיוואַן האָט זיך אויף אַזוי פיל אַראָפּגעזעצט, אַז ער איז געוואָרן ענלעך אויף אַ שיפל. נאָר, נישט קוקנדיק אויף דידאָזיקע אומבאַקוועמלעכקייטן, איז צו אים געגאַנגען אַ גרויסער עולם מענטשן. אַלע האָבן אים ליב געהאַט, ער האָט געצויגן צו זיך הערצער. איר וועט נישט גלויבן, ווי זיס און פריילעך עס איז געווען צו זיצן אין זיין אָרים צימערל! ביי אים האָב איך זיך באַקענט מיט רודינען. ער איז שוין דאַן אָפּגעשטאַנען פון זיין פּירשטל.

— וואָס אַזעלכעס באַזונדערעס איז עס געווען אין דעמדאָזיקן פּאָקאָרסקי? — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? פּאָעזיע און דער אמת — אָט וואָס עס האָט אַלעמען געצויגן צו אים. ביי זיין קלאָרן טיפן שכל איז ער געווען ליב און שפּילעוודיק ווי אַ קינד. מיר קלינגט נאָך עד היום אין די אויערן זיין ליכטיק געלעכטער און אין דערזעלבער צייט האָט ער —

גערבערנט ווי מיטנאַכט — נר-תמיד
פאַר אַ הייליקייט פון גוטס...

אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט וועגן אים איינער אַ האַלבמשוגענער און אַ זייער באַליבטער דיכטער פון אונזער קרייזל.

— און ווי האָט ער גערעדט? — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ ווידער געפרעגט.

— ער האָט שיין גערעדט, בעת ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, אָבער ס'איז קיין וווּנדער נישט. רודין האָט אויך דאַמאָלס געקענט צוואַנציק מאָל שענער ריידן פון אים.

לעזשנעוו האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקרייצט די הענט

אויף דער ברוסט.

— פּאָקאָרסקי און רודין זיינען נישט געווען געראָטן איינע אין די אַנדערע. רודין האָט פאַרמאָגט מער גלאַנץ און רויש, מער פראַזן און, אפשר, מער ענטוזיאַזם. ער האָט אויסגעוויזן מער באַגאַבט פון פּאָקאָרסקין און אין דער אמתן איז ער געווען אַ קנאַפּצן אין פאַרגלייך מיט אים. רודין האָט אויסגעצייכנט אַנטוויקלט וואָסער עס איז געדאַנק, האָט מייסטערהאַפט געפירט וכּוחים; אָבער די געדאַנקען זיינען געבוירן געוואָרן נישט אין זיין קאָפּ: ער האָט זיי גענומען ביי אַנדערע, און בפרט ביי פּאָקאָרסקין. פּאָקאָרסקי איז אויפן אָנבליק געווען שטיל, ווייך, אפילו שוואַך, און האָט ליב געהאַט פרויען ביז שגעון, האָט ליב געהאַט אַ לעב צו טאָן, און האָט פון זיינס נישט נאָכגעלאָזט. רודין האָט אויסגעזען פול פייער, פול דרייסטקייט און לעבן, אָבער זיין נשמה איז געווען אַ קאַלטע און ער איז געווען כמעט אַ ווייכהאַרציקער. כל-זמן מ׳האָט זיין אייגנליבע נישט אָנגערירט: דאָ איז ער אויף די ווענט געקראָכן. ער האָט זיך מיט אַלע כּחות באַמיט צו מאַכן אַנדערע אונטערטעניק צו זיך, אָבער ער האָט זיי געמאַכט אונטערטעניק אין נאָמען פון אַלגעמיינע פּרינציפּן און אידעען, און האָט באמת געהאַט אויף אַ סך אַ שטאַרקע השפּעה. אמת, קיינער האָט אים נישט ליב געהאַט; בלויז איך אַליין, קען זיין, האָב זיך צו אים צוגעבונדן. מ׳האָט זיין יאָך געטראָגן... פּאָקאָרסקין האָבן זיך אַלע איבערגעגעבן מיטן גוטן ווילן. דערפאַר האָט זיך רודין קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט צו שמועסן און דיסקוטירן מיט דעם ערשטן בעסטן... ער האָט נישט געלייענט קיין צו פיל ביכער, נאָר אַלענפאַלס פיל מער פון פּאָקאָרסקין און פון אונז אַלעמען און אגב האָט ער פאַרמאָגט אַ סיסטעמאַטישן פאַרשטאַנד, אַ געוואַלטיקן זכּרון, און דאָס ווירקט דאָך שוין אויף דער יוגנט! איר דאַרף מען נאָר דערלאַנגען אויספירונגען, סך-הכּלס, כאָטש פאַלשע, אָבער סך-הכּלס! אַ פולשטענדיק אמתער מענטש טויג צו דעם נישט. פּרוווט זאָגן דער יוגנט, אַז איר קענט איר נישט געבן דעם פולן אמת, ווייל איר אַליין באַזיצט אים נישט...

וועט אייך די יוגנט הערן נישט וועלן. אָבער אָפּנאַרן קענט איר זי אויך נישט. ס'איז נויטיק, אַז איר אַליין זאָלט כאָטש אויף אַ העלפט גלויבן, אַז איר פאַרמאָגט דעם אמת... אָט דע-ריבער האָט רודין געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף אַן אונזעריקן. זעט איר, איך האָב אייך באַלד געזאָגט, אַז ער האָט נישט פיל געלייענט, אָבער ער האָט געלייענט פילאָזאָפישע ביכער, און דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַזוי געבויט, אַז ער האָט גלייך אַרויסגענומען פונם געלייענטן דאָס אַלגעמיינע, האָט תּופס געווען דעם סאַמע שורש פון דער זאַך, און נאָכדעם האָט ער שוין גענומען דורכציען פון אים אין אַלע זייטן ליכטיקע, רע-געלמעסיקע פעדים פון געדאַנק, האָט אַנטפּלעקט גייסטיקע פּער-ספּעקטיוון. אונזער קרייזל איז דאַמאָלס ערלעך גערעדט, באַ-שטאַנען פון יינגלעך — און פון ווייניק געלערנטע יינגלעך. די פילאָזאָפיע, קונסט, וויסנשאַפט, דאָס לעבן גופא — דאָס אַלץ זיינען פאַר אונז געווען בלויזע ווערטער, אפשר אַפילו שיינע באַגריפן, וואָס האָבן געלאָקנט, אָבער צעוואָרפענע צעריסענע. מיר האָבן נישט געקענט און נישט אָנגעטאַפּט דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענבונד פון דידאַזיקע באַגריפן, דעם אַלגעמיינעם וועלטלעכן געזעץ, כאָטש מיר האָבן געפּלהאַפּט וועגן אים גערעדט און זיך אָנגעשטרענגט אָפּצוגעבן זיך פון אים אַ דין וחשבון... הערנדיק רודינען האָט זיך אונז לכתחילה אויסגעוויזן, אַז מיר האָבן אים לסוף געפּאַקט, דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענבונד, אַז סוף-כל-סוף האָט זיך דער פאָרהאַנג אויפגעהויבן!

לאָמיר זאָגן, אַז ער האָט גערעדט נישט זיינס — וואָס אַרט עס אונז! אַ גלייכער סדר האָט געגומען הערשן אין אַלץ, וואָס מיר האָבן געקענט, אַלץ, וואָס איז צעוואָרפן געווען, איז מיטאַמאָל פאַרייניקט געוואָרן, האָט זיך צונויפגעלייגט, איז פאַר אונז אויסגעוואַקסן, פונקט ווי אַ בנין, אַלץ האָט געלויכטן, אַ לעבעדיקער גייסט האָט געווייט אומעטום... ס'איז גאָרנישט גע-בליבן קיין אומזיניקעס, צופעליקעס; אין אַלץ האָט זיך אַרויס-געוויזן אַ שכלדיקע נויטווענדיקייט און פּראַכט, אַלץ האָט באַקו-מען אַ קלאָרע און צוגלייך אַ סודותדיקע באַטייטונג; יעדע באַ-

זונדערע לעבנס־דערשיינונג האָט געקלונגען ווי אַן אַקאָרד, און מיר גופא, פֿול מיט עפּעס אַ הייליקן פּחד פֿון יראת־הכבוד, מיט אַ זיסן האַרציקן ציטער, האָבן זיך געפֿילט גלייך ווי לעבעדיקע געפּעס פֿונעם אייביקן אמת, ווי זיין ווערקצייג, און מיר זיינען באַרופֿן צו עטוואָס גרויסעס... דאָס אַלץ איז אייך נישט לעכערלעך?

— קיין האָר נישט! — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ לאַנגזאַם געענטפֿערט: — פֿאַרוואָס קלערט איר דאָס אַזוי. נישט אינגאַנצן פֿאַרשטיי איך אייך, נאָר מיר איז נישט קאָמיש.

— זינט יענער צייט האָבן מיר, געוויס, באַוויזן קלוג צו ווערן, — האָט לעזשנעוו ווייטער גערעדט: — דאָס אַלץ קאָן זיך אונז איצט אויסווייזן קינדעריש... אָבער, איך חזר איבער, אַ סך זאַכן האָבן מיר געהאַט צו פֿאַרדאַנקען רודינען. פּאָקאָרסקי איז געווען אומפֿאַרגלייכלעך העכער פֿון אים, אָן שום ספֿק; פּאָקאָרסקי האָט אין אונז אַלעמען אַריינגעבלאָזן פֿייער און קראַפֿט; אָבער ס׳פֿלעגט טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט זיך פֿילן צייטנווייז פֿלעגמאַטיש און האָט געשוויגן. ער איז געווען אַ נערוועזער מענטש, אַ קרענקלעכער; דערפֿאַר, בעת ער האָט פֿאַנאַנדערגעלאָזט זיינע פֿליגל — גאָטעניו! וווהין איז ער נישט פֿאַרפֿלויגן! אין דער סאַמע טיפֿקייט און בלויקייט פֿונעם הימל! און אין רודינען, אין דעם דאָזיקן שיינעם און געשטאַלטיקן בחורל, איז געווען אַ סך קליינלעכקייטן; ער האָט זיך אַפֿילו פֿאַרנומען מיט טרייבן רכילות; ער האָט געהאַט אַ תאווה זיך אין אַלץ אַריינצומישן, אַלץ באַשטימען און דערקלערן. זיין זאָרגזאַמע טעטיקייט האָט קיינמאָל נישט געוווּסט פֿון קיין אָפּהאַלט... ממש, אַ פּאָליטישע נאַטור! איך רייד וועגן אים, ווי ער איז געווען, בעת איך האָב אים געקענט. איבעריגנס, צום אומגליק, האָט ער זיך נישט אומגעביטן. דערפֿאַר האָט ער זיך אויך אין זיינע מיינונגען נישט געענדערט... צו פֿינף־און־דרייסיק יאָר!... נישט יעדער קאָן עס זאָגן וועגן זיך.

— זיצט, — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא געזאָגט: — וואָס גייט איר אום איבערן צימער, ווי אַן אומרו.

— אַזוי איז מיר בעסער, — האָט לעזשנעוו געענטפֿערט. — זאָלזאָ, אַריינפֿאַלנדיק אין פּאָקאָרסקיס קרייזל, דאַרף איך אייך

זאָגן, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונא, בין איך לחלוטין ווי פון ס'נײַ געבוירן געוואָרן: כ'בין געוואָרן באַרויִקט, האָב געפּרעגט, געלערנט, זיך געפרייט, געהאַט אַ געפיל פון ערפורכט — בקיצור, גלייך ווי איך וואָלט אַרייַנגעטראָטן אין עפּעס אַ טעמפּל. און אין דער אמתן, אַז איך דערמאָן אונזערע פאַרזאַמלונגען — נו, ערן=וואָרט, אַ סך שיינעס איז אין זיי געווען, אפילו רירנדיקעס. שטעלט אייך פאָר: עס קלייבן זיך צונויף אַ פיר-פינף בחורימלעך, איין חלבן ליכט ברענט, טיי דערלאַנגט מען דעם ערגסטן, צום טיי — אַלטער שרעקלעך-אַלטער צוויבאַק; און וואָלט איר אַ בליק געטאָן אויף אונזערע אַלע פּנימער, וואָלט איר אונזערע רייד געהערט! ביי יעדן בליצן די אויגן פון באַגייסטערונג, די באַקן גליען, דאָס האַרץ קלאַפּט, און מיר ריידן וועגן גאָט, וועגן אמת, וועגן עתיד פון דער מענטשהייט, וועגן פּאָעזיע — מיר ריידן אַמאָל שטותעריי, אַנטציקן זיך מיט נאַרישקייטן; נאָר וואָס פאַר אַ ביין!... פּאָקאָרסקי פלעגט זיצן צונויפגעדריקט די פיס אונטער זיך און אונטערגעלענט מיט דער האַנט דאָס בלייכע געזיכט; און די אויגן פינקלען ביי אים אַזוי. רודין שטייט אין מיטן צימער און רעדט, רעדט זייער שיין, ממש—דער יונגער דעמאָסטענעס פאַרן רוישיקן ים. דער צושויבערטער דיכטער סובאָטין, ברענגט אַרויס צייטנווייז, ווי אין שלאָף, אָפּגעריסענע אויסרופן: דער פערציק=יעריקער בורש, דער זון פון אַ דייטשן פּאַסטאָר, שעלער, וועלכער האָט זיך צווישן אונז קונה-שם געווען פאַרן טיפזיניקסטן דענקער, האָט לויטן חסד פון זיין אייביקן, פון קיין זאַך נישט געשטערטן שווייגן, באַזונדערס פייערלעך געשטומט; אפילו דער פריילעכער ש ט ש י ט אָ וו, דער אַריסטאָפאַן פון אונזערע פאַרזאַמלונגען, ווערט אַנטשוויגן און קוועלט הנאהדיק; אַ צוויי=דריי פון די פריצן הערן זיך צו מיט פייערלעכן תענוג... און די נאַכט שוועבט שטיל און פליסיק, ווי אויף פליגל. אָט גרויט שוין דער מאָרגן, און מיר צוגייען זיך, געריירטע, פריילעכע, ערלעכע, ניכטערע, (וויין איז אפילו אין געדעכעניש ביי אונז דאַן נישט געווען) מיט עפּעס אַן אנגענעמער מידקייט אויף דער נשמה... און אפילו אויף די שטערן האָבן מיר געקוקט עפּעס אַזוי צוטרוילעך, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָרן

סיי נעכטער, סיי פֿאַרשטענדלעכער... קך! אַ ווילע צייט געווען דאַן, און איך וויל נישט גלויבן, אַז זי זאָל גיין פֿאַרלוירן אומזיסט! ניין, זי איז נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען—זי איז נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען אפֿילו פֿאַר יענע, וועמען דאָס לעבן, האָט שפּעטער מאוס געמאַכט... וויפֿיל מאָל האָט מיר געטראָפֿן צו באַגעגענען זיך מיט אַזעלכע מענטשן, אַמאָליקע חברים! דאַכט זיך: דער מענטש איז לגמרי אַ חיה געוואָרן, אָבער מ׳דאַרף אים נאָר דערמאָנען פּאָקאָרסקיס נאָמען, און אַלע איבערבלייבענישן פֿון פֿיינגעפֿיל דערוואַכן אין אים, גלייך ווי דו וואָלסט אין אַ שמוציקן און פֿינסטערן חדר אָפּגע־קאָרקעוועט אַ פֿאַרגעסן פֿלעשל מיט פּערפֿום...

לעזשנעוו איז אַנטשוויגן געוואָרן; זיין פֿאַרבלאָז געזיכט איז פֿאַרויטלט געוואָרן.

— אָבער פֿאַרוואָס, ווען האָט איר זיך צוקריגט מיט רודינען?—האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט, קוקנדיק מיט פֿאַרוווּנדערונג אויף לעזשנעוון.

— איך האָב זיך מיט אים נישט געקריגט, נאָר צעשיידט, בעת איך האָב אים אין אויסלאַנד ענדגילטיק דערקענט. און אין מאָסקווע וואָלט איך זיך שוין מיט אים געקאָנט צוקריגן. שוין דאַן האָט ער מיר אָפּגעטאָן אַ מאוס שפּיצל.

— וואָס אַזעלכעס?

— אָט וואָס. איך... ווי זאָל איך עס זאָגן?... צו מיין פֿיגור פּאַסט עס נישט... אָבער איך בין שטענדיק געווען פּעיק זיך איינצוליבן.

— איר?

— איך. דאָס איז מאָדנע, נישט אמת? און פֿונדעסטוועגן איז עס אַזוי... נו, האָב איך זיך דאַמאָלס פֿאַרליבט אין אַ זייער הערלעך ליב מיידל... וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי? איך וואָלט אייך געקענט זאָגן וועגן זיך נאָך אַ מער וווּנדערלעכע זאַך.

— וואָס איז עס פֿאַר אַ זאַך דערלויבט מיר צו וויסן?

— זאָל עס כאָטש זיין אָט אַזאַ מין זאַך. אין יענער, אין דער מאָסקווער צייט פֿלעג איך אין די נעכט גיין אויף ראַנדע־ווּס... מיט וועמען מיינט איר? מיט דער יונגער לינדע

אין עק פֿון מיין גאָרטן. כ'פֿלעג אַרומנעמען איר דינעם און שלאַנקן שטאַם, און מיר פֿלעגט זיך דוכטן, אַז איך נעם אַרום די גאַנצע נאַטור, און דאָס האַרץ ווערט צעבריטערט און מתיקותדיק צוגאַנגען גלייך ווי אַהין וואָלט זיך באמת די גאַנצע נאַטור אַריינגעגאָסן... אָט אַזאַ בין איך געווען!... און וואָס? איר מיינט אפשר, אַז כ'האָב קיין שירים נישט געשריבן? כ'האָב געשריבן, אפילו אַ גאַנצע דראַמע האָב איך פֿאַרפֿאַסט, נאָכאַמע-דיק מאַנפֿרעדן. אין דער רשימה פֿון די פּעזאָנען איז געווען אַ געשפּענסט מיט בלוט אויף דער ברוסט, ון נישט מיט זיין אייגן בלוט, באַמערקט עס, נאָר מיטן בלוט פֿון דער מענטשהייט בכלל... יאָ, יאָ, נישט באַוויליקט זיך צו וואונדערן... אָבער איך האָב אָנגעהויבן דערציילן וועגן מיין ליבע. איך האָב זיך באַקענט מיט איינע אַ מיידל...

—און האָט אויפֿגעהערט צו גיין אויף דעם ראַנדעװו מיט דער לינדע? — האָט אַלעקסאַנדרא פּאַוולאָװנא געפֿרעגט.

— כ'האָב אויפֿגעהערט. דאָס דאָזיקע מיידל איז געווען אַ זעלטן וואויל, שיין ווען, מיט פֿריילעכע העלע אייגעלעך און אַ קלינגעוודיקן קול.

— איר מאָלט גוט אָפּ, — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָװנא באַמערקט אין שפּאַס.

— און איר זייט אַ זייער שטרענגער קריטיקער, — האָט לעזשנעוו געענטפֿערט. — אַלזאָ, געוווינט האָט דאָס דאָזיקע מיידל מיט איר אַלטיטשקן פֿאָטער... איבעריגנס, איך וועל נישט אַריינגיין אין פּרטים. כ'וועל אייך נאָר זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע מיידל איז געווען באמת זייער אַ גוטע — שטענדיק פֿלעגט זי דיר אָנגיסן דריי פֿערטל גלאָז טיי, בעת דו בעטסט נאָר אַ האַלבע!... אויפֿן דריטן טאָג, נאָך דער ערשטער באַגעגעניש מיט איר, האָב איך שוין געברענט, און אויפֿן זיבעטן טאָג האָב איך שוין ניט אויסגעהאַלטן און האָב זיך אין אַלץ מודה געווען פֿאַר רודינען. פֿאַר אַ יונגנמאַן, א פֿאַרליבטן, איז אוממעגליך זיך נישט אַרויסצורעדן; און איך האָב זיך מתוודה געווען פֿאַר רודינען אין אַלץ. איך האָב זיך דאַמאָלס געפֿונען אינגאַנצן אונטער זיין השפּעה,

און דידאָזיקע השפּעה, כ׳וועל זאָגן דעם ריינעם אמת, האָט מיר אין פיל הינזיכטן אַ גרויסע טובה געטאָן. ער איז דער ערשטער געווען, וואָס האָט זיך נישט געמאוסט מיט מיר און מיך געשליפן, אַנטוויקלט. פּאָקאַרסקין האָב איך ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט און האָב געשפּירט אַ געוויסע שרעק פאַר זיין גייסטיקע ריינקייט; אָבער צו רודינען בין איך געשטאַנען נענטער, דערוויסנדיק זיך מכח מיין ליבע, איז ער געקומען אין גרויס התפּעלות: האָט מיך באַגריסט, אַרומגענומען מיך, און תּיכּף מיר גענומען געבן צו פאַרשטיין און אויסטייטשן מיר די גאַנצע וויכטיקייט פון מיין נייעם מצב. איך האָב אָנגעשטעלט די אויערן... נו, איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי ער קאָן ריידן. זיינע ווערטער האָבן אויף מיר געווירקט אויסערגעוויינלעך. כ׳האָב גלייך דערפילט צו זיך אַ געוואַלטיקן דרך־ארץ, כ׳האָב באַקומען אַן ערנסטן אויסזען און האָב אויפגעהערט צו לאַכן. ווי איך געדענק, האָב איך אפילו אָנגעהייבן צו גיין פאָרזיכטיקער, גלייך ווי ביי מיר אין ברוסט וואָלט זיך געפונען אַ כלי מיט אַ טייערער פליסיקייט, און כ׳האָב מורא געהאַט טאָמער וועט עס זיך צוגיסן... כ׳בין געווען זייער גליקלעך, בפרט נאָך, אַז דאָס מיידל איז אָפּט געווען צו מיר גוט־געניגט, רודין האָט געוואָלט זיך באַקאָנען מיט מיין אָביעקט; איך אַליין האָב עס כמעט געפאָדערט, אים פאָרצושטעלן פאַר איר.

— נו, איך זע, איך זע איצט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, — האָט אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונאַ איבערגעשלאָגן, — רודין האָט פון אייך אָפּגעשלאָגן אייער אָביעקט, און איר קאָנט אים עד היום נישט מוחל זיין... איך גיי אין געוועט, אַז איך האָב זיך נישט טועה געווען...

— און איר וואָלט פאַרשפּילט דאָס געוועט, אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונאַ: איר האָט אַ טעות. רודין האָט פון מיר נישט אָפּגעשלאָגן מיין אָביעקט און ער האָט אויך נישט געוואָלט אים אָפּשלאָגן; און פונדעסטוועגן האָט ער חרוב געמאַכט מיין גליק, כאָטש משפּטנדיק גלייכגילטיק, בין איך אים איצטער גרייט צו זאָגן אַ דאַנק דערפאַר. אָבער דאַמאָלס בין איך שיר נישט אַראָפּ

פֿון זינען. רודין האָט לגמרי נישט געוואָלט מיר שאַדן – אדרבה! אָבער צוליב זיין פֿאַרשאָלטענער טבע, צו יעדער לעבנס-באַוועגונג, פֿון זיך צו פֿון אַנדערע, צו-שפּילן אַ נאָמען, ווי מיט אַ שפּילקע, אַ שמעטערלינג, האָט ער אונזביידע אָנגעהייבן געבן צו פֿאַרטייטשן אונזערע באַציונגען, ווי מיר דאַרפֿן זיך פֿירן, ער האָט אונז דעספּאָטיש געצווונגען אָפּצוגעבן זיך אַ דין וחשבון אין אונזערע געפֿילן און געדאַנקן, האָט אונז געריימט, געטאַדלט, איז אַפֿילו אריינגעטראָטן אין אַ שריפֿטלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט אונז, שטעלט אייך פֿאָר!.. קורץ, ער האָט אונז להלוטין פֿון וועג אַראָפּגעפֿירט! איך וואָלט דאַן נישט חתונה געהאַט מיט מיין מיידל (אויף אַזויפֿיל איז מיר נאָך געבליבן געזונטער פֿאַרשטאַנד), אָבער מיר וואָלטן, לכל-הפּחות, פֿאַרבראַכט איינגענעם עטלעכע חדשים צייט, ווי אַ שטייגער פּ אַ ו ל און ו י ר ג י נ י; נאָר דאָ האָבן זיך אָנגעהייבן מיספֿאַרשטענדנישן, כּלערליי פֿאַרדרייעניש — בקיצור, ס׳איז געוואָרן אַ פּאָנטער. געענדיקט — האָט זיך עס דערמיט, וואָס רודין איז אין איין שיינעם פֿרימאָרגן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלס פֿריינט שטייט אים פֿאָר דער הייליקסטער פֿליכט צו וויסן צו געבן וועגן אַלץ דעם אַלטן פֿאָטער, — און געזאָגט און געטאָן!

— אויף אַן אמת! – האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ אויסגערופֿן.

— יאָ, און, באַמערקט עס, מיט מיין הסכּם האָט ער עס געטאָן — אָט וואָס עס איז דער חידוש. איך געדענק עד-היום, וואָס פֿאַר אַ כאַאָס כ׳האָב דאַמאָלס אין קאָפּ געטראָגן. אַלץ האָט זיך פּשוט געדרייט און זיך פֿאָרגעשטעלט ווי אין אַ „קאַמער-אָבסקוראַ": דאָס ווייסע האָט אויסגעוויזן שוואַרץ, דאָס שוואַרצע — ווייס, דער ליגן – פֿאַרן אמת, די פֿאַנטאַזיע — פֿאַר אַ חוב... עך! אפילו איצט איז מיר נישט אַנגענעם צו דערמאָנען זיך אַן דעם! און רודין — ער האָט נישט געשלאָפֿן... ווי קומט! ער פֿלעגט זיך שוועבן צווישן די כּלערליי מינים מיספֿאַרשטענדנישן און פּלאָנטעריניש ווי אַ שוואַלב איבער אַ סאַזלקע.

— אַלזאָ, איר האָט זיך צושיידט מיט אייער מיידל? —

האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט. דערבײַ האָט זי אָנגע־נייגט נאַיִוו דעם קאָפּ אָן אַ זײַט און אויפגעהויבן די ברעמען.

— זיך צוזשיידט... און נישט גוט זיך צוזשיידט, באַליידי־גענד־אומבאַקוועם, עפּנטלעך, עפּנטלעך אָן נויטיקייט... איך אַליין האָב געוויינט, זי האָט געוויינט און דער טײַוול ווייסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען... עפּעס אַ גאָרדי־קנופּ האָט זיך פאַרצויגן — מ'האָט געמוזט איבערהאַקן אין דער ווייטאָק איז שטאַרק געווען! איבעריגנס, אַלץ אויף דער וועלט קומט אַרויס צום בעסערן. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פײַנעם מענטשן און זי לעבט איצט אַ לעבן...

— נאָר זײַט זיך מודה, איר האָט פונדעסטוועגן נישט געקאָנט רודינען מוחל זײַן... — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געהאַט אָנגעהייבן...

— וואָס פעלט אײַך איין! — האָט לעזשנעוו איבערגע־שלאָגן: — איך האָב געוויינט ווי אַ קינד, בעת איך האָב אים באַגלייט קיין אויסלאַנד. פונדעסטוועגן, דעם אמת־זאָגנדיק, האָט שוין דאַן אַרײַנגעדרונגען אין מײַן נשמה אַ זאָמען פון שנאה. און אַז כ'האָב אים נאָכדעם געטראָפן אין אויסלאַנד... נו, כ'בין שוין דאַן אַלט געוואָרן... רודין האָט זיך דאַן באַוויזן פאַר מיר אין זײַן אמתן שײַן.

— וואָס אַזעלכעס האָט איר אין אים אַנטדעקט?

— דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט מיט אַ שעה צוריק. איבעריגנס, גענוג וועגן דעם. קאָן זײַן, אַז אַלץ וועט שוין גיין בשלום. איך האָב אײַך נאָר געוואָלט דערווייזן, אַז אויב איך רייד וועגן אים שטרענג, איז עס נישט דערפאַר, ווײַל איך קען אים נישט... וואָס עס איז נוגע נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ, וועל איך נישט פאַרלירן קיין איבעריקע ווערטער; אָבער איר וואַרפט אַ בליק אויף אײַער ברודער.

— אויף מײַן ברודער! וואָס איז?

— טוט נאָר אַ בליק אויף אים. צי דען באַמערקט איר גאָרנישט? —

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איר זייט גערעכט,—האָט זי אַרויסגעמורמלט:—אמת... מיין ברודער... זינט אַ געוויסע צייט דערקען איך אים נישט... גאָר צי דען מיינט איר...

— שטילער! ער גייט, דוכט זיך, אַהער,—האָט לעזשנעוו פליסטערנד געזאָגט.—נאַטאַליאַ איז אויך נישט קיין קינד, גלויבט מיר, כאָטש, צום אומגליק, איז זי נישט געניט, ווי אַ קינד. איר וועט זען, דאָס דאָזיקע מיידל וועט אונז אַלעמען איבער־ראַשן.

— אויף וואָסער אופן?

— אָט אויף וואָסער אופן... ווייסט איר, אַז דווקא אַזעלכע מיידלעך טרינקען זיך, סמען זיך און אַזוי ווייטער? איר קוקט נישט, וואָס זי איז אַזאַ שטילע: ליידנשאַפטן האָט זי שטאַרקע און איר כאַראַקטער איז אויך אַ געוואַלטיקער.

— מיר שיינט, אַז דאָ לאָזט איר זיך שוין אַריין אין פּאָעזיע. אַזאַ פלעגמאַטיקער, ווי איר זייט, קאָן איך, אפשר, אויסווייזן ווי אַ ווולקאַן.

— ניין'—האָט לעזשנעוו געזאָגט מיט אַ שמייכל.—און וואָס איז נוגע צום כאַראַקטער—פאַרמאָגט איר, גאָט צו דאַנקען, לגמרי נישט קיין כאַראַקטער.

— וואָס איז דאָס פאַר העזה?

— דאָס? דאָס איז דער גרעסטער קאָמפּלימענט, זייט מוחל...

וואָלינצעוו איז אַריינגעקומען און האָט פאַרדעכטיק אַ קוק געטאָן אויף לעזשנעוון און אויף זיין שוועסטער. אין דער לעצטער צייט איז ער מאָגער געוואָרן. בײדע האָבן אָנגעהויבן מיט אים צו ריידן; אָבער ער האָט קוים געענטפערט מיט אַ שמייכל אויף זייערע המצאות און האָט אויסגעזען, ווי פּיגאַכאָוו האָט זיך אַמאָל וועגן אים אויסגעדריקט, גלייך ווי אַ מרה־שחורהדיקער האָז. איבעריגנס, ס'איז נאָך מסתמא אַזאַ מענטש נישט געווען אויף דער וועלט, וועלכער זאָל, כאָטש איין מאָל אין לעבן, נישט האָבן אויסגעזען נאָך ערגער פון יענעם. וואָ־לינצעוו האָט געפילט, אַז נאַטאַליאַ האָט זיך פון אים דערווייטערט, און צוגלייך מיט איר, האָט זיך אים געדוכט, איז אויך

די ערד פֿון אונטער זיינע פיס אַנטרונען געוואָרן.

VII

צומאָרגנס איז געווען זונטיק, און נאַטאַליאַ איז שפּעט אויפֿגעשטאַנען. נעכטיקן פֿאַרנאַכט איז זי געווען זייער שווייגנדיק ביזן סאַמע אָוונט, האָט זיך בשתיקה געשעמט פֿאַר אירע טרערן און זייער שלעכט געשלאָפֿן. זיצנדיק, אַ האַלב־אָנגעטאָנענע, פֿאַר איר קליינעם פֿאָרטעפּיאַן האָט זי דאָ גענומען אַקאָרדן, קוים הערבאַרע, כּדי נישט אויפֿצוּוועקן m-ll Boncourt, דאָ איז זי צוגעפֿאַלן מיטן שטערן צו די קלאַווישן און לאַנג געבליבן אומבאַוועגלעך. זי האָט אַלץ געקלערט—נישט וועגן רודינען גופֿא, נאָר וועגן עפּעס אַ וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, און זי איז אינגאַנצן פֿאַרטיפֿט געווען אין אירע רעיונות. זייער זעלטן פֿלעגט איר וואָלינצעוו קומען אין זכּרון. זי האָט געוווסט, אַז ער האָט זי ליב. אָבער זי האָט אים גלייך אַרויסגעשלאָגן פֿון געדאַנק... אַ מאָדנע אויפֿרעגונג האָט זי געפֿילט. אין דער פֿרי האָט זי זיך איילנדיק אָנגעטאָן, איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן, און, זיך גריסנדיק מיט איר מוטער, האָט זי אויסגענוצט אַ פּאַסיקן רגע און איז אַליין אַוועק אין גאָרטן... דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ ליכטיקער, אַ שטראַליקער, כאָטש לעצטנס זיינען לייכטע רעגנס געפֿאַלן. איבערן קלאָרן הימל האָבן זיך שנעל געטראָגן נידעריקע, רויך־גרויע וואָלקנס, וואָס האָבן די זון נישט פֿאַרשטעלט, און צייטנווייז האָבן די וואָלקנס געלאָזט אויף די פֿעלדער שפּעדיקע שטראָמען פֿון אַ פּלוצלונגדיקן און מינוטיקן גאָס־רעגן. גרויסע, פֿינקלדיקע טראָפּנס האָבן זיך שנעל געשאָטן, מיט עפּעס אַ טרוקענעם רויש, גלייך ווי דימענטן; די זון האָט זיך געשפּילט דורך זייער גלאַנציקע נעץ. דאָס גראָז, וואָס איז אָקאָרשט צוטרייסלט געוואָרן דורכן ווינט, האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן און האָט דורשטיק געשלונגען די פֿייכטקייט. די נאַס־געוואָרענע ביימער האָבן מאַט געציטערט מיט אַלע זייערע בלעטלעך; די פֿויגל האָבן נישט אויפֿגעהערט

צו זינגען, און ס׳איז אַ תּענוג געווען צו הערן זייער פלוידער־צוויטשעריי ביים פרישן געקלאַנג און פּלאַטער פונם געפּאַפּלענעם רעגן. די שטויביקע וועגן האָבן זיך געריוּכערט און האָבן כמעט געגלאַנצט פילפאַרביק אונטער די שאַרפע קלעפּ פון דער אָפּטער רעגן־שפּריצעריי. נאָר אָט האָט זיך אַ וואָלקנדל איבערגעטראָגן, אַ ווינטל האָט אַ שוועב־געטאָן, מיט שמאַראַגד און גאָלד האָט דאָס גראָז אָנגעהויבן צו בלאַנקען... די בלעטער פון די בוימער האָבן זיך צוגעקלעבט איינס צום אַנדערן און דורך זיי האָט אַדורכגעלויכטן... פון אומעטום האָט געדרונגען אַ שטאַרקער דופט...

דער הימל האָט זיך כמעט אינגאַנצן אויסגעליישערט, בעת נאַטאַליאַ איז אַריינגעקומען אין גאָרטן. פון אַלץ האָט געווייעט מיט פרישקייט און שטילקייט, מיט יענער צנוע׳קער און גליקלעכער שטילקייט, וואָס וועקט אויף אינעם מענטשלעכן האַרץ אַ זיסע מידקייט פון סודותדיקן מיטגעפיל און אומקלאָרע פאַרלאַנגען...

נאַטאַליאַ איז געגאַנגען לייגג־אויס דער סאַזלקע, איבער דער לאַנגער אַלעע פון זילבערנע טאָפּאָלן; מיטאַמאָל איז פאַר איר, ווי פון דער ערד, אויסגעוואַקסן רודין.

זי האָט זיך צומישט, ער האָט איר אַ קוק געטאָן אין געזיכט אַריין.

— איר זייט אַליין? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, איך בין אַליין, – האָט נאַטאַליאַ געענטפערט: — איבעריגנס, כ׳בין אַרויס אויף אַ מינוט... שוין צייט פאַר מיר אַהיים צו גיין.

— כ׳וועל אייך באַגלייטן.

און ער איז אַוועק מיט איר אין איין ריי...

— איר זעט אויס עפּעס טרויעריק! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— איך?.. און איך האָב אייך געוואָלט באַמערקן, אַז איר זענט, שיינט מיר, נישט אין גוטער שטימונג.

— אפשר.. עס טרעפט זיך מיט מיר. מיר איז עס גיכער מוחל צו זיין, איידער אייך.

— פֿאַרוואָס? צי דען מיינט איר, אַז איך האָב נישט פֿון וואָס צו זיין טרויעריק?

— אין אייערע יאָרן דאַרף מען געניסן פֿון לעבן.

נאַטאַליאַ איז עטלעכע טריט געגאַנגען שווייגנדיק.

— דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש! — האָט זי אַרויסגערעדט.

— וואָס?

— איר געדענקט... דעם פֿאַרגלייך, וואָס איר האָט געמאַכט נעכטן... איר געדענקט מיטן דעמב.

— נו, יאָ, איך געדענק. וואָס איז?

נאַטאַליאַ האָט בגניבה אַ קוק געטאָן אויף רודינען.

— נאָך וואָס האָט איר... וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן מיטן דאָזיקן פֿאַרגלייך!

רודין האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געווענדט די אויגן אין דער ווייטקייט.

— נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ! — האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין באַזונדערן איינגעהאַלטענעם און באַטייטנדיקן אויסדרוק, וועלכער האָט תמיד געצווונגען דעם צוהערער צו טראַכטן, אַז רודין האָט ניט אַרויסגעזאָגט אַפֿילו קיין צענט-חלק דערפֿון, וואָס האָט אָנגעפֿילט זיין נשמה: — נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ! איר האָט געקאָנט באַמערקן, איך רייד ווייניק וועגן מיין עבר. ס׳זיינען פֿאַראַן געוויסע סטרונעס, צו וועלכע איך ריר זיך לגמרי ניט צו. מיין האַרץ... וועמען איז עס נויטיק צו וויסן וואָס דאָרט קומט פֿאָר אינעווייניק? אַרויסשטעלן עס פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט איז פֿאַר מיר שטענדיק געווען אַ חלול-הקודש. אָבער מיט אייך בין איך אָפֿנהאַרציק: איר וועקט אויף אין מיר צוטרויען... איך קאָן פֿון אייך ניט פֿאַרבאָרגן, אַז אויך איך האָב ליב געהאַט, אויך איך האָב געליטן ווי אַלע... ווען און ווי אַזוי? וועגן דעם לוינט נישט צו ריידן; אָבער מיין האַרץ קאָן שוין אַ סך פֿריידן און לײדן...

רודין האָט אַ וויילע געשוויגן.

— דאָס, וואָס איך האָב אייך נעכטן געזאָגט, — האָט ער פֿאָרטגעזעצט: — כ׳בין ביז אַ געוויסער מדרגה אָנגעווענדט

חערן צו מיר, צו מיין איצטיקן מצב. אָבער, ווידער דיזעלבע מעשה, עס לוינט וועגן דעם נישט צו ריידן, דידאָזיקע זייט פון לעבן איז שוין פאַר מיר פֿאַרשווונדן. עס בלייבט מיר איצט צו וואָגלען איבער אַ שטויביקן וועג, אונטער ברענענדיקע זונען־שטראַלן, פֿון סטאַציע צו סטאַציע, אין אַ טרייסלענדיקן וואָגן... ווען וועל איך דערפֿאָרן — און צי וועל איך דערפֿאָרן — ווייסט גאָט... לאָמיר בעסער ריידן וועגן אייך.

— צי דען, דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש, — האָט אים נאַטאַליאַ איבערגעשלאָגן: — וואַרט איר שוין גאָרנישט פֿון לעבן?

— אָ, ניין! איך וואַרט אַ סך, אָבער נישט פֿאַר זיך... איך וועל זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון צו אַרבעטן, פֿון דער ברכה וואָס ליגט אין טעטיקייט; אָבער פֿון תענוגים ווייס איך נישט. מיינע האָפֿנונגען, מיינע טרוימען האָבן קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט מיין פערזענלעכן גליק. די ליבע (ביי דעם וואָרט האָט ער אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס) די ליבע איז נישט פאַר מיר; איך... בין זי נישט ווערט; אַ פֿרוי, וואָס האָט ליב, האָט דאָס רעכט צו פֿאָדערן דעם גאַנצן מענטש, און אָפּגעבן אינגאַנצן קאָן איך זיך שוין ניט. אגב, געפעלן ווערן קאָנען נאָר בחורים; איך בין צו אַלט. ווי קום איך קאָנען אַ פרוי פֿאַרדרייען דעם קאָפּ? גאָט זאָל געבן, כ'זאָל כאָטש מיינעם קאָנען האַלטן אויף די אַקסלען!

— איך פֿאַרשטיי, — האָט נאַטאַליאַ אַ מורמל געטאָן; — ווער עס שטרעבט צו אַ גרויסן ציל, יענער קאָן שוין נישט קלערן וועגן זיך, אָבער צי דען קאָן אַ פֿרוי נישט אָפּשאַצן אַזאַ מענטשן? מיר שיינט, אַז אדרבא, אַ פֿרוי וועט זיך גיכער אָפּקערן פון אַן עגאָיסט... אַלע יונגע־לייט, די דאָזיקע בחורים, זיינען, נאָך אייער מיינונג, אַלע עגאָיסטן, אַלע זיינען נאָר מיט זיך אַליין פֿאַרנומען, אַפילו בעת זיי האָבן ליב. גלייבט מיר, אַ פֿרוי איז נישט נאָר פֿעיִק צו פֿאַרשטיין זעלבסטאָפּפֿערונג: זי קאָן זיך אַליין אויך מקריב זיין.

נאַטאַליאַס באַקן האָבן זיך לייכט פֿאַררויטלט, און אירע אויגן האָבן אָנגעהייבן צו גלאַנצן ביי איר באַקאַנטשאַפֿט מיט רודינען וואָלט זי קיינמאָל נישט געקאָנט אַזוי לאַנג ריידן אויך

מיט אזא היץ.

— איר האָט נישט איינמאָל געהערט מיין מיינונג וועגן דער פרויס באַרוף, — האָט רודין געענטפערט מיט אַ נאָכגיביקן שמייכל: — איר ווייסט, אַז לויט מיין מיינונג, האָט איין זשאַנאַ ד'אַרק געקאָנט ראַטעווען פראַנקרייך... אָבער מיר ריידן נישט וועגן דעם איך וואָלט געוואָלט אַ רעד-טאָן וועגן אייך. איר שטייט אויף דער שוועל פון לעבן.. אַריינטראַכטן און שמועסן וועגן אייער עתיד איז אי אָנגענעם, אי נישט-אומפּראָדוקטיוו.. הערט נאָר: איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אייער פריינט; איך אינטערעסיר זיך מיט אייך ווי אַן אייגענער מענטש. און דעריבער האָף איך, אַז איר וועט מיין פראַגע נישט האַלטן פאַר אומבאַשיידן; זאָגט מיר, אייער האַרץ איז ביז איצט להלוטין רויק?

נאַטאַליאַ האָט זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן און האָט גאָרנישט גערעדט. רודין איז שטיין געבליבן אויף אַן אָרט און אויך זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איר זייט נישט בייז אויף מיר? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, — האָט זי אַרויסגערעדט: — אָבער איך האָב בשום אופן נישט דערוואַרט ..

— איבעריגנס, — האָט ער פאָרטגעזעצט: — איר קאָנט מיר ניט ענטפערן. אייער סוד איז מיר באַוווסט.

נאַטאַליאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן כמעט מיט שרעק.

— יאָ.. יאָ; איך ווייס, ווער עס געפעלט אייך. און איך דאַרף אייך זאָגן, אַז קיין בעסערן אויסוואַל האָט איר גאָרנישט געקאָנט מאַכן. ער איז אַ פּרעכטיקער מענטש; ער וועט אייך קאָנען שעצן; ער איז נישט צובראָכן פונם לעבן — זיין נשמה איז תמימותדיק און קלאָר... ער וועט אייך אויפבויען אייער גליק.

— וועגן וועמען רעדט איר, דמיטרי ניקאָלאַיִטש?

— גלייך ווי איר פאַרשטייט נישט וועגן וועמען איך רייד? פאַרשטייט זיך, וועגן וואָלינצעוון. וואָס איז? איז עס נישט אמת?

נאטאליאַ האָט זיך אָפּגעקערט אַביסל פון רודינען. זי האָט זיך להלוטין פאַרלוירן.

— צי דען האָט ער אייך נישט ליב? זייט מוחל! ער נעמט פון אייך קיין אויג נישט אַראָפּ, שפּירט אייך נאָך יעדע באַוועגונג אייערע, און קאָן מען דען ליבע באַהאַלטן! און איר אַליין זייט דען נישט גוטגענייגט צו אים? אויף וויפיל איך האָב געקאָנט באַמערקן, געפעלט ער אויך אייער מוטער... אייער אויסוואַל...

— דמיטרי ניקאָלאַיִטש, — האָט אים נאַטאַליאַ איבער־געשלאָגן, אויסשטרעקנדיק אין פאַרלעגנהייט די האַנט צו אַ נאָענטן שטרויך: — מיר איז באמת אַזוי נישט באַקוועם מכח דעם צו ריידן, נאָר איך פאַרזיכער אייך... איר זייט זיך טועה.

— איך בין זיך טועה?—האָט רודין איבערגעחזרט — כ'מיין, אַז נישט... כ'האָב זיך מיט אייך באַקענט נישט לאַנג; אָבער איך קען אייך שוין גוט, וואָס־זשע באַטייט די ענדערונג, וואָס איך זע אין אייך, וואָס איך זע קלאָר? זייט איר דען דיזעלביקע, ווי איך האָב אייך געטראָפן מיט זעקס וואָכן צוריק?... ניין, נאַטאַליאַ אַלעקסייעווגאַ, אייער האַרץ איז נישט רויִק.

— אפשר, — האָט נאַטאַליאַ געענטפערט קוים צו הערן, — אָבער איר האָט פונדעסטוועגן אַ טעות

— ווי אַזוי? — האָט רודין געפרעגט.

— לאָזט מיך אָפּ, פרעגט מיך נישט! — האָט נאַטאַליאַ געענטפערט. און מיט שנעלע טריט האָט זי זיך געלאָזט אַהיים.

זי האָט זיך אַליין גענומען שרעקן פאַר דאָס אַלץ, וואָס זי האָט פלוצלונג אין זיך דערפילט.

רודין האָט זי דעריאָגט און אָפּגעשטעלט.

— נאַטאַליאַ אַלעקסייעווגאַ, — האָט ער אָנגעהייבן צו ריידן: — דערדאָזיקער שמועס קאָן זיך אַזוי נישט ענדיקן: ער איז צו וויכטיק אויך פאַר מיר ... ווי זאָל איך אייך פאַרשטיין?

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט נאַטאַליאַ איבערגעחזרט.

— נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ, אום גאָטעס ווילן!

אויף רודינס פּנים איז קענטיק געווען אַן אויפ־עגונג. ער איז בלאַס געוואָרן.

— איר פֿאַרשטייט דאָך אַלץ, דאַרפֿט איר מיר אויך פֿאַרשטיין!—האָט נאַטאַליאַ געזאָגט, האָט אַרויסגעריסן פֿון אים די האַנט און, נישט אומקוקנדיק זיך, איז זי אַוועק.

— בלויז איין וואָרט!—האָט איר רודין נאָכגעשריען.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער נישט אומגעדרייט זיך.

—איר האָט מיך געפרעגט, וואָס איך האָב געמיינט צו זאָגן מיטן נעכטיקן פֿאַרגלייך. ווייסט עס, איך וויל אייך נישט אָפּנאַרן. איך האָב גערעדט וועגן זיך, וועגן מיין עבר און—וועגן אייך.

— ווי? וועגן מיר?

— יאָ, וועגן אייך; איך חזר איבער, כ'וויל אייך נישט לייקענען!... איצט ווייסט איר וועגן וואָס פֿאַר אַ געפֿיל, וועגן וואָס פֿאַר אַ ניי געפֿיל, איך האָב דאַמאָלס גערעדט... עד היום וואָלט איך נישט דרייסט געווען...

נאַטאַליאַ האָט זיך מיטאַמאָל פֿאַרשטעלט דאָס געזיכט מיט די הענט און איז אַנטלאָפֿן אַהיים.

זי איז געווען אַזוי צומישט דורכן אומדערוואַרטעטן אויסלאָז פֿונם געשפּרעך מיט רודינען, אַז זי האָט נישט באַמערקט וואָלינצעוון, פֿאַרביי וועמען זי איז דורכגעלאָפֿן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אָנגעלענט מיטן רוקן אָן אַ בוים. מיט אַ פערטל שעה צוריק איז ער געקומען צופֿאָרן צו דאַריאַ מיכיילאָווגאַ און האָט זי געטראָפֿן אין גאַסט־צימער: האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, איז אומבאַמערקט אַרויסגעגאַנגען און זיך געלאָזט אָפּזוכן נאַטאַליאַן. געפֿירט פֿון אינסטינקט, וואָס איז שכיח ביי פֿאַרליבטע, איז ער גלייך אַוועק אין גאָרטען און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף איר און רודינען אין יענער זעלבער רגע, בעת זי האָט אַרויסגעריסן פֿון אים די האַנט. וואָלינצעוון איז פֿינסטער געוואָרן אין די אויגן. באַגלייטנדיק נאַטאַליאַן מיטן בליק, איז ער אָפּגעטראָטן פֿון בוים, געשטעלט עטלעכע טריט, אַליין נישט וויסנדיק וווהין און נאָך וואָס. רודין האָט

אים דערזען, קומענדיק האַרט פאַרביי אים. ביידע האָבן אַ קוק געטאָן איינע די אַנדערע אין די אויגן אַריין, האָבן זיך געריסט און שווייגנדיק זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

„דאָס וועט זיך אַזוי נישט ענדיקן", האָבן ביידע אַ קלער געטאָן.

וואָלינצעוו איז אַוועק צום סאַמע עק פונם גאָרטן. אים איז געוואָרן ביטער און נישט-גוט; אויפן האַרצן האָט זיך געלייגט אַ בליי-שווערקייט און דאָס בלוט אין אים האָט צייטנווייז צאָרנדיק געזעצט. אַ רעגנדל האָט ווידער אָנגעהייבן צו קאַפּען. רודין האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער. אויך ער איז נישט געווען רויק: די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים געדרייט ווי אַ ווירבער. די צוטרויליכע, אומגעריכטע באַרירונג פון אַ יונגער, תמימותדיקער נשמה קען ביי וועמען עס זאָל נישט זיין צעווערוען די רו.

ביים טיש איז אַלץ געגאַנגען עפּעס נישט כשורהדיק. נאַטאַליאַ, אינגאַנצן אַ בלאַסע, האָט זיך קוים געהאַלטן אויפן שטול און האָט די אויגן נישט אויפגעהויבן. וואָלינצעוו איז, ווי דער שטייגער, געזעסן נעבן איר און פון צייט-צו-צייט גענומען אָנגעשטרענגט מיט איר צו ריידן. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז פּיגאַסאָוו האָט אין יענעם טאָג געגעסן מיטאָג ביי דאַריאַ מיכיילאָווגאַ. ער האָט ביים טיש גערעדט מער פון אַלעמען. דרך-אגב האָט ער גענומען ברענגען ראיות, אַז מענטשן קען מען, אַקוראַט ווי הינט, פאַנאַנדערטיילן אויף קורץ-עקיקע און לאַנג-עקיקע. קורץ-עקיקע מענטשן זיינען פאַראַן — האָט ער געזאָגט — סיי פון געבוירנקייט, סיי צוליב אייגענער שולד. די קורץ-עקיקע איז שלעכט: קיין זאַך געלינגט זיי נישט — זיי האָבן נישט קיין אמונה אין זיך אַליין. אָבער אַ מענטש, וואָס האָט אַ לאַנגען פּוכיקן עק, איז אַ גליקלעכער. ער מעג אפילו זיין מיטלמעסיקער און שוואַכער פונם קורץ-עקיקן — ער גלויבט אָבער אין זיך, אַז ער לאָזט פאַנאַנדער דעם עק-קיקן אַלע מיט הנאה. און אָט דאָס דאַרף מען באַוואונדערן! דער עק איז דאָך — איר וועט מיט מיר מסכים זיין — לחלוטין אַ

אומנוציקער טייל פון קערפער; אויף וואָס קאָן טויגן אַן עקז און פונדעסטוועגן משפט מען וועגן אייערע מעלות לויטן עק.

— איך,—האָט ער צוגעגעבן מיט אַ זיפץ:—געהער צו דער צאָל קורץ-עקיקע, און, וואָס ס'איז פאַרדראָסיקער פון אַלץ, כ'האָב זיך אַליין אָפגעהאַקט דעם עק.

— דאָס הייסט, איהר ווילט זאָגן,— האָט רודין נאָכלעסיק באַמערקט,—וואָס ס'האָט שוין, אגב, לאַנג ביז אייך געזאָגט לאַראָשפוקאָ: גלויב אַליין אין זיך, וועלן אַנדערע אין דיר גלויבן. צו וואָס האָט מען דאָ געמוזט אַריינמישן אַן עק, פאַרשטיי איך נישט.

— דערלויבט זשע איטלעכן,—האָט וואָלינצעוו שאַרף געגומען ריידן און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן:—דערלויבט איטלעכן אויסצודריקן זיינע געדאַנקען, ווי ער וויל. מ'שמועסט וועגן דעספאָטיזם... לויט מיין מיינונג, איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך ווי דער דעספאָטיזם פון די אַזוי-גערופענע קלוגע מענטשן. דער רוח מעג זיי נעמען!

אַלע זיינען נשתומם געוואָרן פון וואָלינצעווס רייד און אַנטשוויגן געוואָרן. רודין האָט געהאַט אַ קוק געטאָן אויף אים, אָבער ער האָט נישט אויסגעהאַלטן זיין בליק, האָט זיך אָפגעקערט פון אים, אַ שמייכל געטאָן און קיין מויל נישט געעפנט.

„עהע! אויך דו ביסט אַ קורץ-עקיקער"! האָט פיגאַסאָוו אַ קלער געטאָן; און נאַטאַליאַן איז שיר די נשמה נישט אַרויסגעפלויגן פון שרעק. דאַריאַ מיכיילאָווגאַ האָט אין פאַרלעגנהייט לאַנג געקוקט אויף וואָלינצעוון און לסוף האָט זי די ערשטע גענומען ריידן; זי האָט אָנגעהייבן דערציילן וועגן עפעס אַן אומגעוויינלעכן הונט פון מיניסטער N. N.

וואָלינצעוו איז אַוועקגעפאָרן באַלד נאָך מיטאָג. געזעגנדיק זיך מיט נאַטאַליאַן, האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן און איר געזאָגט:

— פאַרוואָס זייט איר אַזוי צומישט, גלייך ווי איר וואָלט געווען שולדיק; איר קאָנט אַנטקעגן קיינעם נישט זיין שולדיק!..

נאַטאַליאַ האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, און האָט אים בלויז

באַכגעקוקט ביי זיין אַוועקגיין. פאַר טיי־טרינקען איז צו איר צוגעגאַנגען רודין, און, אַנבויגנדיק זיך איבערן ט. ש. גלייך ווי ער וואָלט זיך אַריינגעטיפּט אין צייטונגען, האָט ער אַ פּליסטער געטאָן:

— דאָס אַלץ איז ווי אַ חלום, נישט אמת? איך מוז אייך אומבאַדינגט זען אויג אויף אויג.. כאָטש אַ רגע. — ער האָט זיך געווענדט צו m-lle Boncourt·—אָט איז ער,—האָט ער איר געזאָגט:—יענער פעליעטאָן, וועלכן איר האָט געזוכט,—און האָט זיך פון ס'ניי אָנגעבויגן צו נאַטאַליאַן און צוגעגעבן שטילערהייט:—באַמיט זיך צו זיין לערך צען אַזייגער נעבן דער טעראַסע, אין דער בעז־אַלטאַנקע: כ'וועל וואַרטן אויף אייך...

דער העלד פונם אָוונט איז געווען פּיגאַסאָוו. רודין האָט אים אָפּגעטראָטן דאָס שלאַכט־פעלד און פּיגאַסאָוו האָט געמאַכט זייער לאַכעדיק דאַריאַ מיכיילאָוונאַן. לכתחילה האָט ער דערציילט וועגן אייגעם אַ שכן זיינעם, וועלכער האָט זיך געפונען אַ יאָר דרייסיק אונטערן ווייבס כאַנטאָפּל און איז אַזוי פאַרווייבערט געוואָרן, אַז איינמאָל, איבערגייענדיק אין פּיגאַסאָווס געגנוואַרט אַ קליינע לוזשע, האָט ער אַוועקגערוקט די הענט אויף הינטן און אויפגענומען אָן אַ זייט די פּאַלדן פון זיין מאַנטל, ווי עס טוען די פרויען מיט זייערע קליידער. נאָכדעם האָט ער זיך געקערט צו אַן אַנדער גוט־באַזיצער, וועלכער איז לכתחילה געווען אַ מאַסאָן, נאָכדעם אַ מעלאַנכאָליקער, שפּעטער האָט ער געוואָלט ווערן אַ באַנקיר.

— ווי אַזוי זייט איר געווען אַ מאַסאָן, פיליפּ סטעפּאַניטש?—האָט אים פּיגאַסאָוו געפרעגט.

— ס'איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך: כ'האָב געטראָגן אַ לאַנגן נאָגל אויפן פינפטן פינגערל.

נאָר מער פון אַלץ האָט דאַריאַ מיכיילאָוונאַ געלאַכט, בעת פּיגאַסאָוו האָט זיך גענומען חקירהן וועגן ליבע און פאַרזיכערט, אַז אויך ער האָט אַרויסגעריסן זיפצן פון פרויען־הערצער, אַז איין היציקע דייטשקע האָט אים אפילו אָנגערופן „דער געשמאַקער אַפריקאַנעלע” וכדומה. דאַריאַ מיכיילאָוונאַ האָט גע־

גאַנץ, נאָר פּיגאַסאָוו האָט נישט געלייגט: ער האָט באמת געהאַט דאָס רעכט צו באַרימען זיך מיט זיינע נצחונות. ער פּלעגט זאָגן, אַז ס'איז נישטאָ גאָר קיין גרינגערע זאַך, ווי איינצוליבן אין זיך וועלכע נאָר עס איז פרוי: מ'דאַרף איר נאָר איבערחזרן צען טעג נאָכאַנאַנד, אַז איר מיילכל איז אַ גן-עדן און אירע אויגן—אַ תענוג, און אַז די איבעריקע פרויען זיינען אַנטקעגן איר פּשוטע שמאַטעס, און אויפן עלפטן טאָג וועט זי אַליין זאָגן, אַז איר מיילכל איז אַ גן-עדן און אירע אויגן—אַ תענוג, און וועט אייך ליב קריגן. אַלץ טרעפט אין דער וועלט. ווער ווייס, אפשר איז פּיגאַסאָוו טאַקע גערעכט.

האַלב ניין איז שוין רודין געווען אין דער אַלטאַנקע. אין דער ווייטער און בלייכער טיפקייט פונם הימל זיינען נאָר וואָס אַרויסגעטראָטן שטערנדלעך; אויפן מערב האָט זיך נאָך דער הימל גערויטלט—דאָרט האָט אויך דער האָריזאָנט אויסגעזען העלער און ריינער; דער האַלב-קרייז פון דער לבנה האָט געגלאַנצט מיט גאָלד דורך די שוואַרצע נעץ פון אַ וויינענדער בעריאָזע. אַנדערע בוימער זיינען געשטאַנען אָדער ווי דערצערנטע ריזן, מיט טויזנט ליכט-פלעקן אין געשטאַלט פון אויגן, אָדער זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין געדיכטע, פינסטערע מאַסן. קיין איין בלעטל האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן; די אויבערשטע צווייגלעך פון בעז און אַקאַציע-בוימלעך האָבן זיך פונקט ווי צוגעהערט צו עפּעס און האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער וואַרימער לופט. דאָס הויז האָט זיך געטונקלט אין דער נאָענטקייט. די באַלויכטענע לאַנגע פענסטער האָבן זיך אויף אים געצייכנט מיט פלעקן פון רויטלעכן שיין. זאַנפט און שטיל איז געווען דער אָוונט; אָבער אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט זיך ווי געהערט אַן איינגעהאַלטענער, ליידנשאַפטלעכער זיפץ.

רודין איז געשטאַנען מיט געקרייצטע הענט אויף דער ברוסט און האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט. דאָס האַרץ האָט אין אים שטאַרק געקלאַפּט, און נישט ווילנדיק האָט ער איינגעהאַלטן דעם אָטעם. לסוף האָט ער דערהערט לייכטע איילנדיקע טריט, און אין דער אַלטאַנקע איז

נאַטאַליאַ אַריינגעקומען.

רודין האָט זיך געוואָרפן צו איר און זי אָנגענומען פאַר די הענט. זיי זיינען געווען קאַלט ווי אייז.

— נאַטאַליאַ אַלעקסייעווּנאַ! — האָט ער אָנגעהייבן ריידן מיט אַ ציטערדיקן פליסטערן: — כ'האָב אייך געוואָלט זען... כ'האָב זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף מאָרגנדיקן טאָג. איך מוז אייך זאָגן דאָס, וואָס כ'האָב גאָרנישט געמיינט, וואָס כ'האָב נישט גערעכנט אפילו היינט אין דער פרי: כ'האָב אייך ליב!

נאַטאַליאַס הענט האָבן לייכט אַ ציטער געטאָן אין זיינע הענט.

— איך האָב אייך ליב, — האָט ער איבערגעחזרט: — און ווי אַזוי האָב איך זיך אַזוי לאַנג געקאָנט אָפּנאַרן, ווי אַזוי האָב איך זיך פון לאַנג נישט געכאַפּט, אַז איך האָב אייך ליב!... און איר?... נאַטאַליאַ אַלעקסייעווּנאַ, זאָגט, איר?...

נאַטאַליאַ האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם.

— איר זעט דאָך, כ'בין געקומען אַהער, — האָט זי לסוף אַרויסגערעדט.

— ניין, זאָגט, איר האָט מיך ליב?

— מיר דוכט זיך... יאָ... — האָט זי אַ מורמל געטאָן.

רודין האָט נאָך פעסטער איר האַנט אַ דריק געטאָן און האָט געהאַט געוואָלט זי צוציען צו זיך...

נאַטאַליאַ האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט.

— לאָזט מיך, מיר איז ש־עקלעך, מיר דוכט זיך, עמיצער הערט אונטער... אום גאָטעס ווילן, זייט פאָרזיכטיק. וואָלינצעוו שטויסט זיך אָן.

— גאָט איז מיט אים! איר האָט געזען, אַז כ'האָב אים אפילו היינט נישט געענטפערט... אַך, נאַטאַליאַ אַלעקסייעווּנאַ, ווי בין איך גליקלעך! איצט וועט אונז שוין גאָרנישט צושיידן!

נאַטאַליאַ האָט אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן.

— לאָזט מיך — האָט זי שטילערהייט געזאָגט: צייט צו גיין.

— איין רגע, — האָט רודין אָנגעהייבן...

— ניין, לאָזט, לאָזט מיך...

— איר האָט ווי מורא פאַר מיר?

— ניין; נאָר שוין צייט פאַר מיר צו גיין...

— טאָ חזרט איבער, לפּחות, נאָכאַמאָל...

— איר זאָגט, אַז איר זייט גליקלעך? — האָט נאַטאַליאַ געפרעגט.

— איך? נישטאָ אויף דער וועלט קיין גליקלעכערער מענטש פון מיר! צי דען צווייפלט איר?

נאַטאַליאַ האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. איר בלאַס, איידל, יונג און אויפגערעגט געזיכט איז געווען פּרעכטיק אינם שאָטן פון דער אַלטאַנקע, ביים שוואַכן שיין, וואָס איז געפאַלן פונם נאַכטיקן הימל.

— ווייסט איר, — האָט זי געזאָגט: — כ'וועל זיין אייערע.

— אָ גאָט! — האָט רודין אויסגעשריען...

אָבער נאַטאַליאַ האָט זיך אַ נייג געטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען. רודין איז נאָך אַביסל געשטאַנען, נאָכדעם איז ער פּאַמעלעך אַרויס פון דער אַלטאַנקע. די לבנה האָט העל באַלויכטן זיין פּנים; אויף זיינע ליפּן האָט געבלאָנדזשעט אַ שמייכל.

— איך בין גליקלעך, — האָט ער אַרויסגערעדט שטילערהייט, — יאָ, איך בין גליקלעך, — האָט ער איבערגעחזרט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן זיך גופא איבערצייגן.

ער האָט אויסגעגלייכט זיין פיגור, האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די לאָקן און איז פלינק אַוועק אין גאָרטן, פריילעך מאַכנדיק הין-און-הער מיט די הענט.

און אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אין דער בעזאַלטאַנקע שטיל פונאַנדערגעשפּרייט די שטרויכן און ס'האָט זיך באַוויזן פּאַנדאַלעווסקי. ער האָט זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, צונויפגעדריקט די ליפּן און באַטייטיק געזאָגט: „אַזוי איז עס. דאָס וועט מען דאַרפן געבן צו וויסן דאַריאַ מיכיילאָווגאַן", און האָט זיך פאַרהוילן.

VIII

אומקערנדיק זיך אַהיים איז וואָלינצעוו געווען טרויעריק און מרה־שחורהדיק. ער האָט נישט גערן געענטפערט דער שוועסטער אויף אירע פראַגן און האָט זיך גלייך פאַרמאַכט ביי זיך אין קאַבינעט. זי האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ שליח נאָך לעזשנעוון. שטענדיק אין יעדן שווערן פאַל פלעגט זי זיך ווענדן צו אים. לעזשנעוו האָט געהייסן איר זאָגן, אַז ער וועט קומען צופאָרן מאָרגן.

אויך צומאָרגנס איז וואָלינצעוו נישט מונטערער געוואָרן. ער האָט געהאַט געוואָלט אַוועקגיין נאָכן טיי־טרינקען אויף אַרבעט, אָבער ער איז געבליבן אין שטוב, האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן דיוואַן און גענומען לייענען אַ בוך, וואָס ס'האָט מיט אים פאַסירט גאַנץ זעלטן. די ליטעראַטור האָט וואָלינצעוון נישט צוגעצויגן, און פאַר שירים האָט ער פראָסט מורא געהאַט.— „דאָס איז אומפאַרשטענדלעך ווי שירים", פלעגט ער זאָגן, און כדי צו באַשטעטיקן זיינע ווערטער, פלעגט ער ברענגען פאָלגענדע שורות פון דעם דיכטער אייבולאַט:

און ביזן סוף פון פריבע טעג
נסיון שטאָלצער און פאַרשטאַנד —
זיי טויטן נישט די בלוטפולע
„פאַרגעס־מיך־נישט!" מיט זייער האַנט...

אַלעקסאַנדראַ פאַוולאָוונאַ האָט אומרויק געקוקט אויף איר ברודער, אָבער זי האָט אים נישט געקוועלט מיט קיין פראַגן. צום גאַניק איז צוגעפאָרן אַ קאַרעטע. „נו,—האָט זי אַ קלער געטאָן,—גאָט צו דאַנקען, לעזשנעוו"... דער דינער איז אַריינגעקומען און מודיע געווען וועגן רודינס קומען.

וואָלינצעוו האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס בוך אויף דער פאָדלאָגע און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— ווער איז געקומען צופאָרן?—האָט ער געפרעגט.

— רודין, דמיטרי ניקאָלאַיִטש,—האָט דער דינער איבערגעחזרט.

וואַלינצעוו איז אויפגעשטאַנען.

— בעט אים אַריין,—האָט ער אַ מורמל געטאָן:—און דו, שוועסטער,—האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ:—לאָז אונז איבער אַליין.

— פאַרוואָס דען?—האָט זי אָנגעהייבן...

— איך ווייס,—האָט ער זי איבערגעהאַקט מיט רוגזה:—איך בעט דיך.

ס'איז אַריינגעקומען רודין. וואַלינצעוו האָט זיך צו אים קאַלט אַ בייג געטאָן, שטייענדיק אין מיטן צימער, און האָט אים די האַנט נישט אויסגעשטרעקט.

— איר האָט אויף מיר נישט געוואַרט, זייט זיך מודה,— האָט רודין אָנגעהייבן און האָט אַוועקגעלייגט זיין הוט אויפן פענסטער.

זיינע ליפן האָבן לייכט געציטערט. אים איז געווען אומבאַקוועם; אָבער ער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן זיין צומישטקייט.

— איך האָב אויף אייך נישט געוואַרט, ס'איז אמת— האָט וואַלינצעוו געענטפערט:—נאָכן נעכטיקן טאָג האָב איך גיכער געקאָנט וואַרטן אויף עמיצן—מיט אַ שליחות פון אייך.

— איך פאַרשטיי וואָס איר ווילט זאָגן,—האָט רודין, זעצנדיק זיך, געזאָגט:—און כ'בין זייער צופרידן פון אייער אָפנהאַרציקייט. אַזוי איז אַ סך בעסער. כ'בין אַליין געקומען צו אייך, ווי צו אַ פיינעם מאַן.

— איז אוממעגלעך אָן קאָמפּלימענטן?—האָט וואַלינצעוו באַמערקט.

— איך וויל אייך דערקלערן, נאָך וואָס איך בין געקומען.

— מיר זיינען דאָך באַקאַנט: פאַרוואָס זאָלט איר צו מיר נישט קומען? אגב, נישט דאָס ערשטע מאָל באַערט איר מיך מיט אייער באַזוך.

— איך בין געקומען צו אייך ווי אַ פיינער מאַן צו אַ פיינעם מאַן,—האָט רודין איבערגעחזרט:—איך וויל זיך איצט פאַרלאָזן אויף אייער אייגענעם משפט. איך ···וי אייך לגמרי אָן...

— אין וואָס גייט עס?—האָט געזאָגט וואָלינצעוו, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין זיין פריערדיקער לאַגע און האָט טריב געקוקט אויף רודינען, פון צייט־צו־צייט זיך ציענדיק די עקן פון זיינע וואָנסן.

— דערלויבט... כ׳בין געקומען צוליב דעם, כדי, געוויס, אַלץ קלאָר צו מאַכן; נאָר פונדעסטוועגן איז עס אוממעגלעך מיטאַמאָל.

— פאַרוואָס איז אוממעגלעך?

— דאָ איז פאַרמישט אַ דריטע פערזאָן...

— וואָס פאַר אַ דריטע פערזאָן?

— סערגיי פּאַוולִיטש, איר פאַרשטייט מיך.

— דמיטרי ניקאָלאַיִטש, איך פאַרשטיי אייך אַ האָר נישט.

— איר ווילט...

— איך וויל, איר זאָלט ריידן אָן „דריידלעך"! — האָט וואָלינצעוו אונטערגעכאַפּט.

ער האָט אָנגעהייבן ווערן בייז נישט אין שפּאַס.

רודין האָט זיך אָנגעכמורעט.

— ביטע... מיר זיינען אַליין... איך דאַרף אייך זאָגן — איבעריגנס, איר מוזט זיך שוין אַוודאי אָנשטויסן (וואָלינצעוו האָט אומגעדולדיק אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס) — איך מוז אייך זאָגן, אַז כ׳האָב ליב נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַן און האָב דאָס רעכט צו משער זיין, אַז זי האָט מיך אויך ליב.

וואָלינצעוו איז בלאַס געוואָרן, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט און זיך אָפּגעקערט צום פענסטער.

— איר פאַרשטייט, סערגיי פּאַוולִיטש, — האָט רודין פאָרטגעזעצט: — אַז ווען איך וואָלט נישט געווען זיכער...

— איך בעט אייך! — האָט וואָלינצעוו איילנדיק איבערגעשלאָגן: — איך בין אויף אַ האָר נישט מסופק... מילא! צו געזונט! איך וואונדער זיך נאָר, צו וועלכע רוחות איז אייך איינגעפאַלן צו מיר צו באַווייזן מיט דער נייס... ווי קום איך דאָ? וואָס איז מיין עסק, ווען איר האָט ליב און ווער עס האָט אייך ליב? איך קאָן עס פשוט נישט פאַרשטיין.

וואָלינצעוו האָט אַלץ געקוקט אין פענסטער. זיין שטים

האָט געקלונגען טויב.

רודין האָט זיך אויפגעהויבן.

— כ'וועל אייך זאָגן, סערגיי פּאַווליטש, פאַרוואָס איך האָב זיך אַנטשלאָסן צו אייך צו קומען; פאַרוואָס איך האָב גערעכנט, אַז כ'האָב נישט קיין רעכט צו באַהאַלטן פון אייך אונזער... אונזער געמיינזאַמע אויפגעלייגטקייט. איך אַכט אייך צו טיף — אָט צוליב וואָס איך בין געקומען; כ'האָב נישט געוואָלט... מיר האָבן ביידע נישט געוואָלט שפּילן פאַר אייך אַ קאָמעדיע. אייער געפיל צו נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ איז מיר געווען באַוווסט... גלויבט מיר, איך ווייס מיין ווערט: איך ווייס, אַז איך בין ניט ווערט אייך צו פאַרבייטן אין איר האַרץ; נאָר אויב ס'איז שוין אַזוי געווען באַשערט, איז דען בעסער צו גיין מיט כיטרע גענג, אָפּנאַרן, מאַסקירן זיך? צי דען איז בעסער זיך אונטערצוואַרפן מיספאַרשטייעניש, אָדער אפילו דער מעגלעכקייט פון אַזאַ סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען נעכטן ביים מיטאָג? סערגיי פּאַווליטש, זאָגט אַליין?

וואָלינצעוו האָט געקרייצט די הענט אויף דער ברוסט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געשטאַרקט זיך אַליין איינצושטילן.

— סערגיי פּאַווליטש — האָט רודין פאָרטגעזעצט — איך האָב אייך פאַרשאַפט עגמת-נפש, איך פיל עס... אָבער פאַרשטייט אונז... פאַרשטייט, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער מיטל צו דערווייזן אייך אונזער אַכטונג, צו דערווייזן, אַז מיר קאָנען שעצן אייער תמימותדיקע פיינקייט, אָפנהאַרציקייט, פולשטענדיקע אָפנהאַרציקייט אין באַציִונג צו אַלע אַנדערע וואָלט געווען נישט אויף אַן אָרט. אָבער לגבי אייך איז זי אַ חוב. אונז איז אָנגענעם צו טראַכטן, אַז אונזער סוד איז אין אייערע הענט.

וואָלינצעוו האָט אַ לאַך-געטאָן מיט אַ געצוווּנגענעם געלעכטער.

— אַ דאַנק פאַר צוטרויען! — האָט ער אויסגערופן: — כאָטש, איך בעט צו באַמערקן, כ'האָב נישט געוואָלט נישט אייער סוד וויסן, נישט מיינעם אייך אַרויסצוגעבן, און איר

באַגייט זיך דערמיט ווי מיט אייגנס. אָבער דערלויבט נאָר: איר רעדט ווי פאַר אַן אַנדערן. הייסט עס, כ׳קאָן משער זיין, אַז נאַטאַליאַ אַלעקסייעווונאַ ווייסט פון אייער באַזוך און צוועק פונם באַזוך?

רודין האָט זיך אַביסל צומישט.

— ניין, איך האָב נאַטאַליאַ אַלעקסייעווונאַן נישט געזאָגט, וואָס איך האָב בדעה צו טאָן; נאָר, איך ווייס, זי האָט מיין געדאַנקען-גאַנג.

— דאָס אַלץ איז זייער שיין, — האָט געזאָגט וואָלינצעוו, שווייגנדיק אַ ביסל און האָט גענומען פויקן איבערן שויב; — כאָטש, כ׳בין זיך מודה, ס׳וואָלט געווען פיל בעסער ווען איר וואָלט מיך ווייניקער געאַכטעט. דעם אמת-זאָגנדיק, טויג מיר אייער אַכטן אויף כפרות; אָבער וואָס ווילט איר פון מיר איצטער?

— איך וויל גאָרנישט... אָדער, ניין! איך וויל איינס: איך וויל, אַז איר זאָלט מיך נישט האַלטן פאַר אַ צביעותדיקן און שלויען מענטשן, אַז איר זאָלט מיך פאַרשטיין... איך האָף, אַז איצט קאָנט איר שוין נישט צווייפלען אין מיין אויפריכטיקייט... איך וויל, סערגיי פּאַוולאָוויטש, מיר זאָלן זיך צושיידן ווי פריינט... איר זאָלט מיר, ווי פריער, אויסשטרעקן די האַנט...

און רודין האָט זיך דערנענטערט צו וואָלינצעוון.

— אַנטשולדיקט מיך, גנעדיקער האַר, — האָט וואָלינצעוו אַרויסגערעדט, אומקערנדיק זיך און אָפּטרעטנדיק אַ טריט צוריק: — איך בין גרייט אָפּצושאַצן ווי עס געהער צו זיין אייערע כוונות, דאָס אַלץ איז גאַנץ פיין, לאָמיר זאָגן, אפילו זייער הויך, אָבער מיר זיינען פשוטע מענטשן, אָן קונצן, מיר זיינען נישט ביכולת נאָכצויאָגן דעם שווונג פון אַזאַ גרויסן גייסט, ווי אייערער... וואָס אייך ווייזט אויס אויפריכטיק, שיינט אונז צו זיין לעסטיק און אומבאַשיידן... וואָס פאַר אייך איז פשוט און קלאָר, איז פאַר אונז פאַרפּלאָנטערט און נעבלהאַפט... איר רימט זיך דערמיט, וואָס מיר פאַרבאָרגן: ווי אַזוי זשע זאָלן מיר אייך פאַרשטיין! האָט קיין פאַראיבל נישט: נישט פאַר אַ פריינט

קאָן איך אייך רעכענען, נישט כ׳וועל אייך אַ האַנט געבן... דאָס איז אפשר קליינלעך; אָבער איך גופא בין דאָך קליין און אָרים.

רודין האָט גענומען דעם הוט פון פענסטער.

— סערגיי פּאַוליטש! — האָט ער טרויעריק אויסגערעדט: זייט געזונט; כ׳האָב זיך אָפּגענאַרט אין מיינע דערוואַרטונגען. מיין באַזוך איז באמת זייער אויסטערליש; אָבער איך האָב געהאָפט, אַז איר... (וואָלינצעוו האָט געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג)... אַנטשולדיקט, כ׳וועל מער וועגן דעם נישט ריידן. באַנעמענדיק אַלץ, זע איך, אמת, אַז איר זייט גערעכט און האָט זיך אַנדערש נישט געקאָנט באַגיין. זייט געזונט און דערלויבט מיר, לכל הפּחות, נאָכאַמאָל, צום לעצטן מאָל, אייך פאַרזיכערן, אַז כ׳האָב געהאַנדלט ערלעך און אויפריכטיק... אין אייער באַשיידנקייט בין איך איבערצייגט...

— דאָס איז שוין צופיל! — האָט וואָלינצעוו אויסגערופן און האָט זיך גענומען טרייסלען פון צאָרן: — איך האָב אייך גאָרנישט געבעטן איר זאָלט צו מיר האָבן צוטרויען; און דעריבער האָט איר נישט קיין שום רעכט צו גלויבן אין מיין באַשיידנקייט!

רודין האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט אָבער נאָר אויסגעשפּרייט די הענט, האָט זיך א נייג געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען, און וואָלינצעוו האָט זיך געוואָרפן אויפן דיוואַן און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

— מען קאָן אַריינגיין צו דיר? — האָט זיך דערהערט ביי דער טיר אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַס שטים.

וואָלינצעוו האָט נישט געענטפערט תּיכף און האָט בגנבה אַ פיר-געטאָן מיט דער האַנט איבערן געזיכט. — ניין, סאַשאַ, — האָט ער געענטפערט מיט אַ לייכט געענדערטן קול: — וואַרט נאָך אַביסל.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ ווידער צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— מיכיילא מיכיילישט איז געקומען צופאָרן, — האָט זי בעזאָגט: — ווילסט אים זען?

— איך וויל, — האָט וואָלינצעוו געענטפערט: — שיק אים אַהער.

לעזשנעוו איז אַריינגעקומען.

— וואָס — ביזט נישט געזונט? — האָט ער געפֿרעגט, זיך זעצנדיק אויף אַ פּאָטעל נעבן דיוואַן.

וואָלינצעוו האָט זיך אונטערגעהויבן, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן עלנבויגן, לאַנג, לאַנג אָנגעקוקט זיין פֿריינט אין פּנים אַריין און אים איבערגעגעבן זיין גאַנצן שמועס מיט רודינען, וואָרט אין וואָרט. ער האָט ביז איצט קיינמאָל ניט געגעבן אָנצוגעהערן לעזשנעוון מכּה זיינע געפֿילן צו נאַטאַליאַן, כאָטש ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז די זאַך איז פֿאַר אים קיין סוד נישט.

— נו, ברודער, האָסט מיך פֿאַרוווּנדערט, —האָט לעזשנעוו געזאָגט, ווי נאָר וואָלינצעוו האָט געענדיקט דערציילן: — פֿיל משונהדיקע זאַכן האָב איך פֿון אים געוואַרט, דאָס אָבער... איבעריגנס, איך דערקען אים אויך דאָ...

— כ׳בעט דיך—האָט דער אויפגערעגטער וואָלינצעוו געָרעדט: —דאָס איז דאָך פּראָסט אַ חוצפּה! איך האָב אים דאָך שיר נישט אַרויסגעשליידערט דורכן פֿענסטער! איז ער געקומען זיך רימען פֿאַר מיר, אָדער איז אויף אים אָנגעפֿאַלן אַ פּחד? וואָס הייסט עס? ווי אַזוי באַשליסט ער זיך עס קומען צו אַ מענטשן...

וואָלינצעוו האָט פֿאַרוואָרפֿן די הענט הינטערן קאָפּ און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— ניין, ברודער, דאָס איז נישט אַזוי, — האָט לעזשנעוו רויִק געענטפֿערט. —דו וועסט דאָך מיר נישט גלויבן, אָבער ער האָט עס געטאָן דורך אַ גוטן אימפּולס... אמת... די זאַך, זעסטו, איז אי פֿיין, אי אָפֿנהאַרציק, אגב איז עס אַ גוטע געלעגנהייט אויסצובּרענגען אַביסל רייד, צו שאַרפֿן דעם כּח־הדבור... און אָט דאָס דאַרפֿן מיר דאָך סכּנות, מיר קאָנען דאָך אָן דעם נישט לעבן... אָך, די צונג זיינע—זיין שונא איז עס... נו דערפֿאַר דינט זי אים אַמאָל אויך.

— מיט וואָס פֿאַר אַ פֿייערלעכקייט ער איז אַריינגעקומען

און גערעדט, קאָנסט זיך עס נישט פֿאָרשטעלן!...

— ס'איז דאָך אוממעגלעך אָן דעם. ער פֿאַרשפּילעט זיין מאַנטל גלייך ווי ער וואָלט דערפּילט אַ הייליקע פֿליכט. איך וואָלט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ נישט-באַווינטער אינזל און וואָלט אַ בליק געטאָן פֿון הינטער אַ ווינקל, ווי אַזוי ער איז זיך דאָרטן נוהג. און ער רעדט נאָך וועגן פּשטות!

— זאָג מיר, ברודער, אום גאָטעס ווילן,—האָט וואָלינצעוו געפֿרעגט:—וואָס איז עס אַזוינס: פֿילאָזאָפֿיע, צי וואָס?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? פֿון איין זייט איז עס, אפֿשר, פֿילאָזאָפֿיע, און פֿון דער צווייטער זייט איז עס לגמרי נישט דאָס. מען דאַרף נישט אָנוואַרפֿן יעדע נאַרישקייט אויף פֿילאָזאָפֿיע.

וואָלינצעוו האָט אויף אים אַ קוק געטאָן.

— האָט ער נישט געלייגט, ווי מיינסטו?

— ניין, מיין זון, ער האָט נישט געלייגט. איבעריגנס, ווייסטו וואָס? גענוג צו הקירהן זיך וועגן דעם. לאָמיר, ברודער, פֿאַררויכערן די ליולקעס, און פֿאַרבעטן אַהער אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַן... אין איר געגנוואַרט רעדט זיך גאָר בעסער, און ס'שווייגט זיך גרינגער. זי וועט אונז אָנטרינקען מיט טיי.

— ביטע—האָט וואָלינצעוו געענטפֿערט.—סאַשאַ, קום אַריין!—האָט ער אַ געשריי געטאָן.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ איז אַריינגעקומען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און שטאַרק צוגעדריקט צו זיינע ליפּן.

רודין האָט זיך אומגעקערט אַ היים אין אַן אומרויִקער און מאָדנער שטימונג. ער איז געווען בייז אויף זיך אַליין, האָט זיך געמאַכט פֿאָרוואַרפֿן פֿאַר זיין אומפֿאַרציילעכער איילעוודיקייט, פֿאַר זיין קינדעריי. נישט אומזיסט האָט ווער געזאָגט: ס'איז נישטאָ גאָר קיין לעסטיקערע זאַך ווי דאָס באַוווסטזיין פֿון אַ נאָר-וואָס באַגאַנגענער נאַרישקייט.

רודינען האָט גענאָגט אַ חרטה.

„דער רוח האָט מיך גענומען", האָט ער געפּליסטערט דורך די ציין.—„אַ פּאָר צו טאָן צו דעמדאָזיקן פּריץ! וואָס איז עס מיר איינגעפאַלן דער רעיון! געקומען נאָר פאַרנעמען עזותקייטן"...

אין דאַריאַ מיכיילאָוונאַס הויז איז פאָרגעקומען עטוואָס אומגעוויינלעכעס. די בעל-הביתטע אַליין האָט זיך אַ גאַנצן פרימאָרגן נישט באַוויזן, און איז אויך צום מיטאָג נישט אַרויסגעקומען: פאַנדאַלעווסקי—די איינציקע פּערזאָן, וואָס איז צו איר צוגעלאָזן געוואָרן—האָט געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי. נאַטאַליאַ האָט רודין אויך כמעט ווי נישט געזען: זי איז געזעסן אין איר צימער צוזאַמען מיט m-lle Boncourt... באַגעגנענדיק זיך מיט אים אין עס-צימער, האָט זי אויף אים אַזוי טרויעריק אַ קוק געטאָן, אַז דאָס האַרץ אין אים האָט אַ ציטער געטאָן. איר געזיכט האָט זיך געענדערט, גלייך ווי עס וואָלט פון נעכטן אָן געקומען אויף איר אַ גרויסע צרה. רודינען האָט גענומען פּלאָגן אַן אומעט פון אומבאַשטימטע פאָרגעפילן. כדי זיך ווי עס איז צוצושטרייען, האָט ער זיך פאַרנומען מיט באַסיסטאָוון, האָט מיט אים אַ סך געשמועסט און געפונען, אַז ער איז אַ פייערדיקער, לעבנספולער יונג, מיט אַנטציקטע האָפענונגען און מיט אַ גאַנץ נישט צושטערטן גלויבן. אָוונט-צייט איז דאַריאַ מיכיילאָוונאַ דערשינען אויף אַ שעה צוויי אין גאַסט-צימער. מיט רודינען איז זי געווען פריינטלעך, אָבער געהאַלטן האָט זי זיך עפּעס ווייטלעך, דאָ האָט זי געלאַכט, דאָ זיך אָנגעכמורעט, גערעדט אונטער דער נאָז און אַלץ מער מיט אָנצוהערענישן. ס'האָט פון איר געווייעט מיט הויף-דאַמע. אין דער לעצטער צייט איז זי ווי אָפּגעקעלטערט געוואָרן אַביסל צו רודינען.—„וואָס איז עס פאַר אַ רעטעניש?" האָט ער געטראַכט, קוקנדיק פון דער זייט אויף איר פאַרריסן קעפּל.

נישט לאַנג האָט ער געוואַרט אויפן פּתרון פון דעמדאָזיקן רעטעניש. אומקערנדיק זיך זייגער צוועלף ביינאַכט צו זיך אין צימער, איז ער דורכגעגאַנגען דורכן פינסטערן קאָרידאָר. מיטאַמאָל האָט אים עמיץ אַריינגעשטעקט אַ צעטעלע אין האַנט אַריין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, ווי פון אים

דערוווייטערט זיך אַ מיידל, ווי אים האָט זיך געדאַכט, איז עס געווען נאַטאַליאַס דינערין. ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין צימער, האָט אַוועקגעשיקט זיין דינער, פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס צעטעלע און איבערגעלייענט פאָלגנדע שורות, געשריבן דורך נאַטאַליאַס האַנט:

„קומט מאָרגן פרי זיבן אַ זייגער, נישט שפּעטער, צו אַוודיוכינס סאַזלקע, הינטערן דעמבאָוון וואַלד. קיין אַנדער צייט איז נישט מעגלעך. דאָס וועט זיין אונזער לעצט זען־זיך. אַלץ וועט זיין געענדיקט, אויב... קומט צוגיין. מ'וועט זיך דאַרפן אַנטשליסן...

פּ. ס. אויב איך וועל נישט קומען, הייסט עס, אַז מיר וועלן זיך מער נישט זען; דאַן וועל איך אייך געבן צו וויסן...”

רודין האָט זיך פאַרטראַכט, האָט אַ קער געטאָן דאָס צעטעלע אין די הענט, עס אונטערגעלייגט אונטערן קישן, זיך אויסגעטאָן, אַנידערגעלייגט זיך, נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן איז ער נית אַזוי שנעל, ער איז געשלאָפן מיט אַ לייכטן שלאָף און ס'איז נאָך קיין פינף אַ זייגער נישט געווען, בעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

IX

אַוודיוכינס סאַזלקע, נעבן וועלכער נאַטאַליאַ האָט באַשטימט רודינען די זעונג, איז שוין פון לאַנג געוואָרן אויס סאַזלקע. שוין מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָט איר דאָס וואַסער דורכגעריסן און פון יענער צייט האָט מען זי פאַרלאָזן. בלויז דער גלייכער און פלאַכער דעק פונם גראָבן, וואָס איז אַמאָל פאַרצויגן געוואָרן מיט פעטן שלאַם, און די שיריים פון דער „הרעבלע” האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ סאַזלקע. אויפן זעלביקן אָרט איז אַמאָל אויך געווען אַ הויף. שוין לאַנג־לאַנג ווי ער איז אָפּגעמעקט געוואָרן. דערמאָנט וועגן אים האָבן צוויי ריזיקע סאָסנעס; אייביק האָט דער ווינט גערוישט און בייז געברומט אין זייער הויכן און מאָגערן גרינס...

אין פֿאָלק האָבן זיך אומגעטראָגן סודותדיקע קלאַנגען וועגן אַ שרעקלעכן פֿאַרברעך, וואָס זאָל האָבן באַגאַנגען געוואָרן ביי זייערע וואָרצלען; מ'האָט אויך גערעדט, אַז קיין איינע פֿון זיי וועט נישט אומפֿאַלן, נישט טויטנדיק עמיצן ביים פֿאַלן; אַז דאָ איז פֿריער געשטאַנען אַ דריטע סאָסנע, וועלכע איז אומגעשליידערט געוואָרן בעת אַ שטורם און דערהרגעט אַ קליין מיידעלע. דאָס גאַנצע אָרט אַרום דער אַלטער סאַזלקע האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַן אָרט פֿון סכּנה; אַ פּוסט, וויסט אָרט, אַ פֿאַרלאָזטעס און פֿינסטערעס אַפֿילו אין אַ זוניקן טאָג — האָט עס אויסגעזען נאָך מער פֿינסטער און וויסט אין דער שכנות פֿון אַ פֿאַרפֿוילטן דעמבאָוון וואַלד, וואָס זיינע בוימער זיינען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן און פֿאַרדאַרט. די שיטערע גרויע סקעלעטן פֿון די ריזיקע בוימער האָבן זיך דערהויבן ווי טרויעריקע געשפּענסטער איבערן נידעריקן געוויקס פֿון די שטרויכן. אַ פּחד איז געווען צו קוקן אויף זיי: ס'האָט זיך געדאַכט, אַז שלעכטע זקנים האָבן זיך עס צונויפֿגעזאַמלט און פּלאַנעווען עפּעס נישט-גוטעס. אין איין זייט האָט זיך אַוועקגעפּלאָכטן אַ שמאָלע סטעזשקע, וואָס קיין פֿוס האָט נאָך כּמעט אויף איר נישט געטראָטן. קיינער איז פֿאַרביי אַוודיוכינס סאַזלקע נישט געגאַנגען, אַ חוץ אין אַ באַזונדערער נויטיקייט. נאַטאַליאַ האָט מיט אַ כּיוון אויסגעקליבן אַזאַ איינזאַמען אָרט. פֿון דאַריאַ מיכיילאָוונאַס הויז ביז דאָרט איז געווען נישט מער ווי אַ האַלב וויאָרסט.

בעת רודין איז געקומען צו אַוודיוכינס סאַזלקע איז שוין די זון לאַנג געשטאַנען אויפֿן הימל; אָבער ס'איז נישט געווען קיין פֿריילעכער פֿרימאָרגן. געדיכטע וואָלקנס פֿון מילך-קאָליר האָבן דעם גאַנצן הימל צוגעדעקט; אַ ווינט האָט, פּייפֿנדיק און הילכנדיק, זיי שנעל געטריבן. רודין האָט אָנגעהייבן צו שפּאַנען הין און צוריק איבער דער „הרעבלע”, וואָס איז באַדעקט געווען מיט קלעפּיקע געוויקסן און שוואַרץ-געוואָרענער קראָפּעווע. ער איז געווען אומרויִק. די דאָזיקע באַגעגענישן, די דאָזיקע נייע עמפּינדונגען האָבן אים פֿאַראינטערעסירט, אָבער אויך אויפֿגערעגט, בפֿרט נאָך דעם נעכטיקן צעטעלע. ער האָט געזען, אַז ס'האָט

זיך דערנענטערט דער סוף און ער איז אַביסל צומישט געוואָרן, כאָטש קיינעם, ווער עס וואָלט אַ קוק געטאָן מיט וואָס פֿאַר אַ צונויפגענומענער אַנטשלאָסנקייט ער האָט געקרייצט די הענט אויף דער ברוסט און געקוקט אַרום מיט די אויגן, וואָלט עס נישט איינגעפאַלן. ניט אומזיסט האָט וועגן אים געזאָגט אַמאָל פּיגאַסאָוו, אַז דער קאָפּ האָט אים שטענדיק אַראָפּגעוויגן, ווי אַ כינעזישן געץ. אָבער בלויז מיטן קאָפּ, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין, איז אַ מענטשן שווער צו דערגיין אַפילו דאָס, וואָס אין אים גופא טוט זיך... רודין, דער קלוגער, דורכדרינגענדער רודין, איז נישט געווען ביכולת צו זאָגן אויף געוויס, צי ער האָט ליב נאַטאַליאַן, צי ליידט ער, צי וועט ער ליידן, זיך צו־שיידנדיק מיט איר. פֿאַרוואָס־זשע, ניט מאַכנדיק זיך אַפילו פֿאַר קיין לאָוועלאַס — דעם אמת דאַרף מען אים מודה זיין, — האָט ער אַראָפּגעפירט אַן אומשולדיק מיידל פֿון וועג? פֿאַרוואָס האָט ער געוואַרט אויף איר מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם ציטער? אויף דעם איז פֿאַראַן איין תשובה: קיינער פֿאַרליבט זיך נישט אַזוי לייכט, ווי קאַלטע מענטשן.

ער איז אומגעגאַנגען איבער דער „הרעבלע" און נאַטאַליאַ האָט געאיילט צו אים גלייך דורך דאָס פעלד, איבערן נאַסן גראָז.

— פריילין! פריילין! איר וועט זיך די פיס פֿאַרנעצן, — האָט איר געזאָגט איר דינערין, מאַשאַ, קוים זי נאָכיאָגנדיק.

נאַטאַליאַ האָט איר נישט געהערט און איז געלאָפן, נישט אומקוקנדיק זיך.

— אָ, ווען קיינער וואָלט אונז נישט געזען!—האָט מאַשאַ געזאָגט.—דאָס אַליין איז אַ וווּנדער ווי מיר זיינען עס פֿון שטוב אַרויס. הלוואי זאָל זיך די מאַמזעל נישט אויפכאַפּן פון שלאָף... גוט, וואָס ניט ווייט... און זיי וואַרטן שוין,—האָט זי צוגעגעבן, דערזעענדיק פלוצלונג אין דערווייטנס רודינס גלייכע פיגור, וועל־כע איז געשטאַנען בילדלעך אויף דער „הרעגלע":—נאָר בחנם שטייען זיי עפעס אין דער הויך—וואָלטן זיי אַראָפּ אין טאָלעכל.

נאַטאַליאַ איז שטיין געבליבן.

— וואַרט דאָ, מאַשאַ, ביי די סאָסנעס,—האָט זי אַרויסגע־

רעדט און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער סאָזלקע.

רודין איז צו איר צוגעגאַנגען און איז געבליבן שטיין פאַרחידושט. אַזאַ אויסדרוק האָט ער נאָך אויף איר פּנים נישט באַמערקט. די בראָמען אירע זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט, די ליפּן צונויפגעפּרעסט, די אויגן האָבן געקוקט גלייך און שטרענג.

— דמיטרי ניקאָלאַיִטש,—האָט זי אָנגעהייבן:—מיר טאָרן נישט פאַרלירן קיין צייט. כ׳בין געקומען אויף פינף מינוט. כ׳מוז אייך זאָגן, אַז די מוטער וויס אַלץ. דער ה׳ פּאַנדאַלעווסקי האָט אונז עערנעכטן נאָכגעקוקט און איר דערציילט וועגן אונזער זעונג. ער איז שטענדיק געווען אַ שפּיאָן ביי מיין מוטער. זי האָט מיך נעכטן צו זיך אַריינגערופן.

— מיין גאָט! — האָט רודין אויסגעשריִען: — דאָס איז שרעקלעך... וואָס האָט אייער מוטער געזאָגט?

— זי איז אויף מיר נישט בייז געווען, האָט מיך נישט געזידלט, זי האָט מיר נאָר געמאַכט פאָרוואַרפן פאַר מיין לייכטזיניקייט.

— דאָס נאָר?

— יאָ, און האָט מיר דערקלערט, אַז זי וועט גיכער מרוצה ווערן מיך צו זען אַ טויטע, איידער פאַר אייער פרוי.

— ציִ דען האָט זי אַזוי געזאָגט?

— יאָ; און זי האָט נאָך צוגעגעבן, אַז איר אַליין ווילט בכלל מיט מיר נישט חתונה האָבן, אַז בלויז פון לאַנגווייליקייט דרייט איר זיך אַרום מיר, און אַז זי האָט עס פון אייך נישט דערוואַרט; אַז, איבעריגנס, איז זי אַליין שולדיק, פאַרוואָס זי האָט מיר דערלויבט אַזוי אָפט זיך צו זען מיט אייך... אַז זי גלויבט אין מיין קלוגשאַפט, אַז כ׳האָב זי שטאַרק איבערראַשט... און כ׳געדענק שוין ניט אַלץ, וואָס זי האָט צו מיר גערעדט.

דאָס אַלץ האָט נאַטאַליאַ אַרויסגערעדט מיט איין אָטעם, כמעט מיט אַ קלאַנגלאָזער שטים.

— און איר, נאַטאַליאַ אַלעקסייעווגאַ, וואָס האָט איר איר געענטפערט? — האָט רודין געפרעגט.

— וואָס איך האָב איר געענטפערט?—האָט נאַטאַליאַ איר בערגעחזרט, — וואָס האָט איר איצט בדעה צו טאָן?

— גאָט מיינער! גאָט מיינער! — האָט רודין געענטפערט.
— דאָס איז גרויזאַם! אַזוי שנעל!.. אַזאַ פּלוצלונגער קלאַפּ!..
אייער מוטער איז טאַקע אַזוי דערצערנט געוואָרן?
— יאָ... יאָ, זי וויל וועגן אייך נישט הערן.
— דאָס איז שרעקלעך! הייסט עס, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום האָפענונג?
— נישטאָ קיין שום האָפענונג.
— פאַרוואָס זיינען מיר אַזוי אומגליקלעך! דער נבזה־דיקער פּאַנדאַלעווסקי!.. איר פרעגט מיך, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ, וואָס איך האָב בדעה צו טאָן? דער קאָפּ דרייט זיך מיר, איך קאָן גאָרנישט באַנעמען.. איך פיל בלויז מיין אומגליק... איך וואונדער זיך, ווי אַזוי קאָנט איר ריידן מיט גלייכגילטיקייט!..
— איר מיינט, מיר איז גרינג?—האָט נאַטאַליאַ אַרויסגערעדט.
רודין האָט אָנגעהייבן צו גיין איבער דער „הרעבלע". נאַטאַליאַ האָט פון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען.
— אייער מוטער האָט אייך נישט פאַנאַנדערגעפרעגט?—האָט ער לסוף אַרויסגעמורמלט.
— זי האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב אייך ליב.
— נו... און איר?
נאַטאַליאַ האָט געשוויגן. — איך האָב נישט געלייקנט.
רודין האָט זי גענומען פאַר די האַנט.
— תמיד און אין אַלץ פיין און גרויסמוטיק! אָ, אַ מיידלס אַ האַרץ—ס׳איז ריין גאָלד! אָבער צי דען האָט אייער מוטער אַזוי אַנטשיידן זיך אַרויסגעזאָגט בנוגע דער אוממעגלעכ־קייט פון אונזער חתונה־האָבן?
— יאָ, אַנטשיידן. כ׳האָב אייך שוין געזאָגט: זי איז איי־בערצייגט, אַז איר גופא האָט נישט אין זינען מיט מיר חתונה צו האָבן.
— הייסט עס, אַז זי האַלט מיך פאַר אַ רמאי! מיט וואָס האָב איך עס פאַרדינט?
רודין האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ.
— דמיטרי ניקאָלאַיִטש! — האָט נאַטאַליאַ אַרויסגערעדט— מיר פאַרלירן בחנם צייט. דערמאָנט זיך, איך זע זיך מיט אייך

צום לעצטן מאָל. כ׳בין געקומען אַהער נישט וויינען, נישט קלאָגן זיך — איר זעט דאָך, איך וויין נישט — כ׳בין געקומען נאָך אַן עצה.

— אָבער וואָס פאַר אַן עצה קאָן איך אייך געבן, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ?

— וואָס פאַר אַן עצה? איר זייט אַ מאַנספּיל: כ׳בין צוגעוווינט אייך צו גלויבן, כ׳וועל אייך גלויבן ביזן סוף. זאָגט מיר, וואָס רעכנט איר?

— וואָס איך רעכן? אייער מוטער וועט מיר אוודאי נישט לאָזן מער זיין אין שטוב.

— אפשר. זי האָט מיר שוין נעכטן מודיע געווען, אַז זי וועט מוזן ווערן אויס באַקאַנט מיט אייך... אָבער איר ענטפערט נישט אויף מיין פראַגע.

— אויף וועלכע פראַגע?

— ווי מיינט איר, וואָס איז אונז איצט נויטיק צו טאָן?

— וואָס מיר זאָלן טאָן? — האָט רודין געענטפערט: — פאַרשטייט זיך, זיך אונטערגעבן.

— זיך אונטערגעבן, — האָט נאַטאַליאַ פּאַמעלעך איבערגעחזרט און אירע ליפּן זיינען בלאַס געוואָרן.

— זיך אונטערגעבן דעם מזל, — האָט רודין ווייטער גערעדט: — וואָס זשע קאָן מען מאַכן! איך ווייס צו גוט, ווי ביטער דאָס איז, ווי שווער, ווי אומדערטרעגלעך; אָבער משפּט אַליין, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ, איך בין אָרעם... אמת, כ׳קאָן צאַרבעטן; אָבער אויב כ׳וואָלט אפילו געווען רייך, צי איז מעגלעך פאַר אייך צו פאַרטראָגן די שטאַרקע מחלוקת מיט אייער פאַמיליע, דעם צאָרן פון אייער מוטער?.. ניין, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ; נישטאָ וועגן דעם אפילו וואָס צו קלערן. זעט אויס, ס׳איז אונז נישט באַשערט געווען צו לעבן צוזאַמען, און יענס גליק, וועגן וועלכן איך האָב געטרוימט, איז נית פאַר מיר!

נאַטאַליאַ האָט מיטאַמאָל פאַרשטעלט דאָס געזיכט מיט די הענט און זיך צעוויינט. רודין האָט זיך צו איר גענעגט.

— נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ! ליבע נאַטאַליאַ! — האָט ער גע-

נומען ריידן מיט היך:—וויינט נישט, אום גאָטעס ווילן, פייניקט מיך נישט, טרייסט זיך...

נאַטאַליאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— איר זאָגט מיר, איך זאָל זיך טרייסטן,—האָט זי אָנגעהייבן, און אירע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן דורך טרערן: — איך וויין נישט אויף דעם, וואָס איר מיינט... נישט דאָס טוט מיך באַנג: עס טוט מיך באַנג דאָס, וואָס כ'האָב זיך אין אייך אָפּגענאַרט... ווי שיקט זיך עס! איך קום צו אייך נאָך אַן עצה און אין וואָס פאַר אַ מינוט!—און אייער ערשט וואָרט איז: זיך אונטערגעבן... זיך אונטערגעבן! אָט אַזוי, הייסט עס, וועדט איר אָן בפועל אייערע רייד מכּח פרייהייט, וועגן קרבנות, וועלכע...

איר שטים האָט זיך איבערגעריסן.

— אָבער, נאַטאַליאַ אַלעקסייעווגאַ,—האָט רודין אָנגעהייבן אַ צומישטער:—דערמאָנט זיך... איך זאָג זיך נישט אָפּ פון מיינע ווערטער... נאָר...

— איר האָט מיך געפרעגט,—האָט זי ווייטער גערעדט מיט נייער קראַפט: — וואָס האָב איך געענטפערט מיין מוטער, בעת זי האָט מיר דערקלערט, אַז גיכער וועט זי איינגיין אויף מיין טויט, איידער אויף מיין שידוך מיט אייך: איך האָב איר געענטפערט, אַז כ'וועל גיכער שטאַרבן, איידער חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן... און איר זאָגט: זיך אונטערגעבן! הייסט עס, זי איז געווען גערעכט; איר האָט, אַפנים, אַ שפּיל געטאָן מיט מיר פון לאַנגווייליקייט...

— איך שווער אייך, נאַטאַליאַ אַלעקסייעווגאַ... כ'פאַרזיכער אייך...—האָט רודין געזאָגט.

אָבער זי האָט אים נישט געהערט.

— פאַרוואָס האָט איר מיך נישט אָפּגעהאַלטן? פאַרוואָס האָט איר אַליין... אָדער איר האָט גאָרנישט אויסגערעכנט, אַז עס קאָנען זיין מניעות? ס'איז מיר אַ חרפה צו ריידן וועגן דעם... אָבער אַלץ איז דאָך שוין געענדיקט.

— איר דאַרפט זיך באַרויקן, נאַטאַליאַ אַלעקסייעווגאַ,— האָט רודין געהאַט אָנגעהויבן:—מיר דאַרפן זאַלבענאַנד אַ קלער

טאָן, וועלכע מיטלען...

— איר האָט אַזוי אָפּט גערעדט וועגן זעלבסטאָפּפּערונג,— האָט זי איבערגעשלאָגן:—אָבער צי ווייסט איר, אַז אויב איר וואָלט מיר געזאָגט היינט, אין דער רגע: „כ׳האָב דיך ליב, נאָר התונה־האָבן קאָן איך נישט, כ׳בין נישט ערב פֿאַר דער צוקונפֿט, גיב מיר די האַנט און גיי נאָך מיר״,—ווייסט איר, אַז כ׳וואָלט געגאַנגען נאָך אייך, ווייסט איר, אַז כ׳האָב זיך אויף אַלץ אַנטשלאָסן? נאָר, ווי עס שיינט, פֿון ווערטער צו מעשים איז נאָך ווייט, און איצט האָט איר זיך דערשראָקן פּונקט אַזוי גוט, ווי איר האָט זיך דערשראָקן ערנעלטן, ביים מיטאָג, פֿאַר וואָלינצעוון.

אַ רויטקייט האָט באַדעקט רודינס פּנים. נאַטאַליאַס אומגעריכטע התלהבות האָט אים איבערראַשט; אָבער אירע לעצטע ווערטער האָבן אים אָנגעגריפֿן זיין אייגנליבע.

— איר זייט איצט צו אויפֿגערעגט, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ,—האָט ער אָנגעהייבן:—איר קאָנט גאָרנישט פֿאַרשטיין, ווי גרויזאַם איר באַליידיקט מיך. איך האָף, אַז מיט דער צייט וועט איר מיר געבן גערעכט; איר וועט פֿאַרשטיין, וויפֿיל ס׳האָט מיר געקאָסט דאָס אָפּזאָגן זיך פֿונם גליק, וועלכעס, ווי איר אַליין זאָגט, ס׳האָט אויף מיר נישט אַרויפֿגעלייגט קיין שום פֿליכטן. אייער רויִקייט איז ביי מיר טייערער פֿון אַלץ אין דער וועלט, און כ׳וואָלט געווען דער סאַמע נידעריקסטער מענטש, אויב כ׳וואָלט זיך אַנטשלאָסן צו באַנוצן זיך..

— אפֿשר, אפֿשר,—האָט נאַטאַליאַ איבערגעשלאָגן:—אפֿשר זייט איר גערעכט, איך ווייס נישט, וואָס איך רייד. אָבער כ׳האָב אייך ביז איצט געגלויבט, אייער יעדן וואָרט געגלויבט... ווייטער, בעט איך אייך, גיט זיך אָפּ אַ חשבון פֿון אייערע רייד, זאָגט זיי נישט כּתּם אויפֿן ווינט. בעת איך האָב אייך געזאָגט, אַז כ׳האָב אייך ליב, האָב איך געוווּסט, וואָס עס הייסט דאָסדאָזיקע וואָרט: כ׳בין געווען גרייט אויף אַלץ... איצט בלייבט מיר נאָר אייך צו דאַנקען פֿאַר די לעקציע—און זיך געזעגענען.

— שטייט נאָר, אום גאָטעס ווילן, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ, איך בעט אייך. איך פאַרדין נישט אייער פאַראַכטונג, כ'שווער אייך. אויך איר גייט אַריין אין מיין מצב. איך בין ערב פאַר אייך און פאַר זיך. ווען כ'וואָלט אייך נישט ליב געהאַט מיט דער סאַמע איבערגעבנסטער ליבע—וואָלט איך אייך אַליין תיכף פאָרגעלייגט צו אַנטלויפן מיט מיר... פריער אָדער שפּעטער, אייער מוטער וועט אונז מוחל זיין... און דאַן... אָבער פריער, איידער צו קלערן וועגן אייגענעם גליק...

ער האָט אָפּגעהאַקט זיינע רייד. נאַטאַליאַס בליק, וואָס איז געווען געווענדט גלייך אויף אים, האָט אים צומישט.

— איר באַמיט זיך מיר צו דערווייזן, אַז איר זייט אַן ערלעכער מענטש, דמיטרי ניקאָלאַיִטש,—האָט זי אַרויסגערעדט:— איך צווייפל נישט דערין. איר זייט נישט ביכולת צו האַנדלען לויט אויסרעכענונג; נאָר צי דען האָב איך זיך געוואָלט דערין איצט איבערצייגן, צי דען בין איך צוליב דעם געקומען אַהער?...

— כ'האָב נישט דערוואַרט, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ...

— אַהאַ! אָט ווען איר האָט זיך אַרויסגערעדט! יאָ, איר האָט דאָס אַלץ נישט דערוואַרט — איר האָט מיך נישט געקענט. זאָרגט זיך ניט... איר האָט מיך נישט ליב, איך וויל קיינעם נישט באַלעסטיקן.

— כ'האָב אייך ליב! — האָט רודין אויסגערו...

נאַטאַליאַ האָט זיך אויסגעגלייכט.

— אפשר; נאָר ווי האָט איר מיך ליב! כ'געדענק אַלע אייערע ווערטער, דמיטרי ניקאָלאַיִטש. איר געדענקט, איר פלעגט מיר זאָגן: אָן פולשטענדיקער גלייכהייט איז נישטאָ קיין ליבע... איר זייט פאַר מיר צו הויך, איר זייט מיר נישט קיין פּאָר... איך האָב פאַרדינט די שטראָף. איר האָט עסקים, וואָס פּאַסן אייך מער... דעם היינטיקן טאָג וועל איך נישט פאַרגעסן... זייט געזונט...

— נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ, איר גייט אַוועק? צי דען וועלן מיר זיך אַזוי צעשיידן?

ער האָט צו איר אויסגעצויגן די הענט. זי איז שטיין געבליבן. זיין בעטנדיקער קול, זעט-אויס, האָט געווירקט אויף איר.

— ניין, — האָט זי אויסגערעדט לסוף, — איך פיל, אַז עפּעס אין מיר האָט זיך אָפּגעריסן... כ׳בין געגאַנגען אַהער, גערעדט מיט אייך גלייך ווי אין פיבער; מ׳דאַרף זיך אַרומזען. דאָס דאַרף נישט זיין, איר אַליין האָט עס געזאָגט, אַז דאָס וועט נישט זיין. גאָט מיינער, בעת איך בין געגאַנגען אַהער, האָב איך זיך אין געדאַנק געזעגנט מיט מיין שטוב, מיט מיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, — און וואָס? וועמען האָב איך דאָ געטראָפן? אַ קליינמוטיקן מענטשן... און פון וואַנען האָט איר געוווסט, אַז איך וועל נישט זיין ביכולת איבערצוטראָגן די צו-שיידונג מיט דער פאַמיליע? „אייער מוטער איז נישט מרוצה... דאָס איז שרעקלעך!” דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב פון אייך געהערט. צי זייט איר דאָס, זייט איר דאָס, רודין? ניין! זייט געזונט... אַך! ווען איר וואָלט מיך ליב געהאַט, וואָלט איך עס איצט דערפילט, אין דער דאָזיקער רגע... ניין, ניין, זייט געזונט!..

זי האָט זיך שנעל אַ דריי אויס געטאָן און אַנטלאָפן צו מאַשאַן, וועלכע איז שוין געווען אומרויק און האָט איר געגעבן צייכנס.

— איר האָט מורא, נישט איך! — האָט רודין אַ געשריי געטאָן נאָך נאַטאַליאַן.

זי האָט שוין אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט און האָט געאיילט דורכן פעלד אַהיים. זי האָט זיך בשלום אומגע-קערט צו זיך אין שלאָף-צימער; אָבער ווי נאָר זי האָט איבער-געטראָטן די שוועל, האָבן איר די כחות פאַרלאָזט און זי איז געפאַלן אַ פאַרחלשטע אין מאַשאַס הענט.

און רודין איז נאָך לאַנג געשטאַנען אויף דער „הרעבלע”. לסוף האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן, מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערשלאָגן צו דער סטעזשקע און שטיל אַוועק איבער איר. ער איז געווען זייער פאַרשעמט... און געקרענקט. „אַ וואָסערע איז זי”? האָט ער געקלערט. „צו אַכטצן יאָר!.. ניין, כ׳האָב זי נישט

געקענט... זי איז אַן אויסגעצייכנט מיידל, ס׳אַראַ שטאַרקער ווילן!.. זי איז גערעכט; זי איז ווערט נישט אַזאַ ליבע, וועלכע איך האָב צו איר געפילט... געפילט?״ האָט ער זיך אַליין געפרעגט. „צי דען פיל איך שוין מער קיין ליבע נישט? האָט זיך עס אַזוי געדאַרפט אַלץ ענדיקן? ווי קליין און נישטיק בין איך געווען אין אירע אויגן!״

אַ לייכטע רוישעריי פון אַ פלינקער בריטשקע האָט געצוווּנגען רודינען אויפצוהויבן די אויגן. אים אַנטקעגן איז געפאָרן לעזשנעוו אויף זיין שטענדיקן שוועבנדיקן פערדל. רודין האָט זיך מיט אים שווייגנדיק געגריסט, און גלייך ווי ער וואָלט איבערראַשט געוואָרן פון אַ פלוצלונגן געדאַנק, איז ער אַראָפּ פון וועג און שנעל אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג צו דאַריאַ מיכיילאָוונאַס שטוב.

לעזשנעוו האָט אים געלאָזט אָפּגיין אַביסל, האָט אַ קוק געטאָן נאָך אים און, אַ ווייל קלערנדיק, האָט ער אויך אומגעקערט צוריק זיין פערד און איז צוריק אַוועקגעפאָרן צו וואָלינצעוון, ביי וועמען ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט. ער האָט אים געטראָפן שלאָפנדיק, האָט נישט געהייסן אים וועקן, און וואַרטנדיק אויף טיי האָט ער זיך געזעצט אויפן באַלקאָן און פאַררייכערט די לולקע.

X

וואָלינצעוו איז אויפגעשטאַנען אַ זייגער צען און דערוויסנדיק זיך, אַז לעזשנעוו זיצט ביי אים אויפן באַלקאָן, האָט ער זיך זייער געחידושט און געהייסן אים אַריינבעטן צו זיך.

— וואָס איז געשען? — האָט ער אים געפרעגט. — דו האָסט דאָך געוואָלט פאָרן צו זיך.

— יאָ, כ׳האָב געוואָלט, נאָר כ׳האָב געטראָפן רודינען... שפאַנט אום אַליין איבערן פעלד, און דאָס געזיכט איז ביי אים אַזוי אויפגערעגט, האָב איך גענומען און זיך אומגעקערט.

— האָסט זיך אומגעקערט צוליב דעם, ווייל דו האָסט

געטראָפֿן רודינען!

— ס׳הייסט, דעם אמת געזאָגט, ווייס איך אַליין נישט פֿאַרוואָס איך האָב זיך אומגעקערט; אוודאי צוליב דעם, ווייל כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן דיר; ס׳האָט זיך געוואָלט צו זיצן מיט דיר אַביסל; און צו זיך אַהיים וועל איך נאָך באַווייזן.

וואָלינצעוו האָט גאוהדיק אַ לאַך געטאָן.

— יאָ, ס׳איז אוממעגלעך איצט צו קלערן וועגן רודינען, נישט אַ טראַכט־טוענדיק אויף וועגן מיר... דינער! — האָט ער הויך אַ געשריי געטאָן. -- דערלאַנג אונז טיי.

די פֿריינט האָבן גענומען טרינקען טיי. לעזשנעוו האָט געהאַט גענומען ריידן מכח דער בעל־הבתישקייט, מכח נייעם אופֿן, ווי אַזוי צו דעקן שפּייכלערס מיט פּאַפּיר...

פּלוצלונג איז וואָלינצעוו אויפֿגעשפּרונגען פֿון פּאָטעל און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַזאַ קראַפֿט איבערן טיש, אַז די טאַסן און שעלכלעך האָבן גענומען קלינגען.

— ניין!—האָט ער אויסגערופֿן:—כ׳האָב שוין מער קיין כח נישט דאָס איבערצוטראָגן! כ׳וועל אַרויסרופֿן דעמדאָזיקן חכם אויף אַ קאַמף און זאָל ער מיך דערשיסן, אָדער איך וועל זיך שוין באַמיען אַריינצוהאַקן אַ קויל אין זיין געלערנטן שטערן!

— וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו, כ׳בעט דיך!—האָט לעזשנעוו אַ מורמל געטאָן:—ווי קאָן מען אַזוי שרייען! דער ציבעק איז מיר פֿון האַנט אַרויסגעפֿאַלן... וואָס איז מיט דיר?

— מיט מיר איז דאָס, וואָס איך קאָן זיין נאָמען נישט הערן גלייכגילטיק: דאָס גאַנצע בלוט זעצט אין מיר.

— גענוג, ברודער, גענוג! ווי שעמסטו זיך נישט! — האָט לעזשנעוו געענטפֿערט, אויפֿהויבנדיק די לולקע פֿון פּאָדלאָגע. — לאָז־אָפּ!--זאָל ער גיין!...

— ער האָט מיך באַליידיקט—האָט וואָלינצעוו ווייטער גערעדט, אומגייענדיק איבערן צימער.—יאָ! ער האָט מיך באַליידיקט. דו אַליין דאַרפֿסט עס מיר מודה זיין. די ערשטע צייט האָב איך זיך פֿארלוירן: ער האָט מיך זייער פֿאַרוווּנדערט; און ווער האָט עס געקאָנט דערוואַרטן? אָבער איך וועל אים באַווייזן, אַז מינ

מיר טאָר מען ניט קאַטאָוועסן... כ׳וועל אים, דעם פאַרשאָלטענעם פילאָזאָף, דערשיסן ווי אַ קוראָפּאַטקע.

— אַסך וועסטו דערמיט געווינען! איך רייד שוין נישט וועגן דיין שוועסטער. פאַרשטייט זיך, דיין תאוה וועט דיר נישט לאָזן רוען... ווו וועסטו זאָרגן פאַר דיין שוועסטער! און אפילו בנוגע אַן אַנדער פּערזאָן, וואָס מיינסטו, אַז טויטנדיק דעם פילאָזאָף, וועסטו שוין דערמיט פאַרבעסערן דיין מצב?

וואָלינצעוו האָט זיך געוואָרפן אין פאָטעל.

— וועל איך אַוועקפאָרן וווהין עס איז! ווען נישט וועט מיר דאָ דער אומעט דאָס האַרץ דערדריקן: כ׳קאָן דאָ פשוט אין ערגעץ נישט געפינען קיין אָרט.

— וועסט אַוועקפאָרן... דאס איז אַן אַנדער זאַך! אָט אויף דעם גיי איך איין. ווייסטו, וואָס איך וועל דיר פאָרלייגן? לאָמיר זשע פאָרן צוזאַמען—אויף קאַווקאַז, אָדער פשוט אין קליין-רוסלאַנד, צו עסן קליסקעלעך. דאָס איז, ברודער, אַ ווילער ענין!

— יאָ; און ביי וועמען וועלן מיר איבערלאָזן די שוועסטער?

— און פאַרוואָס זאָל אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָווגאַ נישט מיטפאָרן מיט אונז? ביי גאָט, עס וועט זיין אויסגעצייכנט. אומגיין אַרום איר—דאָס נעם איך אויף זיך! זי וועט אין קיין זאַך נישט פילן קיין מאַנגל; וועט זיך איר פאַרוועלן, וועל איך איר יעדן אָוונט איינאָרדנען אַ סערענאַדע הינטערן פענסטער; די אַנטרייבערס וועל איך מיט אָ-דע-קאָלאָן באַשפּריצן, די וועגן וועל איך מיט בלומען פאַרשפּרייטן. און מיר ביידע, ברודער, וועלן פּראָסט אויף ס׳ניי געבוירן ווערן; מיר וועלן אַזוי פיל געניסן תענוגים, מיט אָט אַזעלכע פולע בייכער צוריקקומען, אַז קיין שום ליבע וועט אונז שוין דאַן נישט רירן.

— דו מאַכסט אַלץ שפּאַס, מישאַ!

— איך שפּאַס גאָרנישט. דאָס איז דיר דער פּרעכטיקער געדאַנק אין קאָפּ געקומען.

— ניין! נאַרישקייט!—האָט וואָלינצעוו ווידער אויסגעשריען—ב׳וויל מיט אים קעמפן, קעמפן!...

— ווידער! עך, ברודער, ס'אַראַ קאַמף־גייציקער דו ביסט היינט!..

עס איז אַריינגעקומען דער דינער מיט אַ בריוו אין דער האַנט.

— פון וועמען?—האָט לעזשנעוו געפרעגט.

— פון רודינען, פון דמיטרי ניקאָלאַיִטשן. דער דינער פון די לאַסונסקיס האָט געבראַכט צו פירן.

— פון רודינען?—האָט וואָלינצעוו איבערגעחזרט:—צו וועמען?

— צו אייך.

— צו מיר?... דערלאַנג.

וואָלינצעוו האָט געכאַפּט דעם בריוו, האָט אים שנעל אויפגעמאַכט און גענומען לייענען. לעזשנעוו האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף אים: וואָלינצעווס געזיכט האָט אויסגע־דריקט אַ משונהדיקע, כמעט פרײדיקע איבערראַשונג; ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט.

— וואָס איז עס?—האָט לעזשנעוו געפרעגט.

— לייען איבער,—האָט וואָלינצעוו אַרויסגערעדט אין דער שטיל און האָט אים אויסגעשטרעקט דעם בריוו.

לעזשנעוו האָט אָנגעהייבן צו לייענען. אָט־וואָס רודין האָט געשריבן:

„גנעדיקער הער, סערגיי פּאַוולאָוויטש!

„איך פאָר היינט אַוועק פון דאַריאַ מיכײלאָוונאַס הויז, איך פאָר אַוועק אויף שטענדיק. דאָס וועט אייך אַוודאי פאַר־וווּנדערן, בפרט נאָכדעם, וואָס עס איז נעכטן פּאָרגעקומען. איך קאָן אייך נישט דערקלערן, וואָס דהיינו צווינגט מיך אַזוי צו טאָן; אָבער מיר דוכט זיך עפּעס, אַז איך דאַרף אייך מודיע זיין וועגן מיין אָפּפאָרן. איר האָט מיך נישט ליב, און האַלט מיך אפילו פאַר אַ שלעכטן מענטשן. איך האָב נישט בדעה זיך צו פאַרענטפערן: די צייט וועט מיך פאַרענטפערן. אי עס פּאַסט נישט, לויט מיין מיינונג, פאַר אַ מאַנסביל, אי ס'איז אומנוצלעך צו דערווייזן אַ מענטשן מיט פאָראורטיילן די נישט־גערעכטיקייט פון זיינע פאָראורטיילן. ווער עס וועט וועלן מיך פאַרשטיין,

יענער וועט מיר אַנטשולדיקן, און ווער עס וויל מיך נישט פֿאַרשטיין, אָדער קאָן נישט — אַרט מיך נישט יענעמס באַשולדי-קונג. איך האָב זיך אין אייך טועה געווען. אין מיינע אויגן בלייבט איר, ווי תּמיד, אַ פֿיינער ערלעכער מאַן; אָבער איך האָב געמיינט, איר וועט זיך קאָנען שטעלן העכער פֿון יענער סביבה, אין וועלכער איר האָט זיך אַנטוויקלט... איך האָב אַ טעות געהאַט. וואָס קאָן מען טאָן? נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס לעצטע מאָל. איך חזר אייך איבער: כ׳פֿאָר אַוועק. איך ווינטש אייך גליק. זייט מודה, אַז דערדאָזיקער ווונטש איז לחלוטין אַן אויפֿריכטיקער, און איך האָף, אַז איצט וועט איר זיין גליקלעך. קאָן זיין, איר וועט מיט דער צייט אומבייטן אייער מיינונג וועגן מיר. צי מיר וועלן זיך נאָך זען ווען עס איז, ווייס איך נישט, נאָר אַלענפֿאַלס פֿאַרבלייב איך דער, וואָס אַכט אייך מיטן גאַנצן האַרצן —

ד. ר.״

„P. S. די צוויי הונדערט רובל, וואָס איך בין אייך שולדיק, וועל איך אייך אַרויסשיקן ווי נאָר איך וועל קומען צופֿאָרן צו זיך אין דאָרף, אין ט...ער גובערניע. איך בעט אייך אויך נישט צוריידן פֿאַר דאַריאַ מיכיילאָוונאַ מכּח דעמדאָזיקן בריוו״.

„P. S. נאָך איין לעצטע, אָבער וויכטיקע בקשה: היות ווי איך פֿאָר איצט אַוועק, האָף איך, אַז איר וועט פֿאַר נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַן נישט דערמאָנען מכּח מיין באַזוך ביי אייך״...

— נו, וואָס וועסטו זאָגן? — האָט וואָלינצעוו געפֿרעגט, ווי נאָר לעזשנעוו האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו.

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו זאָגן! — האָט לעזשנעוו גע-ענטפֿערט: — מ׳דאַרף אויסרופֿן ווי אויפֿן אָריענט: „אַללאַה! אַללאַה״! און אַריינלייגן אין מויל אַ פֿינגער פֿון פֿאַרוווּנדערונג — אָט דאָס איז אַלץ, וואָס מ׳קאָן מאַכן. ער פֿאָרט אַוועק... נו! אַ גוטן שליטוועגס! אָבער אָט וואָס ס׳איז אינטערעסאַנט: אויך דעמדאָ-זיקן בריוו האָט ער דאָך געהאַלטן פֿאַר אַ חוב אָנצושרייבן און געקומען צו דיר איז ער אויך צוליב אַ געפֿיל פֿון חוב...

דידאָזיקע הערן האָבן אויף יעדן שריט און טריט אַ חוב — אַלץ הובות און חובות – האָט לעזשנעוו צוגעגעבן, אַנוויינ־דיק מיט שפּאַס אויפן post=scriptum.

— און וואָס פּאַר אַ פּראַזן לאָזט ער אין געברויך! — האָט וואָלינצעוו אויסגערופן. – ער האָט זיך אין מיר טועה געווען: ער האָט דערוואַרט, אַז איך וועל שטיין העכער פון עפּעס אַ סביבה... גאָט מיינער, ס׳אַרא פּלוידערייו ערגער פון שירים!

לעזשנעוו האָט גאָרנישט געענטפערט; נאָר זיינע אויגן האָבן אַ שמייכל געטאָן. וואָלינצעוו איז אויפגעשטאַנען.

— איך וויל אַ פּאָר־טאָן צו דאַריאַ מיכיילאָווגאַ, — האָט ער אַרויסגעמורמלט — כ׳וויל דערגיין, וואָס־זשע זאָל דאָס אַלץ הייסן...

— וואַרט, ברודער: לאָז אים זיך אָפּטראָגן פון דאָרט. צו וואָס זאָלסטו זיך ווידער אויף אים אָנשטויסן? ער ווערט דאָך נעלם – וואָס דאַרפסטו נאָך? בעסער גיי לייג זיך און ווער אַנטשלאָפן; כ׳גלויב, אַז דו האָסט זיך דאָך אַ גאַנצע נאַכט געוואָרפן פון איין זייט אויפן צווייטן. און איצט פאַרבעסערט זיך דיין מצב...

— פון וואַנען נעמסטו עס?

— אַזוי דאַכט זיך מיר. באמת, לייג זיך שלאָפן; און איך וועל גיין צו דיין שוועסטער — און כ׳וועל זיצן אַביסל מיט איר.

— כ׳וויל גאָרנישט שלאָפן. צו וואָס זאָל איך שלאָפן?.. כ׳וועל בעסער פאָרן די פעלדער באַקוקן—האָט וואָלינצעוו גע־זאָגט, פאַררייסנדיק די פאָלעס פון זיין מאַנטל.

— דאָס איז אויך גוט. פאָר, ברודער, פאָר, באַקוק די פעלדער...

און לעזשנעוו איז אַוועק אין די חדרים פון אַלעק־סאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ. ער האָט זי געטראָפן אין גאַסט־צימער. זי האָט אים ליבלעך באַגריסט. שטענדיק האָט זי זיך געפרייט מיט זיין קומען, נאָר איר געזיכט איז געווען טרויעריק ווי פריער.

רודינס נעכטיקער באַזוך האָט געשטערט איר רו.

— איר קומט פֿון ברודער? — האָט זי געפֿרעגט לעזשנעוון: — ווי איז ער היינט?

— נישקשה, איז אַוועקגעפֿאָרן באַקוקן די פֿעלדער.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, — האָט זי אָנגעהייבן, באַקוקנדיק אויפֿמערקזאַם דעם זוים פֿונם נאָזטיכל: — איר ווייסט נישט, נאָך וואָס...

— איז געקומען צופֿאָרן רודין? — האָט לעזשנעוו אונטערגעכאַפּט. — איך ווייס: ער איז געקומען צופֿאָרן זיך געזעגענען.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

— ווי? — געזעגענען?

— יאָ. איר האָט דען נישט געהערט? ער פֿאָרט אַוועק פֿון דאַריאַ מיכיילאָוונאַ.

— פֿאָרט אַוועק?

— אויף שטענדיק; לכל הפּחות, אַזוי זאָגט ער.

— איך בעט אײַך, ווי קאָן מען דאָס פֿאַרשטיין, נאָך אַלעם דעם...

— דאָס איז אַן אַנדער זאַך! פֿאַרשטיין דאָס קאָן מען נישט, אָבער אַזוי איז עס. מסתּמא איז דאָרט בײַ זיי עפּעס פֿאָרגעקומען. ער האָט צופֿיל אָנגעצויגן די סטרונע — האָט זי געפּלאַצט.

— מיכיילאָ מיכיילאָוויטש! — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ אָנגעהייבן: — איך פֿאַרשטיי גאָרנישט; דוכט, איר לאַכט פֿון מיר...

— כ׳שווער בײַ גאָט! ווי נישט... מ׳זאָגט אײַך, ער פֿאָרט אַוועק און גיט אפילו צו וויסן שריפֿטלעך וועגן דעם זײַנע באַקאַנטע. אויב איר ווילט, איז עס פֿון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט נישט קיין קרומע זאַך; אָבער צוליב זײַן אָפּפֿאָרן וועט נישט קאָנען פֿאַרווירקלעכט ווערן איין וווּנדערבאַרע אונטערנעמונג, וועגן וואָס איך און אײַער ברודער האָבן געהאַט אָנגעהויבן צו שמועסן.

— וואָס אַזוינס? וואָס פאַר אַן אונטערנעמונג?

— אָט וואָסערע. כ׳האָב פאַרגעלייגט אייער ברודער וועקצופאָרן, צוליב צושטרייונג, מאַכן אַ לוסט-רייזע, און אייך מיטנעמען אָפּגעבען זיך מיט האָב איך זיך אונטערגענומען...

— זייער שיין!—האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַווּלאָוונאַ אויסגעשריען:—איך שטעל זיך פאָר, ווי איר וואָלט מיך צוגעזען. איר וואָלט מיך געלאָזט אויסגיין פון הונגער.

— איר רעדט עס אַזוי צוליב דעם, אַלעקסאַנדראַ פּאַווּלאָוונאַ, ווייל איר קענט מיך נישט. איר מיינט, אַז איך בין אַ גולם, אַן אמתער גולם, עפּעס אַ שטיק האָלץ; צי איז אייך אָבער באַוווסט, אַז איך בין פעיִק צוצוגיין ווי צוקער, אָפּשטיין גאַנצענע טעג אויף די קני?

— אָט דאָס וואָלט איך באמת געוואָלט זען!

לעזשנעוו האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן.—האָט נאָר מיט מיר התונה, אַלעקסאַנדראַ פּאַווּלאָוונאַ, וועט איר דאָס אַלץ זען.

אַלעקסאַנדראַ פּאַווּלאָוונאַ איז רויט געוואָרן איבער די אויערן.

— וואָס האָט איר אַזוינס געזאָגט, מיכיילאָ מיכיילִיטש?—האָט זי איבערגעחזרט מיט צעמישונג.

— איך האָב געזאָגט דאָס,—האָט לעזשנעוו געענטפערט:—וואָס איז שוין לאַנג-לאַנג און טויזנט מאָל געלעגן ביי מיר אויף דער צונג. איך האָב זיך לסוף אויסגערעדט און איר קאָנט טאָן, ווי איר ווייסט. און כדי אייך נישט צו קווענקלען, וועל איך איצט אַרויסגיין. אויב איר ווילט זיין מיין פרוי... כ׳טראָג זיך אָפּ. אויב ס׳איז אייך נישט דערווידער, טאָ הייסט מיך נאָר אַ רוף טאָן: כ׳וועל שוין פאַרשטיין ..

אַלעקסאַנדראַ פּאַווּלאָוונאַ האָט געהאַט געוואָלט פאַרהאַלטן לעזשנעוון, אָבער ער איז פלינק אַרויס, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אָן היטל אין גאָרטן, זיך אָנגעלענט אָן פאַרקאַן און גענומען קוקן ערגעץ-ווו.

— מיכיילאָ מיכיילִיטש!—האָט זיך הינטער אים דערהערט דער דינכטש קול:—באַוויליגט אַריינצוגיין צו דער פריילין. זיי

האָבן געהייסן אייך אַריינרופֿן.

מיכײַלאָ מיכײַליטש האָט זיך אומגעדרייט, געגומען די דינסט, צו איר גרויס פֿאַרוואונדערונג, מיט ביידע הענט פֿאַרן קאָפּ, זי אַ קוש געטאָן אין שטערן און איז אַוועק צו אַלעקסאַנדראַ פּאַװלאָװנאַן.

XI

אומקערנדיק זיך אַהיים, גלייך נאָך דער באַגעגעניש מיט לעזשנעװן, האָט זיך רודין פֿאַרשלאָסן אין זיין צימער און אָנגעשריבן צוויי בריוו: איינעם — צו װאָלינצעװן (ער איז שוין דעם לעזער באַקאַנט) און דעם צווייטן — צו נאַטאַליאַן. ער איז זייער לאַנג געזעסן איבער דעם דאָזיקן צווייטן בריוו, האָט פֿיל אין אים געמעקט און איבערגעמאַכט און נאָכדעם ווי ער האָט אים פֿאָרזיכטיק אָנגעשריבן אויף אַ דינעם בויגעלע פּאָסט־פּאַפּיר, האָט ער אים צונויפֿגעלייגט ווי ווייט מעגלעך קליין און אַרײַנגעטאָן אין טאַש. מיט אַן אומעט אויפֿן פּנים איז ער דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק איבערן חדר, האָט זיך געזעצט אויפֿן פֿאָטעל פֿאַרן פֿענסטער און אָנגעלענט זיך אויף דער האַנט; אַ טרער האָט שטיל אַ גלאַנץ געטאָן אויף זיינע וויעס .. ער איז אויפֿגעשטאַנען, פֿאַרשפּילעט זיך אויף אַלע קנעפּלעך, אַ רוף געטאָן דעם דינער און געהייסן פֿרעגן ביי דאַריאַ מיכײַלאָװנאַ, צי ער קאָן זי זען.

דער דינער איז גיך צוריקגעקומען און איבערגעגעבן, אַז דאַריאַ מיכײַלאָװנאַ האָט באַפֿוילן אים אַרײַנצובעטן. רודין איז צו איר אַוועק.

זי האָט אים אויפֿגענומען אין קאַבינעט, ווי דאָס ערשטע מאָל, מיט צוויי חדשים צוריק. אָבער איצט איז זי נישט געווען אַליין: ביי איר איז געזעסן פּאַנדאַלעווסקי, אַ באַשיידענער, אַ פֿרישער, אַ ציכטיקער און הנאהדיקער ווי שטענדיק.

דאַריאַ מיכײַלאָװנאַ האָט רודינען באַגעגנט פֿרײַנטלעך און אויך רודין האָט זיך פֿאַר איר ליבלעך פֿאַרנייגט, אָבער ביים

ערשטן בליק אויף זייערעביידנס שמייכלענדיקע געזיכטער, וואלט אביסעלע א געניטער מענטש געקאנט פארשטיין, אז צווישן זיי, כאטש זיי האבן עס נישט ארויסגעזאגט, איז פארגע-קומען עטוואס נישט-גלאטיקעס. רודין האט געוווסט, אז דאריא מיכיילאוונא איז אויף אים בייז. דאריא מיכיילאוונא האט חושד געווען, אז אים איז שוין אלצדינג באוווסט.

פאנדאלעווסקיס מסירה האט איר זייער אויפגעבראכט. אין איר האט זיך אויפגעכאפט די גאווה פון א וועלטלעכער פרוי. רודין, דער קבצן, אן אן אמט און דערוויל א נישט באוווסטער מענטש, האט געהאט די העזה צו באשטימען א זעונג איר טאכטער—דער טאכטער פון דאריא מיכיילאוונא לאסונסקאיא!!

— לאמיר נאכגעבן, אז ער איז קלוג, ער איז א געניע,— האט זי געזאגט:—אבער וו א ס ווייזט עס אונז? נאכדעם קאן יעטוועדער איינער האפן צו זיין מיין איידעם?

— כ'האב לאנג מיינע אויגן נישט געגלויבט,—האט פאנ-דאלעווסקי אונטערגעכאפט—ווי אזוי ווייס עס א מענטש נישט זיין ארט, איך וואונדער זיך!

דאריא מיכיילאוונא האט זיך זייער אויפגערעגט און נא-טאליא האט פון איר גוט געלייזט.

זי האט געבעטן רודינען זיך זעצן. ער האט זיך געזעצט, אבער שוין נישט ווי דער פריערדיקער רודין, וועלכער איז כמעט געווען א בעל-הבית אין שטוב, אפילו נישט ווי א גו-טער באקאנטער, נאר ווי א גאסט, און ווי נישט קיין נאנטער גאסט. דאס אלץ איז געשען אין איין אויגנבליק.. אזוי פלוצ-לונג פארוואנדלט זיך וואסער אין הארטן אייז.

— כ'בין געקומען צו אייך דאריא מיכיילאוונא, — האט רודין אנגעהייבן: — דאנקען אייך פאר אייער גאסטפריינטלעכקייט. כ'האב היינט באקומען א ידיעה פון מיין דערפל און מוז אומ-באדינגט היינט פארן אהין.

דאריא מיכיילאוונא האט שטאר א קוק געטאן אויף רו-דינען.

„ער איז מיר פריער פארלאפן; ווייזט-אויס, ער שטויסט

זיך אָן", האָט זי אַ קלער געטאָן. ער באַפרייט מיך פון אַ לעסטיקער דערקלערונג; מהיכא-תיתי. זאָלן לעבן די קלוגע מענטשן!"

— אין דער אמתן? — האָט זי אַרויסגערעדט הויך אויפן קול. — אַך, ווי דאָס איז אומאַנגענעם! אָבער וואָס קאָן מען טאָן! איך האָף אייך צו זען היינטיקן ווינטער אין מאָסקווע. מיר אַליין פאָרן אינגיכן אַוועק פון דאַנען.

— כ'ווייס נישט, דאַריאַ מיכיילאָוונאַ, צי מיר וועט געלינגען צו זיין אין מאָסקווע; נאָר אויב כ'וועל צונויפשלאָגן מיטלען, וועל איך האַלטן פאַר אַ חוב צו ווייזן זיך פאַר אייך.

„אַהאַ, ברודער!" האָט פאַנדעלעווסקי ווידער ביי זיך אַ קלער געטאָן: ווי לאַנג ביסטו דאָ נאָך געווען אַ גאַנצער פריץ, און איצט נעבעך מוז מען שוין אַזוי ריידן!"

— איר האָט אַוודאי באַקומען פון אייער דאָרף נישט קיין גוטע ידיעות? — האָט ער אויסגערעדט מיט זיינע געוויינלעכע הפסקות.

— יאָ, — האָט רודין טרוקן געענטפערט.

— אַ נישט-גערעטעניש, אפשר?

— ניין... אַן אַנדער זאַך... גלויבט מיר, דאַריאַ מיכיילאָוונאַ, — האָט רודין צוגעגעבן: — כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די צייט, וואָס כ'האָב פאַרבראַכט ביי אייך אין שטוב.

— איך אויך, דמיטרי ניקאָלאַיִטש, וועל שטענדיק דערמאָנען מיט פאַרגעניגן אונזער באַקאַנטשאַפט מיט אייך... ווען פאָרט איר?

— היינט, נאָך מיטאָג.

— אַזוי גיך!.. נו, איך ווינטש אייך אַ גליקלעכע רייזע. איבעריגנס, אויב איירע געשעפטן וועלן אייך נישט פאַרהאַלטן, וועט איר אונז אפשר דאָ נאָך טרעפן.

— כ'צווייפל, צי כ'וועל באַווייזן, — האָט רודין געענטפערט און איז אויפגעשטאַנען. — אַנטשולדיקט מיך, — האָט ער צוגעגעבן: — כ'קאָן אייך ערשט נישט אומקערן מיין חוב; אָבער ווי נאָר כ'וועל קומען צופאָרן אין דאָרף...

— לאָזט־אָפּ, דמיטרי ניקאָלאַיִטש! — האָט אים דאַריאַ מי־כײַלאָװנאַ איבערגעשלאָגן: — װי שעמט איר זיך ניט! . אָבער װיפֿיל איז שױן דער זײגער? — האָט זי געפֿרעגט.

פּאַנדאַלעװסקי האָט אַרױסגענומען פֿון װעסטל־קעשענע אַ גאָלדענעם זײגערל מיט עמאַל, און, אַראָפּדריקנדיק פֿאָרזיכטיק זײַן ראָזע באַק אױפֿן האַרטן און װײַסן קעלנערל, האָט ער אַ קוק געטאָן אױפֿן זײגערל.

— דרײַ מינוט נאָך האַלב דרײַ, — האָט ער געזאָגט.

— צײַט זיך אָנצוטאָן, — האָט דאַריאַ מיכײַלאָװנאַ באַ־מערקט. — צום װידערזען, דמיטרי ניקאָלאַיִטש!

רודין איז אױפֿגעשטאַנען. דער גאַנצער שמועס צװישן אים און דאַריאַ מיכײַלאָװנאַן האָט געטראָגן אַ באַזונדער הותם. אַזױ רעפּעטירן אַקטיאָרן זײערע ראָלן, אַזױ רײדן דיפּלאָמאַטן אײנער צום אַנדערן אױף קאָנפֿערענצן מיט פֿאָראױס־אױסגענומע־נע פֿראַזן..

רודין איז אַרױסגעגאַנגען. ער האָט איצט געװוּסט פֿון דער פּראַקטיק, װי אַזױ די לײַט פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט זײַ־נען זיך נוהג מיט מענטשן, אין װעלכע זײ נױטיקן זיך ניט מער. זײ טרײַבן ניט אַװעק, נאָר לאָזן־אָפּ פּשוט דעם מענטשן, װי אַ הענטשקע נאָכן באַל, װי דאָס פּאַפּירל פֿון אַ צוקערל, װי אַ פֿאַרשפּילטן „טאָמבאָלע"־לאָטערײ־צעטל.

ער האָט זיך אין דער גיך אױפֿגעפּאַקט און גענומען אומ־געדולדיק אָפּװאַרטן די רגע פֿון אָפּפֿאָרן. אַלע אין שטוב האָבן זיך זײער געװוּנדערט, דערװיסנדיק זיך װאָס ער גײט טאָן; אַפֿילו די דינער האָבן אױף אים געקוקט און זיך געחידושט. באַסיסטאָװ האָט זײַן צער ניט פֿאַרבאָרגן. נאַטאַליאַ האָט אָפֿן אױסגעמיטן רודינען. זי האָט זיך באַמיט מיט אים ניט צו באַ־געגענען זיך מיט די בליקן; פֿונדעסטװעגן האָט ער באַװיזן אַרײַנצושטעקן איר אין האַנט זײַן בריװ. בײַם מיטאָג האָט דאַ־ריאַ מיכײַלאָװנאַ נאָך אַמאָל איבערגעחזרט, אַז זי האָפֿט אים צו זען פֿאַרן אָפּפֿאָרן קײן מאָסקװע, אָבער רודין האָט איר גאָר־ניט געענטפֿערט. פּאַנדאַלעװסקי האָט עפֿטער פֿון אַלעמען גע־

גומען מיט אים פאַרפירן אַ שמועס. רודינען האָט נישט איינמאָל אָנגענומען אַ חשק אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף אים און צוהאַקן אים זיין בליענדיק, פאַרביק געזיכט. M=lle Boncourt האָט אַלע ווײלע געקוקט אויף רודינען מיט אַ שעלמישן און מאָדנעם אויסדרוק אין די אויגן: אַזאַ אויסדרוק קאָן מען אַמאָל באַמערקן ביי אַלטע זייער קלוגע יאַגד-הינט... „עהע!" האָט זי, דוכט, גערעדט אין האַרצן. — „אַזוי טוט מען דיר אָפּ!"

לסוף האָט געשלאָגן זעקס אַזייגער. מ'האָט געבראַכט רודינס בריטשקע. ער האָט זיך גענומען איילנדיק מיט אַלעמען געזעגענען. אויף דער נשמה איז אים געווען זייער פיינלעך. ער האָט נישט גערעכנט, אַז ער וועט אַזוי אַרויספאָרן פון דעם דאָזיקן הויז: מ'האָט אים דאָך כמעט ווי אַרויסגעטריבן... „ווי איז עס אַלץ געוואָרן! און צוואָס האָט ער זיך געדאַרפט איילן? איבעריגנס, סיי-ווי איין סוף" — אַזוי האָט ער געטראַכט, פאַרבייגנדיק זיך אין אַלע זייטן מיט אַ קינסטלעכן שמייכל. צום לעצטן מאָל האָט ער אַ קוק געטאָן אויף נאַטאַליאַן און זיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן: אירע אויגן זיינען געווען געווענדט אויף אים מיט אַ טרויעריקן, געזעגנדיקן פאָרוואָרף.

ער איז פלינק אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און איז אַריינגעשפרונגען אין בריטשקע.

באַסיסטאָוו האָט זיך אַרויסגערופן אים צו באַגלייטן ביז דער ערשטער סטאַציע און האָט זיך אַריינגעזעצט צוזאַמען מיט אים.

— צי געדענקט איר, — האָט רודין אָנגעהייבן, ווי נאָר די בריטשקע איז אַרויסגעפאָרן פון הויף אויפן ברייטן וועג, וועלכער איז פון ביידע זייטן פאַרפלאַנצט געווען מיט יעלאָווע ביימלעך, — צי געדענקט איר, וואָס עס זאָגט דאָן-קישאָט צו זיין כלי-זין-טרעגער, בעת ער פאָרט אַרויס פון דער הערצאָגינעס שלאָס? „די פרייהייט, — זאָגט ער — מיין פריינט סאַנטשאָ, איז איינס פון דעם מענטשנס טייערסטע פאַרמעגנס, און גליקלעך איז יענער, וועמען דער הימל האָט געשענקט אַ שטיקל ברויט, וואָס עס דאַרף נישט צוליב דעם זיין פאַרפליכטעט צום

אַנדערן!" וואָס דאָן-קישאָט האָט דאַמאָלס געפּילט, דאָס פּיל איך איצט... הלוואי זאָלט איר, מיין גוטער באַסיסטאָוו, פאַרזוכן אַמאָל-ניט-איז דאָס דאָזיקע געפּיל!

באַסיסטאָוו האָט אַ דריק געטאָן רודינען די האַנט און דאָס האַרץ פונם תמימותדיקן בחור האָט שטאַרק גענומען קלאַפּן אין זיין געקרענקטער ברוסט. האַרט ביז דער סטאַציע האָט רודין גערעדט מכח דער ווירדע פון מענטשן, וועגן דער באַדייטונג פון דער אמתער פרייהייט, — ער האָט גערעדט מיט התלהבות, מיט פיינקייט און אמתדיקייט און בשעת עס איז אָנגעקומען די רגע פון צושיידונג, האָט באַסיסטאָוו נישט אויסגעהאַלטן, האָט זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז און זיך צעוויינט. אויך פון רודינס אויגן האָבן זיך אַ גאָס-געטאָן טרערן; אָבער ער האָט נישט געוויינט צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געזעגנט מיט באַסיסטאָוון; זיינע טרערן זיינען געוועזן טרערן פון אייגנליבע.

נאַטאַליאַ איז אַוועק צו זיך און האָט איבערגעלייענט רודינס בריוו.

„ליבע נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ — האָט ער איר געשריבן — איך האָב זיך אַנטשלאָסן אַוועקצופאָרן. קיין אַנדער אויסוועג האָב איך נישט. כ'האָב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן, איידער מ'האָט מיר געזאָגט קלאָר, איך זאָל זיך אָפּטראָגן. מיט מיין אָפּפאָרן הערן אויף אַלע מיספאַרשטייענישן; און כ'ווייס נישט, צי ס'וועט מיך עמיצער באַדויערן. נאָך וואָס וואַרטן? — אַזוי איז עס; אָבער צו וואָס אייך שרייבן?

„איך צושייד זיך מיט אייך, אַוודאי, אויף שטענדיק. ס'איז מיר צו ביטער געוועזן איבערצולאָזן אייך וועגן זיך אַן ערינערונג, וואָס זאָל נאָך זיין ערגער פון דעם, וואָס איך פאַרדין. אָט צוליב וואָס איך שרייב אייך. איך וויל נישט נישט פאַרענטפערן זיך, נישט באַשולדיקן וועמען עס זאָל נישט זיין, אויסער זיך אַליין: איך וויל, ווי ווייט מעגלעך, זיך אויסטענהן... די געשעענישן פון די לעצטע טעג זיינען געווען אַזוי אומגעריכט, אַזוי פּלוצלונג...

„די היינטיקע זעונג וועט מיר דינען פאַר אַ גוטע לער-

ציע צום געדענקען. יאָ, איר זייט גערעכט: כ'האָב אייך נישט געקענט און איך האָב געמיינט, אַז כ'האָב אייך געקענט! אין משך פון מיין לעבן האָב איך געהאַט צו טאָן מיט כל המיני מענטשן, כ'בין נאָנט געווען מיט פיל פרויען און מיידלעך; אָבער, טרעפנדיק זיך מיט אייך, האָב איך דאָס ערשטע מאָל זיך באַגעגנט מיט אַ פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ריינער און תמימותדי־קער נשמה, כ'בין דערצו נישט געוווינט געווען, און האָב נישט געקאָנט אייך אָפּשאַצן. ס'האָט מיך צו אייך געצויגן דאָס האַרץ גלייך פון ערשטן טאָג פון אונזער באַקאַנטשאַפט — איר האָט עס געקאָנט באַמערקן. כ'האָב מיט אייך פאַרבראַכט שעהן נאָך שעהן, און האָב אייך פונדעסטוועגן נישט דערקענט; כ'האָב זיך אפשר אפילו נישט באַמיט אייך צו קענען... און האָב איך זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז כ'האָב אייך ליב געקריגן!! פאַר די זינד בין איך איצט געשטראָפט געוואָרן.

„איך האָב אויך פריער ליב געהאַט אַ פרוי, און זי האָט מיך ליב געהאַט... מיין געפיל צו איר איז געווען אַ פאַר־וויקלטס, גלייך ווי אירס צו מיר; אָבער היות ווי זי אַליין איז נישט געווען קיין פשוטע, האָט זיך עס געשיקט. דער אמת האָט זיך מיר דאַמאָלס נישט געוויזן: איך האָב אים נישט דער־קענט אויך איצט, בעת ער האָט זיך מיר אַנטפּלעקט פאַר די אויגן... לסוף האָב איך אים דערקענט, אָבער צו שפּעט... דאָס, וואס פאַרביי, איז פאַרפאַלן... אונזערע לעבנס וואָלטן זיך גע־קאָנט צונויפגיסן — און וועלן זיך קיינמאָל נישט צונויפגיסן. ווי זאָל איך אייך דערווייזן, אַז כ'האָב געקאָנט ליב קריגן מיט אַן אמתער ליבע — מיט אַ ליבע פון האַרצן און נישט פון דמיון — בעת איך ווייס אַליין נישט, צי בין איך פעיק אויף אַזאַ ליבע!

„די נאַטור האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ סך מעלות — איך ווייס עס, און כ'וועל נישט גיין פון פאַלשער בושה פראַווען פאַר אייך עניוות, בפרט איצט, אין אַזעלכע ביטערע מינוטן, אין מינוטן פון חרפה און שאַנד... יאָ, די נאַטור האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ סך מעלות; אָבער איך וועל שטאַרבן, גאָרנישט

טוענדיק וואָס עס איז ראוי פאַר מיינע כחות, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום ווילטועַנדיקן שפור. מיין גאַנצע עשירות גייט אַוועק מיטן ווינט; כ׳וועל נישט זען די פּרוכט פון מיין זריעה. עס פעלט מיר... כ׳קאָן אַליין ניט זאָגן וואָס דהיינו מיר פעלט... עס פעלט מיר, אַוודאי, דאָס, וואָס אָן דעם קאָן מען נישט באַוועגן די מענטשלעכע הערצער, אַזוי ווי ס׳איז מיר אויך אוממעגלעך צו באַזיגן דאָס פרויען־האַרץ; און די הערשאַפט בלויז איבער די מוחות איז אי נישט־זיכער, אי נישט־נוצלעך. מיין גורל איז אַ מאָדנער און כמעט אַ קאָמישער: כ׳גיב זיך אָפּ אינגאַנצן, מיט דורשטיקייט, מיטן גאַנצן האַרצן — און קאָן זיך נישט אָפּגעבן. מיין סוף וועט זיין, אַז כ׳וועל זיך מקריב זיין פאַר עפּעס אַ נאַרישקייט, אין וועלכער כ׳וועל אַפילו אַליין נישט גלויבן... גאָט מיינער! צו פינף־און־דרייסיק יאָר זאָל איך זיך נאָך אַלץ קלייבן עטוואָס צו טאָן!...

„כ׳האָב זיך נאָך פאַר קיינעם אַזוי נישט אויסגערעדט — דאָס איז מיין ווידוי.

„אָבער גענוג וועגן מיר. מיר גלוסט זיך ריידן וועגן אייך, געבן אייך עטלעכע עצות: ווייטער טויג איך אויף גאָרנישט... איר זייט נאָך יונג; נאָר, וויפיל איר זאָלט נישט לעבן, זאָלט איר שטענדיק גיין נאָך דער נטיה פון אייער האַרץ, גיט זיך נישט אונטער נישט דעם אייגענעם, נישט קיין פרעמדן פאַרשטאַנד. גלויבט מיר, וואָס פשוטער, וואָס ענגער ס׳איז דער קרייז, נאָר וועלכן עס לויפט פאַרביי דאָס לעבן, אַלץ בעסער איז עס; דער עיקר איז נישט אויפצוזוכן אין לעבן נייע זייטן, נאָר אַז אַלע זיינע איבערגאַנגס־תקופות זאָלן געשען אין דער רעכטפאַרטיקער צייט. „געבענטשט איז דער, ווער ס׳איז פון יוגנט־אָן געווען יונג"... אָבער איך באַמערק, אַז דידאָזיקע עצות זיינען מער שייך צו מיר, איידער צו אייך.

„כ׳בין אייך מודה ומתוודה, נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ, מיר איז זייער שווער. כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט אין דעם איינדרוק, וואָס איך האָב געמאַכט אויף דאַריאַ מיכיילאָוונאַ; אָבער איך האָב געהאָפט, אַז כ׳האָב געפונען כאָטש אַ צייטווייַ־

ליקן האפן... אצינד וועט ווידער אויסקומען צו וואגלען איבער דער וועלט. וואס וועט מיר פארבייטן אייער ריידן, אייער אַנוועזנהייט, אייער אויפמערקזאַמען און קלוגן בליק?.. כ'בין אַליין שולדיק; נאָר איר דאַרפט מודה זיין, אַז דאָס מזל האָט פונקט ווי בכיון געחוזקט איבער אונז. מיט אַ וואָך צוריק האָב איך אַליין כמעט נישט געקאָנט וויסן, אַז איך האָב אייך ליב. ערגעצכטן אין אָוונט, אין גאָרטן, האָב איך צום ערשטן מאָל פון אייך געהערט... אָבער צו וואָס אייך דערמאָנען דאָס, וואָס איר האָט דאמאָלס געזאָגט — און אָט פאָר איך שוין היינט אַוועק, פאָר אַוועק מיט חרפה, נאָך אַ גרויזאַמען אויסריידן זיך מיט אייך, און טראָג נישט אַוועק מיט זיך קיין שום האָפנונג... און איר ווייסט נאָך נישט, ביז וואָס פאַר אַ מדריגה איך בין שולדיק קעגן אייך... ס'איז פאַראַן אין מיר עפעס אַ נאַרישע אָפנהאַרציקייט, עפעס אַ נטיה צו פלאַפלען... נאָר צו וואָס זאָל איך ריידן וועגן דעם! איך פאָר אַוועק אויף שטענדיק".

(אויף דער שטעל האָט רודין געהאַט דערציילט נאַטאַליאַן

מכח זיין באַזוך ביי וואָלינצעוון, אָבער ער האָט זיך באַרעכנט

און אויסגעמעקט די גאַנצע שטעל, און אין בריוו צו וואָלינצעוון

האָט ער צוגעגעבן אַ צווייטן postscriptum).

„איך פאַרבלייב איינזאַם אויף דער ערד צוליב דעם, כדי, ווי איר האָט מיר היינט אין דער פרי געזאָגט מיט אַכזרישן שפּאַס, צו איבערגעבן זיך אַנדערע ענינים, וואָס פאַסטן מער פאַר מיר. אָ! ווען איך וואָלט באמת געקאָנט זיך איבערגעבן דידאָזיקע ענינים, באַזיגן לסוף מיין פוילקייט... אָבער ניין! כ'וועל בלייבן דאָסזעלבע נישט-פאַרענדיקט וועזן, וואָס כ'בין געוועזן ביז איצט... די ערשטע מניעה — און כ'בין אינגאַנצן צוטרייסלט; דאָס געשעעניש מיט אייך האָט עס מיר באַוויזן. ווען איך וואָלט, לכל הפחות, מקריב געווען מיין ליבע אויפן מזבח פון מיין קינפטיקער אַרבעט, פון מיין באַרוף; אָבער איך האָב זיך פשוט דערשראָקן פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז אויף מיר געפאַלן, און דעריבער בין איך אייך, אמת, נישט ווערט. כ'בין נישט ווערט, איר זאָלט זיך צוליב מיר אָפרייסן

פון אייער ספערע... איבעריגנס, דאָס אַלץ איז אפשר לטובה. פון דעמדאָזיקן נסיון וועל איך אפשר אַרויסגיין ריינער און שטאַרקער.

„איך ווינטש אייך אמתן גליק. זייט געזונט! דערמאָנט

מיך אַמאָל! איך האָף, אַז איר וועט נאָך פון מיר הערן.

רודין".

נאַטאַליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט רודינס בריוו צו זיך אויפן שויס און איז לאַנג געזעסן אומבאַוועגלעך, פאַרקוקנדיק זיך אויף דער פּאָדלאָגע. דערדאָזיקער בריוו, קלערער פון אַלע מעגלעכע ראיות, האָט איר באַוויזן, ווי ווייט זי איז גערעכט געווען, בעת זי האָט ביים געזעגנען זיך היינט אין דער פרי מיט רודינען נישט ווילנדיק אויסגערופן, אַז ער האָט זי נישט ליב! אָבער דערפון איז איר נישט געוואָרן לייכטער. זי איז געזעסן אָן אַ שום באַוועגונג; איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'האָבן זי אַרומגערינגלט איבערן קאָפּ פינסטערע כוואַליעס אָן גערויש, און זי איז געגאַנגען צום גרונט, אַ פאַרגליווערטע און אַ פאַרשטומטע. יעדן מענטשן איז שווער די ערשטע אַנטוישונג; נאָר פאַר אַ תמימותדיקער נשמה, וואָס האָט נישט געוואָלט זיך גענאַרן, וואָס איז ווייט פון לייכטזין און גוזמא, איז די אַנטוישונג כמעט נישט איבערצולײַדן. נאַטאַליאַ האָט זיך דערמאָנט אירע קינדער־יאָרן, בעת זי פלעגט שפּאַצירן אָוונט־צייט, און פלעגט זיך שטענדיק באַמיען צו גיין אין דער ריכטונג צום ליכטיקן הימל־ראַנד, דאָרט וווּ דער אָוונט־רויט האָט געברענט, און נישט צום טונקעלן. איר לעבן איז איצט געשטאַנען אַ טונקלס פאַר אירע אויגן און צום ליכט איז זי געווען געווענדט מיטן רוקן...

טרערן האָבן זיך געשטעלט נאַטאַליאַן אין די אויגן. נישט תמיד זיינען טרערן מחיהדיק. טרייסטנד און היילבאַר זיינען זיי נאָר דעמאָלס, ווען זיי זידן אַ לאַנגע צייט אין האַרץ און לסוף שטראָמען זיי אַרויס — לכתחילה מיט אָנשטרענגונג, נאָכדעם אַלץ גרינגער, אַלץ זיסער; מיט זיי ווערט געשטילט די שטומע פּיין פון בענקעניש... עס זיינען פאַראַן קאַלטע טרערן, טרערן, וואָס גיסן זיך קאַרג: דער גרויסער צער, וואָס דריקט דאָס האַרץ ווי אַ שווערע אומבאַוועגלעכע משא, — ער־

שטויסט זיי אַרויס כּראָפּן נאָך טראָפּן; זיי זײַנען נישט דערקוויקנד און ברענגען נישט קיין פֿאַרלײַכטערונג. מיט אַזעלכע טרערן ווײַנט די נויט, און יענער איז נאָך נישט געווען אומגליקלעך, וועמען ס'האָט זיי נאָך נישט פֿאַרגאָסן. נאַטאַליאַ האָט זיי אין דעמדאָזיקן טאָג דערקענט.

עס זײַנען פֿאַרבײַ אַ שעה צוויי. נאַטאַליאַ האָט זיך אָנגענומען מוט, איז אויפֿגעשטאַנען, זיך אויסגעווישט די אויגן, אָנגעצונדן דאָס ליכט, פֿאַרברענט אויף זײַן פֿלאַם רודינס בריוו ביזן סוף און דעם אַש אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענסטער. נאָכדעם האָט זי סתּם אין דער וועלט אַרײַן אַן עפֿן געטאָן פּושקינען און איבערגעלייענט די ערשטע שורות, וואָס זײַנען דערשינען פֿאַר אירע אויגן (אָפּטמאָל האָט זי אַזוי־אַרום אויסגעפּרוּווט איר מזל). אָט וואָס ס'איז אויסגעפֿאַלן:

וועמער ס'האָט געפֿילט, דעם פּלאָגן שאָטנס
פֿון טעג, וואָס קומען נישט צוריק...
אים קאָן קיין כּשוף שוין ניט פֿאַנגען,
אים נאָגן די זכרונות־שלאַנגען,
אים נאָגט חרטה טיף אין האַרץ...

זי איז געשטאַנען אַ ביסל, אַ קוק געטאָן אויף זיך מיט אַ קאַלטן שמייכל אין שפּיגל און, מאַכנדיק אַ קליינע באַוועגונג מיטן קאָפּ פֿון אויבן־אַראָפּ, איז זי אַרײַן אין גאַסט־צימער.

ווי נאָר דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט זי דערזען, האָט זי איר אַרײַנגעפֿירט אין קאַבינעט, אַנידערגעזעצט זי נעבן זיך, פֿרײַנטלעך אַ גלעט געטאָן איבער דער באַק און אַרײַנגעקוקט אויפֿמערקזאַם, כּמעט מיט נײַגעריקייט, אין אירע אויגן. דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט געפֿילט אַ באַהאַלטענע שטוינונג: צום ערשטן מאָל איז איר געקומען אויפֿן זינען, אַז זי קען, אין תּוך, נישט איר טאָכטער. דערהערנדיק פֿון פּאַנדאַלעווסקין וועגן איר זעונג מיט רודינען, איז זי נישט אַזוי פֿיל אין כּעס געוואָרן, וויפֿיל זי האָט זיך געחידושט, ווי אַזוי האָט עס די פֿאַרשטענדיקע נאַטאַליאַ זיך געקאָנט אַנטשליסן אויף אַזאַ זאַך. אָבער בעת זי האָט זי פֿאַררופֿען צו זיך און זי גענומען זידלען — לגמרי נישט

אַזוי, ווי מ׳וואָלט געדאַרפֿט דערוואַרטן פֿון אַן אייראָפּעישער פֿרוי, נאָר געגנוג שרייענדיק און נישט אײדל — האָבן נאַטאַליאַס שאַרפֿע תשובות, די אַנטשלאָסנקייט פֿון אירע בליקן און באַוועגונגען דאַריאַ מיכײלאָוונאַן צומישט, אפילו זי איבערגעשראָקן.

רודינס פּלוצלונגעס און נישט אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעכעס אָפּפֿאָרן האָט אָראָפּגענומען אַ גרויסע משא פֿון איר האַרץ; אָבער זי האָט דערוואַרט טרערן, היסטערישע אַטאַקן... נאַטאַליאַס אויסערלעכע רויִקייט האָט זי ווידער פֿאַרווונדערט.

— נו, וואָס, קינד מײנס, — האָט דאַריא מיכײלאָוונאַ אָנגעהייבן: — ווי איז דיר הײנט?

נאַטאַליאַ האָט אַ בליק געטאָן אויף איר מוטער.

— ער איז דאָך אַוועקגעפֿאָרן.. דײן אָביעקט. דו ווייסט נישט פֿאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי געאײלט?

— מאַמעלע! — האָט נאַטאַליאַ אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטילן קול: — איך גיב אײך מײן וואָרט, אַז אויב איר אַליין וועט אים נישט דערמאָנען, וועט איר פֿון מיר קײנמאָל גאָרנישט הערן.

— הייסט עס, ביסט זיך מודה, אַז דו ביסט געווען שולדיק קעגן מיר?

נאַטאַליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איבערגעחזרט:

— איר וועט פֿון מיר קײנמאָל גאָרנישט הערן.

— נו, געדענק! — האָט דאַריאַ מיכײלאָוונאַ געענטפֿערט מיט אַ שמייכל: — איך גלויב דיר. און ערנעכטן, געדענקסטו, ווי אַזוי... נו, כ׳וועל מער נישט ריידן. געענדיקט, פֿאַרשאָטן און באַגראָבן. נישט אמת? אָט אַזוי, איך דערקען דיך ווידער; ווען נישט וואָלט איך געהאַט געקומען אין פֿאַרלעגנהייט. נו טו-זשע מיך אַ קוש, חכמה מײנע!..

נאַטאַליאַ האָט אונטערגעטראָגן דאַריאַ מיכײלאָוונאַס האַנט צו אירע ליפּן, און דאַריאַ מיכײלאָוונאַ האָט זי אַ קוש געטאָן אין אָנגעבויגענעם קאָפּ.

— פֿאָלג שטענדיק מײנע עצות, פֿאַרגעס נישט, אַז דו ביסט לאַסונסקאַיאַ און מײן טאָכטער — האָט זי צוגעגעבן: — און דאַן וועסטו זײן גליקלעך. און איצטער גיי זיך.

נאַטאַליאַ איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען. דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט איר נאָכגעקוקט און אַ קלער געטאָן: „זי איז געראָטן אין מיר – זי וועט אויך ווערן מיטגעריסן: mais elle aura moins d'abandon“. *) און דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין די זכרונות פֿונם עבר... פֿונם ווייטן עבר...

נאָכדעם האָט זי געהייסן אַ רוף טאָן m-lle Boncourt און איז לאַנג מיט איר געזעסן זאַלבענאַנד אין אַ פֿאַרמאַכטן חדר. אַז זי האָט זי אָפּגעלאָזט, האָט זי פֿאַררופֿן פּאַנדאַלעווסקין: איר האָט זיך אומבאַדינגט געוואָלט דערגיין די אמתע סבה פֿון רודינס אָפּפֿאָרן... אָבער פּאַנדאַלעווסקי האָט זי אינגאַנצן באַרויִקט. דערצו האָט ער שוין געטויגט.

אויפֿן צווייטן טאָג איז וואָלינצעוו מיט דער שוועסטער געקומען צופֿאָרן צום מיטאָג. דאַריאַ מיכײַלאָוונאַ איז מיט אים שטענדיק געווען זייער פֿרײַנטלעך, און דאָסמאָל איז זי זיך מיט אים באַגאַנגען באַזונדער ליבלעך. נאַטאַליאַ האָט זיך געשפּירט זייער נישט גוט. אָבער וואָלינצעוו איז געווען באַזונדער העפֿלעך. ער האָט מיט איר גערעדט אַזוי ווייך און ציטערדיק, און זי איז אים אין האַרצן געווען זייער דאַנקבאַר.

דער טאָג איז אַריבער שטיל, געגנוג לאַנגווײַליק, אָבער פֿאַנאַנדערפֿאָרנדיק זיך, האָבן אַלע דערפֿילט, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין דער פֿריערדיקער קאָלייע און דאָס האָט פֿיל צו זאָגן, זייער פֿיל.

יאָ, אַלע זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין דער פֿריערדיקער קאָלייע... אַלע, אַחוץ נאַטאַליאַן. בלײַבנדיק לסוף אַליין, האָט זי זיך מיט גרויס מאַטערניש דערשלעפּט צו איר בעט און אַ פֿאַרמאַטערטע, אַ דערשלאָגענע איז זי געפֿאַלן מיטן פּנים אין קישן. דאָס לעבן האָט איר אויסגעוויזן אַזוי ביטער, עקלהאַפֿט, תּפֿלדיק. זי האָט זיך געשעמט פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר איר ליבע, פֿאַר

*) אָבער זי וועט זײַן ווײניקער צולאָזן.

איר טרויער. אין דערדאָזיקער רגע וואָלט זי געווים מרוצה געווען צו שטאַרבן... איר איז נאָך פאָרגעשטאַנען אַ סך שווערע טעג, שלאָפלאָזע נעכט, פיינלעכע אויפרעגונגען. נאָר זי איז געווען יונג — דאָס לעבן האָט זיך גאָר־וואָס פאַר איר אָנגעהייבן, און פרי צי שפעט וועט דאָס לעבן זיינס אָפּנעמען. וואָס פאַר אַ קלאַפּ דעם מענטשן זאָל נישט טרעפן, וועט ער אינם זעלבן טאָג, אָדער, העכסטנס אינם צווייטן טאָג — אַנטשולדיקט פאַר דער גראָבקייט פונם אויסדרוק — זיך אָנעסן, און אָט האָט איר אייך די ערשטע נחמה...

נאַטאַליאַ האָט געליטן פיינלעך, געליטן צום ערשטן מאָל... אָבער די ערשטע ליידן, ווי די ערשטע ליבע, חזרן זיך נישט איבער, — און גאָט צו דאַנקען!

XII

צוויי יאָר לערך זיינען פאַרביי. ס'זיינען אָנגעקומען די ערשטע טעג פון מאַי. אויפן באַלקאָן פון איר הויז איז געזעסן אַלעקסאַנדרא פּאַווולאָוונאַ, אָבער שוין נית ליפּינאַ, נאָר לעזש־נעוואַ; שוין מער ווי אַ יאָר ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט מיכיילאָ מיכיילאָוויטשן. ווי פריער, איז זי געווען ליב און צאַרט, זי איז נאָר דיק געוואָרן די לעצטע צייט. פאַרן באַלקאָן, וואָס פון אים האָבן טרעפּ געפירט אין גאָרטן, איז אומגעגאַנגען די אַם, מיט אַ רויט־פּנימדיק קינד אויף די הענט. די אַם איז גע־ווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס מאַנטעלע און אַ ווייסן פּאַמפּאָן אויפן הוט. אַלעקסאַנדראַ פּאַווולאָוונאַ האָט טאַקע אַלע ווײַלע געקוקט אויף דאָס קינד. דאָס קינד האָט נישט געוויינט, עס האָט מיט חשיבות געזויגן זיין פינגערל און רויק געקוקט אַרום. ס'איז שוין קענטיק געווען אין אים מיכיילאָ מיכיילאָוויטשעס ווירדיקער זון.

נעבן אַלעקסאַנדראַ פּאַווולאָוונאַן איז געזעסן אויפן באַלקאָן אונזער אַלטער באַקאַנטער, פּיגאַסאָוו. פון יענער צייט, וואָס מיר האָבן זיך מיט אים צושיידט, איז ער קענטלעך גרוי גע־וואָרן, איז געוואָרן איינגעהויקערט, מאָגער און האָט געשיפּעט בעתן ריידן: איין פאָדערשטער צאָן האָט ביי אים געסטאַרטשעט;

דאָס שיפּען האָט זיינע רייד צוגעגעבן נאָך מער גיפטיקייט... זיין פאַרביטערטקייט איז נישט קלענער געוואָרן אין משך פון די יאָרן, אָבער זיינע גלייכווערטלעך זיינען געוואָרן טעמפּלעך, און ער האָט זיך איבערגעחזרט נאָך עפטער ווי אַמאָל. מיכיילאָ מיכיילימש איז אין דערהיים נישט געווען; מ׳האָט אויף אים געוואַרט מיטן טיי־טרינקען. די זון האָט זיך שוין געזעצט. דאָרט, וווּ זי איז פאַרגאַנגען, האָט זיך אַ בלאַס־גאָלדיקער, ציטרין־פאַרביקער פּאַס געצויגן אין דער לענג פון האָריזאָנט; אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט זיינען געווען צוויי פּאַסן: איינער, נידריקער, אַ בלויער, דער צווייטער, העכער, אַ וויט־לילאָווער. לייכטע וואָלקנדלעך זיינען צוגאַנגען געוואָרן אין דער הויכקייט. דאָס אַלץ האָט נביאות געזאָגט אויף אַ דויערהאַפטיק שיין וועטער.

מיטאַמאָל האָט זיך פּיגאַסאָוו צולאַכט:

— וואָס לאַכט איר, אַפריקאַן סעמיאָניטש? — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט.

— סתם אַזוי... געכטן האָב איך, ווי איין פּויער רעדט צו זיין ווייב—און זי האָט זיך אַזוי צופלוידערט: „נישט גרילץ!"... דאָס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. נישט גרילץ! און אין דער אמתן, וועגן וואָס קאָן ריידן אַ פרוי? איר ווייסט דאָך, איך רייד קיינמאָל נישט וועגן די אָנוועזנדע, אונזערע זקנים זיינען געווען קליגער פאַר אונז. ביי זיי אין די מעשהלעך זיצט די יפה־פיה הינטערן פענסטער, אין איר שטערן פינקלט אַ שטערן און זי טוט צומאָל נית קיין מורמל, אָט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַזוי אָבער, זאָגט אַליין: ערנעכטן האָט דעם אַדל־מאַרשאַלס פרוי מיר אויסגעשאָסן ווי פון אַ פּיסטאָלעט אין שטערן אַריין: זי זאָגט מיר, אַז איר געפעלט נישט מיין טענדענץ! טענדענץ! נו, וואָלט דען נישט בעסער געווען סיי פאַר איר אַליין, סיי פאַר אַלעמען, אויב זי וואָלט ווי עס איז דורך אַ גוטן חסד פון דער נאַטור, פאַרלוירן איר לשון?

— און איר זייט אַלץ ביים זעלביקן, אַפריקאַן סעמיאָניטש: איר פאַלט אַלץ אָן אויף אונז, אָרימע... איר ווייסט, דאָס איז באמת אַ מין אומגליק, איך באַדויער אייך.

— אַן אומגליק? וואָס האָט איר באַוויליקט צו זאָגן? ערשטנס זיינען, לויט מיין מיינונג, פאַראַן אויף דער וועלט נאָר דריי אומגליקן: ווינען ווינטער אין אַ קאַלטער וווינונג, טראָגן זומער ענגע שטיוול, און נעכטיקן אין אַ צימער, וווּ עס וויינט אַ קינד און ס׳איז אוממעגלעך אים אויסצושיטן מיט פערסישן פּולווער; און, צווייטנס, כ׳בעט אייך, כ׳בין דאָך איצט געוואָרן דער באַשיידנסטער מענטש. כאָטש שטעלט מיך ממש פאַר אַ מוסטער! אָט ווי איך פיר מיך אויף מאָראַליש.

— איר פירט זיך אויף לייטיש, נישטאָ וואָס צו ריידן! ערשט נעכטן האָט זיך מיר יעלענאַ אַנטאָנאָוונאַ געקלאָגט אויף אייך.

— אַזוי גאָר — און וואָס אַזוינס האָט זי אייך געזאָגט, דערלויבט מיר צו וויסן?

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז אין משך פון אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט איר אויף אַלע אירע פראַגן געענטפערט נאָר: „וואָס? וואָס?” און דערצו נאָך מיט אַ צוויטשענדיקן קול.

פיגאַסאָוו האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ס׳איז אָבער אַ גוטער איינפאַל, זייט מודה, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ... אַ?

— אַ וווּנדערבאַרער! צי קאָן מען דען זיין אַזוי נישט העפלעך צו אַ פרויענצימער, אַפריקאַן סעמיאָניטש?

— ווי? יעלענאַ אַנטאָנאָוונאַ איז לויט אייער מיינונג — אַ פרוי?

— וואָס איז זי, מיינט איר?

— אַ פויק, כ׳בעט אייך איבער, אַ פּשוטער פויק, וואָס מ׳קלאַפּט איבער אים מיט שטעקלעך...

— אַך, יאָ! — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ איבערגעשלאָגן, וועלנדיק איבערבייטן דעם שמועס: — אייך, זאָגט מען, קומט אַ מזל־טוב?

— צוליב וואָס?

— צוליבן ענדיקן דעם משפט. די גלינאָווער לאָנקעס זיינען געבליבן ביי אייך.

— יאָ, ביי מיר, — האָט פּיגאַסאָוו אומעטיק געענטפערט.
— וויפיל יאָר האָט איר זיך געריסן נאָך דעם און איצט זייט איר ווי נישט צופרידן.
— איך דאַרף אייך זאָגן, אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָווגאַ, — האָט פּיגאַסאָוו פּאַמעלעך אַרויסגערעדט: — נישטאָ נאָך אַן ערגערע און אַ מער באַליידיקנדע זאַך פון אַ צופיל פאַרשפּעטיקטן גליק. אַזאַ מין גליק קאָן אייך קיין צופרידנקייט ניט ברענגען, און דערפאַר רויבט עס אַוועק פון אייך דעם זכות, דעם טייערסטן זכות — צו שילטן און לעסטערן דאָס מזל. יאָ, מאַדאַם, ס׳איז אַ ביטערע זאַך, אַ באַליידיקנדע — דאָס שפּעטע גליק.
אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָווגאַ האָט נאָר אַ צוק געטאָן מיט די פּלייצעס.
— ניאַניעטשקע! — האָט זי אָנגעהייבן — איך מיין, אַז ס׳איז שוין צייט צו לייגן מישאַן שלאָפן. דערלאַנג אים אַהער.
אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָווגאַ האָט זיך פאַרנומען מיט איר זון, און פּיגאַסאָוו איז וואָרטשענדיק אָפּגעגאַנגען אין צווייטן ווינקל פון באַלקאָן.
פלוצלונג האָט זיך באַוויזן אין דערווייטנס, איבערן וועג, וואָס ציט זיך לענג־אויס דעם גאָרטן, מיכיילאָ מיכיילִיטש אויף זיין פלינקער בריטשקע. פאַר דעם פערד זיינען געלאָפן צוויי גרויסע הויף־הינט: איינער אַ געלער, דער צווייטער אַ גרויער; ער האָט זיי נישט־לאַנג געקויפט. זיי האָבן זיך תמיד געגריזשעט און שטענדיק געלעבט צוזאַמען אין פריינטשאַפט. זיי אַנטקעגן איז אַרויס פון טויער אַן אַלטער הונט, האָט פאַנאַנדערגעעפנט דאָס מויל, ווי וועלנדיק זיך צובילן און געענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט אַ געגעץ־געטאָן און זיך אומגעקערט צוריק, דרייענדיק פריינטלעך מיטן עק.
— זע נאָר, סאַשאַ, — האָט לעזשנעוו אַ געשריי געטאָן פון דערווייטנס צו זיין ווייב: — ווּעמען איך פיר דיר...
אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָווגאַ האָט נישט גלייך דערקענט דעם מענטשן, וועלכער איז געזעסן הינטער איר מאַנס רוקן.
— אַ! ה׳ באַסיסטאָוו! — האָט זי לסוף אויסגערופן.

— ער, ער, — האָט לעזשנעוו געענטפערט. — און וואָס פאַר אַ גוטע נייס האָט ער געבראַכט. וואַרט נאָר, באַלד וועסטו געוווּיר ווערן.

און ער איז אַריינגעפאָרן אין הויף.

אין עטלעכע רגעס אַרום איז ער מיט באַסיסטאָוון אַרויס־געקומען אויפן באַלקאָן.

— הוראַ! — האָט ער אויסגערופן און אַרומגענומען זיין פרוי.—סעריאָזשאַ האָט חתונה!

— מיט וועמען? — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ גע־פרעגט מיט אויפרעגונג:

— פאַרשטייט זיך, מיט נאַטאַליאַן... אָט האָט אונזער פריינט געבראַכט די נייס פון מאָסקווע, ס'איז אויך פאַראַן צו דיר אַ בריוו.. הערסט, מישוק? — האָט ער צוגעגעבן, כאַפנדיק דעם זון אויף די הענט: — דיין פעטער האָט חתונה!... ס'אַראַ גזלנישער פלעגמאַטיקער דאָס איז! ער מאַכט נאָר מיט די אויגן און ענטפערט גאָרנישט!

— זיי ווילן שלאָפן, — האָט די אַם באַמערקט.

— יאָ, — האָט באַסיסטאָוו אַרויסגעמורמלט, צוגייענדיק צו אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַן: — כ'בין היינט געקומען צופאָרן פון מאָסקווע לויט דאַריאַ מיכיילאָוונאַס אויפטראַג — צו רעווי־דירן די חשבונות פון גוט. און אָט איז דער בריוו.

אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ האָט איילנדיק אויפגעריסן דעם בריוו פון איר ברודער. אין אים זיינען נאָר געווען עטלעכע שורות. אין די ערשטע פרייד־רגעס האָט ער מודיע געווען זיין שוועסטער, אַז ער האָט געמאַכט נאַטאַליאַן אַ פאָרשלאַג, באַקו־מען איר און דאַריאַ מיכיילאָוונאַס הסכם, האָט צוגעזאָגט מער צו שרייבן מיט דער ערשטער פּאָסט און הינטער די אויגן האָט ער אַלעמען אַרומגענומען און געקושט. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער האָט עס געשריבן אין עפּעס אַ נעפּל.

מ'האָט דערלאַנגט טיי, מ'האָט אַנידערגעזעצט באַסיסטאָוון. ס'האָט זיך אויף אים אַ שאָט־געטאָן אַ האָגל מיט פראַגן. אַלע,

אפילו פיקאַסאָו, האָבן זיך דערפרייט מיטן נייס, וואָס ער האָט געבראַכט.

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, — האָט צווישן אַנדערן לעזשנעוו געזאָגט: — צו אונז זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן עפּעס אַ הער קאָרטשאַגין. הייסט עס, אַז ס׳איז אַ בלאָף?

(קאָרטשאַגין איז געווען אַ שיינער יונגערמאַן — אַ לייב פון דער געזעלשאַפט, אַ זייער אָנגעבלאָזענער און חשובער: ער האָט זיך געהאַלטן אומגעווייגלעך מאַיעסטעטיש, גלייך ווי ער וואָלט געווען נישט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר זיין אייגענע סטאַטוע, וואָס מ׳האָט געשטעלט אויפן חשבון פון צבור).

— ניין, נישט אינגאַנצן אַ בלאָף, — האָט באַסיסטאָוו געענטפערט מיט אַ שמייכל: — דאַריאַ מיכיילאָוונא איז געווען גאַנץ גוט געניגט צו אים; אָבער נאַטאַליאַ אַלעקסייעוונאַ האָט אַפילו נישט געוואָלט פון אים הערן.

— איך קען דאָך אים, — האָט פּיגאַסאָוו אונטערגעכאַפּט: — ער איז דאָך באמת אַ גולם, אַ ליימענער גולם.. באַקלערט נאָר! ווען אַלע מענטשן וואָלטן צו אים ענלעך געווען, וואָלט מען געדאַרפט באַקומען אַ גרויסן שכר, כדי צו וועלן לעבן..

— אפשר, — האָט באַסיסטאָוו געענטפערט: — און אין דער וועלט שפילט ער פונדעסטוועגן אַן אָנגעזעענע ראָלע.

— נו, ס׳איז אַלצאיינס! — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ אויסגערופן: — לאָז אים צו רו! אַך ווי איך בין צופרידן מיטן ברודערס שמחה!.. און נאַטאַליאַ איז פריילעך, איז גליקלעך?

— יאָ. זי איז רויק ווי שטענדיק — איר קענט זי דאָך — אָבער דוכט זיך, זי איז צופרידן.

דער אָוונט איז אַדורך אין אַנגענעמע און לעבעדיקע שמועסן. מ׳האָט זיך געזעצט עסן אָוונט־ברויט.

— יאָ, דרך אגב — האָט לעזשנעוו געפרעגט באַסיסטאָוון, אָנגיסנדיק אים לאַפיט *) — איר ווייסט ווו עס געפינט זיך רודין?

*) גוטער באָרדאָער וויין.

— איצט ווייס איך ניט אויף זיכער. פאַראַיאָרן ווינטער איז ער געקומען אויף אַ קורצע צייט קיין מאָסקווע, נאָכדעם איז ער מיט איינער אַ פאַמיליע אַוועקגעפאָרן קיין סימבירסק; אַ געוויסע צייט האָב איך מיט אים קאָרעספּאָנדירט: אין זיין לעצטן בריוו האָט ער מיך מודיע געווען, אַז ער פאָרט-אָפּ פון סימבירסק — האָט נישט געזאָגט וווהין — און אָט פון יענער צייט אָן הער איך פון אים נישט.

— ער וועט נישט פאַרפאַלן ווערן! — האָט פיגאַסאָוו אונטערגעכאַפּט: — ער זיצט ערגעץ-ווו און פריידיקט. דערדאָזיקער הער וועט תמיד געפינען אַ צוויי, צי דריי פאַרערערס, וועלכע וועלן אים הערן מיט פאַנאַנדערגעעפנטע מיילער און וועלן אים אויסבאָרגן געלט. געדענקט, זיין סוף וועט זיין, אַז ער וועט נאָך שטאַרבן ערגעץ-ווו אין צאַרעוואָקאָקשייסק אָדער אין טשוכלאָם — אויף די הענט פון אַן אַלטער בתולה אין אַ פאַריק, וועלכע וועט אים האַלטן פאַר דעם גרעסטן גאון אין דער וועלט...

— איר רופט זיך אָפּ וועגן אים זייער שאַרף, — האָט באַסיסטאָוו שטיל באַמערקט מיט אומצופרידנקייט.

— גאָרנישט שאַרף! האָט פיגאַסאָוו געענטפערט: — כ'בין גערעכט מיט מיינע רייד. לויט מיין מיינונג איז ער פּשוט אַ טעלער-לעקער. כ'האָב אייך פאַרגעסן זאָגן, — האָט ער ווייטער גערעדט, ווענדנדיק זיך צו לעזשנעוון: איך האָב זיך דאָך באַקענט מיט טערלאַכאָוון, מיט וועמען רודין איז געפאָרן קיין אויסלאַנד. סטייטש! סטייטש! וואָס ער האָט מיר אָנדערציילט פון אים, איר קאָנט זיך עס נישט פאָרשטעלן — ממש אַ געלעכטער! ס'איז מערקווירדיק, וואָס אַלע רודינס פריינט און פאַרערער ווערן אים מיט דער צייט שונאים.

— איך בעט, מיך אויסצושליסן פון דער צאָל פון אַזעלכע פריינט! — האָט באַסיסטאָוו איבערגעהאַקט מיט היץ.

— נו, איר זייט אַן אַנדער זאַך; וועגן אייך איז קיין רייד נישט.

— און וואָס אַזוינס האָט אייך טערלאַכאָוו דערציילט? — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט.

— ער האָט אַ סך דערציילט: כ׳קאָן זיך אַלץ נישט דערמאָנען. אָבער דער סאַמע בעסטער אַנעקדאָט, וואָס האָט פּאַסירט מיט רודינען, איז אָט דער. אין זיין אומאויפהערלעכער אַנטוויקלונג (דידאָזיקע הערן האַלטן זיך אין איין אַנטוויקלען: אַנדערע, למשל, שלאָפן פשוט אָדער זיי עסן — און זיי געפינען זיך אין מצב פון עסן־אָדער שלאָפן־אַנטוויקלונג. ניט אמת, ה׳ באַסיסטאָוו? — באַסיסטאָוו האָט גאָרנישט געענטפערט)... בכן, אין זיין אומאויפהערלעכער אַנטוויקלונג איז רודין דורך פילאָזאָפיע דערגאַנגען צו דער איבערצייגונג, אַז ער באַדאַרף זיך פאַרליבן. ער האָט אָנגעהייבן צו זוכן אַן אָביעקט, וואָס זאָל ראוי זיין פאַר אַזאַ חשובן באַשלוס. די פאָרטונע האָט אים אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך באַקענט מיט איינער אַ פראַנצויזין, אַ זייער שיינע מאָדיסטין. די זאַך איז פאָרגעקומען אין אַ דייטשער שטאָט, ביים ר היי ן, באַמערקט עס. ער האָט אָנגעהייבן אַריינגיין צו איר, געטראָגן איר פאַרשיידענע ביכער, גערעדט צו איר מכח נאַטור און הע גע לן. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן די לאַגע פון דער מאָדיסטין? זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אַסטראָנאָם. פונדעסטוועגן, ווייסט איר דאָך, ער זעט אויס גאַנץ נישקשהדיק; נו, — אַן אויסלענדער, אַ רוס — איז ער געפעלן געוואָרן. און אָט לסוף באַשטימט ער איר אַ זעוונג און זייער אַ פּאָעטישע זעוונג: אין אַ גאָנדאָל, אויפן טייך. די פראַנצויזין איז מרוצה געווען; זי האָט זיך שענער אָנגעטאָן און איז מיט אים אַוועקגעפאָרן אין גאָנדאָל. אַזוי האָבן זיי זיך געשיפט אַ שעה צוויי. מיט וואָס, מיינט איר, האָט ער זיך די גאַנצע צייט פאַרנומען? ער האָט געגלעט די פראַנצויזין איבערן קאָפּ, געקוקט פאַרטראַכט אין הימל אַריין און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז ער פילט צו איר אַ פאָטערלעכע צערטלעכקייט. די פראַנצויזין האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ דערצערנטע און זי האָט אַליין נאָכדעם אַלץ דערציילט טערלאַכאָוון. אָט וואָס פאַר אַ נפש דאָס איז!

און פיגאַסאָוו האָט זיך צולאַכט.

— איר זייט אַן אַלטער ציניקער! — האָט אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ באַמערקט מיט פאַרדרוס: — און איך קום אַלץ פעסטער

צו דער איבערצייגונג, אַז אפילו די יעניקע, וועלכע זידלען
רודינען, קאָנען אויך קיין שום שלעכטס אויף אים נישט זאָגן.
— קיין שום שלעכטס? זייט מוחל! און זיין שטענדיק לעבן
אויפן פרעמדן חשבון, זיינע הלוואות... מיכײַלאָ מיכײַלאָוויטש!
ער האָט דאָך אויך בײַ אײַך אוודאי געבאָרגט?
— הערט נאָר, אַפריקאַן סעמיאָניטש! — האָט לעזשענעוו-
אָנגעהייבן, און זיין געזיכט האָט אָנגענומען אַן ערנסטן אויס-
דרוק: — הערט נאָר: איר ווייסט, און מיין פרוי ווייס, אַז איך
בין די לעצטע צייט געווען צו רודינען נישט באַזונדערס גוט
אויפגעלייגט און האָב אים אפילו אָפט דן געווען צום שלעכטן.
נאָך אַלעם דעם (לעזשענעוו האָט פאַנאַנדערגעגאָסן שאַמפּאַניער
אין די באָקאַלן), איז אָט וואָס איך לייג אײַך פאָר: מיר האָבן
אָקאָרשט געטרונקען פאַרן געזונט פון אונזער טייערן ברודער און
זיין כלה; לאָמיר איצט אויסטרינקען פאַר דמיטרי רודינס געזונט!
אַלעקסאַנדראַ פּאַוולאָוונאַ און פּיגאַסאָוו האָבן פאַרוואונדערט
אַ קוק געטאָן אויף לעזשענעוון, און באַסיסטאָוו האָט זיך איינגאַנצן
אַ טרייסל געטאָן, איז רויט געוואָרן פון שמחה און האָט אויס-
געסטאַרטשעט די אויגן.
— איך קען אים גוט, — האָט לעזשענעוו ווייטער גע-
רעדט: — זיינע חסרונות זיינען מיר גוט באַקאַנט. זיי זעען זיך
נאָך מער אָן, ווייל ער איז נישט קיין קליינלעכער מענטש.
— רודין איז אַ געניאַלער כאַראַקטער! — האָט באַסיסטאָוו
אונטערגעכאַפּט.
— גענאַליטעט איז אפשר אין אים פאַראַן, — האָט
לעזשענעוו געענטפערט: — אָבער כאַראַקטער... אין דעם איז זיין
גאַנצע צרה, וואָס ער פאַרמאָגט נישט כמעט קיין כאַראַקטער...
אָבער נישט וועגן דעם האַנדלט זיך עס. כ'וויל ריידן מכח דעם,
וואָס איז אין אים פאַראַן גוטעס, אויסערגעוויינלעכעס. ער
פאַרמאָגט ענטוזיאַזם; און דאָס, גלויבט מיר, אַ פלעגמאַטישן
מענטשן, אַז דאָס איז די בעסטע מדה אין אונזער צייט. מיר
זיינען אַלע געוואָרן אומדערטרעגלעך-חקרנדיקע, גלייכגילטיקע
און צוקראָכענע; מיר זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן, פאַרגליווערט

געוואָרן און מיר דאַרפֿן דאַנקען יענעם, ווער עס וועט אונז כאַטש אויף אַ רגע פֿאַנאַנדערטרייסלען און דערוואַרעמען! שוין צייט! דו געדענקסט, סאַשאַ, כ׳האָב מיט דיר איינמאָל גערעדט וועגן אים און האָב אים געמאַכט אַ פֿאָרוואורף פֿאַר זיין קאַלטקייט. כ׳בין דאַן געווען גערעכט און נישט גערעכט. דידאָזיקע קאַלטקייט איז שוין ביי אים אין בלוט — דאָס איז נישט זיין שולד — און נישט אין קאָפּ — ער איז נישט קיין אַקטיאָר, ווי איך האָב אים אָנגערופֿן, נישט קיין רמאי און נישט קיין לץ; ער לעבט אויף כּרעמדן חשבון נישט ווי אַ שנאָרער, נאָר ווי אַ קינד... יאָ, ער וועט באמת ערגעץ=ווו שטאַרבן אין דחקות און אָרימקייט; אָבער צי דען דאַרף מען אויף אים דערפֿאַר וואַרפֿן שטיינער? ער וועט אַליין גאָרנישט טאָן טאַקע נאָר צוליב דעם, ווייל ער האָט נישט קיין כאַראַקטער, קיין בלוט; אָבער ווער האָט עס אַ רעכט צו זאָגן, אַז ער וועט נישט ברענגען, אַז ער האָט נישט געבראַכט קיין נוצן? אַז זיינע ווערטער האָבן נישט פֿאַרוואָרפֿן אַ סך גוטע קערנדלעך אין יונגע נשמות, וועמען די נאַטור האָט יאָ באַשאָנקען, נישט ווי אים, מיטן כח פֿון טעטיקייט, מיט דער מעגלעכקייט צו פֿאַרווירקלעכן די אייגענע כוונות? איך אַליין, איך האָב עס דאָך דער ערשטער געפּרוווט אויף זיך גופא... סאַשאַ ווייס, וואָס רודין איז אין דער יוגנט געווען פֿאַר מיר. ס׳געדענקט זיך, איך פֿלעג אויך זאָגן, אַז רודינס ווערטער קאָנען נישט ווירקן אויף מענטשן; אָבער איך האָב דאַמאָלס גערעדט וועגן מענטשן, ענלעכע צו מיר, אין מיינע איצטיקע יאָרן, וועגן מענטשן, וואָס האָבן שוין אַדורכגעלעבט און וואָס זיינען צוגבראָכן פֿונם לעבן — איין פֿאַלשער קלאַנג אין די רייד — און די גאַנצע האַרמאָניע, וואָס אין איר, איז פֿאַר אונז פֿאַרשוווּנדן. אָבער ביי אַ יונגמאַן, צום גליק, איז דאָס געהער נישט אַזוי אַנטוויקלט, נישט אַזאַ מפֿונק. אויב דער תּוכן פֿון דעם, וואָס ער הערט, ווייזט זיך אים אויס שיין, טאָ וואָס גייט עס אים אָן דער טאָן! דעם טאָן וועט ער שוין אין זיך אַליין געפֿינען.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט באַסיסטאָוו אויסגערופֿן: —

זוי אמתדיק ס׳איז געזאָגט! און וואָס איז נוגע רודינס השפּעה,
שווער איך אייך, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט דיך נישט נאָר
בעקאָנט צוטרייסלען, נאָר האָט דיך פונם אָרט אַוועקגעטראָגן,
נישט געלאָזט זיך אָפּשטעלן, ער איז געווען בכּח דיר איבער-
צודרייען דאָס האַרץ דיינע און עס אָנצינדן!

— איר הערט? — האָט לעזשנעוו ווייטער גערעדט, ווע:דנ-
דיק זיך צו פּיגאַסאָוון: — וואָס דאַרפט איר נאָך פאַר אַ ראיה?
איר פאַלט אָן אויף דער פילאָזאָפיע; ריידנדיק וועגן איר, קלעקן
אייך נישט קיין גיפטיקע ווערטער. איך גופא באַדויער זי אויך
נישט איבעריקס שטאַרק און כ׳פאַרשטיי זי גאָרנישט אַזוי גוט;
אָבער נישט פון דער פילאָזאָפיע קומען אונזערע הויפּט-צרות!
די פילאָזאָפישע פּלפּולים און אירע פלוידערייען וועלן קיינמאָל
נישט אַריינדרינגען אינם האַרצן פון אַ רוס: צו דעם פאַרמאָגט
ער צופיל געזונטן פאַרשטאַנד; אָבער מ׳קאָן דאָך נישט דערלאָזן,
אַז אונטערן נאָמען פון פילאָזאָפיע זאָל מען אָנפאַלן אויף יעדע
ערלעכע שטרעבונג צו אמת און באַוווסטזיין. רודינס צרה באַ-
שטייט דערין, וואָס ער קען נישט רוסלאַנד, און דאָס איז,
אמת, אַ גרויס אומגליק. רוסלאַנד קאָן זיך באַגיין אָן איטלעכן
פון אונז, אָבער קיינער פון אונז קאָן זיך אָן רוסלאַנד נישט
באַגיין. ווײ איז יענעם, ווער עס קלערט אַזוי, צווייִמאָל ווײ
איז יענעם, ווער עס באַגייט זיך באמת אָן רוסלאַנד! דער קאָס-
מאָפּאָליטיזם איז — נעכטיקע טעג, דער קאָסמאָפּאָליט איז אַ נול,
ערגער פון אַ נול; אָן פאָלקסטימלעכקייט איז נישטאָ, נישט קיין
קונסט, נישט קיין אמת, נישט קיין לעבן, גאָרנישט נישט. אָן
אַ פיזיאָנאָמיע איז אפילו נישטאָ קיין אידעאַל פּנים; בלויז אַ גראָב
פּנים איז מעגלעך אָן אַ פיזיאָנאָמיע. אָבער, ווידער אַמאָל זאָג
איך, דאָס איז נישט רודינס שולד: דאָס איז שוין זיין גורל,
זיין ביטער, שווער גורל, און מיר דאַרפן אים דערפאַר נישט
באַשולדיקן. ס׳וואָלט אונז זייער ווייט פאַרפירט, ווען מיר וואָלטן וועלן
באַטראַכטן, פון וואַנען קומען ביי אונז אַרויס די רודינס. און
פאַר דאָס גוטס, וואָס ער פאַרמאָגט, דאַרפן מיר אים זיין דאַנק-
באַר. דאָס איז גרינגער ווי צו זיין צו אים נישט ערלעך, און

מיר זיינען געווען צו אים נישט ערלעך. נישט אונזער זאַך איז אים צו שטראָפן, און מען דאַרף עס נישט: ער האָט זיך אַליין געשטראָפט אַ סך האַרטער, ווי ער האָט פאַרדינט... און זאָל גאָט געבן, אַז דאָס אומגליק זאָל מבער זיין פון אים אַלדאָס ביין און זאָל אין אים איבערלאָזן דאָס פיינע אַליין! איך טרינק פאַר רודינס געזונט! איך טרינק פאַרן געזונט פון מיין חבר אין די בעסטע יאָרן, איך טרינק פאַר דער יוגנט, פאַר אירע האָפנונגען, פאַר אירע שטרעבונגען, פאַר איר צוטרוילעכקייט און ערלעכקייט, פאַר אַלעם דעם, וואָס האָט אונז צו צוואַנציק יאָר דאָס האַרץ אויפגערודערט און וואָס בעסערס פון דעם האָבן מיר עד היום נישט געפונען און וועלן נאָך דאָס גאַנצע לעבן נישט געפינען... איך טרינק פאַר דיר, גאָלדענע צייט, איך טרינק פאַר רודינס געזונט!

אַלע האָבן געקלאַפט לחיים מיט לעזשנעוון. באַסיסטאָוו האָט פון היץ שיִר נישט צובראָכן זיין גלאָז און האָט עס פאַר איין מאָל אויסגעליידיקט, און אַלעקסאַנדרא פאַוולאָוונאַ האָט געדריקט לעזשנעוון די האַנט.

— איך, מיכיילאָ מיכיילימש, — האָט פיגאַסאָוו באַמערקט: — האָב אייך גאָרנישט חושד געווען, אַז איר קאָנט אַזוי שיין ריידן. כאָטש פאַרגלייך אייך מיט ה׳ רודינען אַליין; אפילו מיך האָט עס גענומען.

— כ׳בין גאָרנישט אַזאַ שיינער ריידער, — האָט לעזשנעוו געענטפערט נישט אָן פאַרדרוס: — אייך, מיין איך, צו נעמען איז אַ קונץ, איבעריגנס, גענוג וועגן רודינען; לאָמיר ריידן מכח עפּעס אַנדערש... און וואָס.. ווי הייסט ער דאָרט?.. פאַנדאַלעווסקי וווינט נאָך אַלץ ביי דאַריאַ מיכיילאָוונאַ? — האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו באַסיסטאָוו.

— אוודאי, נאָך אַלץ ביי איר! זי האָט פאַר אים אויסגעזוכט אַ גוטע שטעלע.

לעזשנעוו האָט אַ לאַך-געטאָן.

— אָט דערדאָזיקער מענטש וועט נישט שטאַרבן פאַר הונגער, דערפאַר קאָן מאָן ערב זיין.

דער אָוונט־ברויט האָט זיך געענדיקט. די געסט זיינען זיך צוגאַנגען. בלייבנדיק אַליין מיט איר מאַן, האָט אַלעקסאַנדרא פּאַוולאָווגאַ אים אַ קוק געטאָן מיט אַ שמייכל און געזיכט אַריין.

— ווי גוט ביסטו היינט געווען, מישאַ, — האָט זי אַ מורמל געטאָן, צערטלענדיק אים מיט דער האַנט איבערן שטערן: — ווי קלוג און פיין האָסטו גערעדט! אָבער זיי זיך מודה, אַז דו האָסט צופיל שבחים געזאָגט אויף רודינס אַדרעס, אַקוראַט ווי פריער האָסטו צופיל גערעדט קעגן אים...

— אַ געפאַלענעם שלאָגט מען נישט... דאַמאָלס האָב איך מורא געהאַט, ער זאָל דיר דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען.

— ניין, — האָט אַלעקסאַנדרא פּאַוולאָווגאַ תמימותדיק געענטפערט: — ער האָט זיך מיר שטענדיק אויסגעוויזן פאַר צו געלערנט, כ'האָב פאַר אים מורא געהאַט און האָב נישט געוווסט וואָס צו ריידן אין זיין אַנוועזנהייט. אָבער פּיגאַסאָוו האָט היינט פון אים צופיל אָפּגעשפעט, נישט אמת?

— פּיגאַסאָוו? — האָט לעזשנעוו אַרויסגערעדט! — דערפאַר טאַקע האָב איך זיך אַזוי הייס אָנגענומען פאַר רודינען, ווייל פּיגאַסאָוו איז דאָ געווען. ער האָט אַן העזה אָנצורופן רודינען טעלער־לעקער! און לויט מיין מיינונג שפילט פּיגאַסאָוו אַ הונדערט־מאָל ערגערע ראָלע. פאַרמאָגט אַן אייגענע נחלה, פון אַלץ מאַכט ער חוזק און פונדעסטוועגן שלעפט ער זיך נאָך נאָך מפורסמדיקע און רייכע לייט! צי ווייסטו, אַז דער דאָזיקער פּיגאַסאָוו, וועלכער זידלט אַלץ און אַלעמען מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט און פאַלט אָן אויף דער פילאָזאָפיע, און אויף פרויען, — צי ווייסטו, אַז בעת ער האָט געדינט, האָט ער גענומען אין יד אַריין, און נאָך אויף וואָסער אופן! אָט אַזאַ מענטש איז ער!

— אין דער אמתן? — האָט אַלעקסאַנדרא פּאַוולאָווגאַ אויסגערופן. — דאָס האָב איך פון אים נישט דערוואַרט!..

— הער נאָר, מישאַ, — האָט זי צוגעגעבן שווייגנדיק אַ ווײַלע — וואָס כ'האָב ביי דיר געוואָלט פרעגן...

— וואָס?

— ווי מיינסטו? דער ברודער וועט זיין גליקלעך מיט נאטאליאן?

— וואס זאל איך דיר זאגן... מ׳קאן האפן... געוועלטיקן אין שטוב וועט זי — צווישן אונז איז נישטא וואס צו באהאלטן — זי איז קליגער פון אים; נאר ער איז א וווילער מענטש און האט זי ליב מיטן גאנצן הארצן. וואס דארף מען מער? אט האבן מיר דאך ביידע איינע די צווייטע ליב און זיינען גליקלעך, נישט אמת?

אלעקסאנדרא פאוולאוונא האט א שמייכל געטאן און א דריק־געטאן מיכיילאוונאס האנט.

אין דעמזעלבן טאג, בעת דאס אלץ, וואס מיר האבן דא דערציילט, איז פארגעקומען אין אלעקסאנדרא פאוולאוונאס הויז,— האט זיך אין איינער פון די ווייטע גובערניעס אין רוסלאנד איבערן טראקט, אין ברענעניש פון דער זון, געשלעפט אן ארעמע קיביטקע איבערגעדעקט מיט א ראגזשע און איינגעשפאנט מיט דריי דארפישע פערדלעך. אויף דער קאזלע, אנגעשפארט פון דער קרים מיט די פיס אן וואלעקל, איז געזעסן א גרייזגרויער פויער אין א לעכערדיקן ארמיאק, און האט געצויגן פאר די שטריק־לייצעס און געפאכט מיט א בייטשל; אין קיביטקע איז אויף א דארן טשעמאדאן געזעסן א מענטש פון הויכן וווקס, אין א היטל און אין אן אלטן פארשטויבטן פלאשטש. דאס איז געווען רודין. ער איז געזעסן דעם קאפ אראפגעזונקען און אראפגערוקט דעם דאשעק אויף די אויגן. די נישט־גלייכע שטויסן פון דער קיביטקע האבן אים געווארפן פון איין זייט אויפן אנדערן, ער איז געזעסן שטום און פארגליווערט, גלייך ווי ער וואלט געדרימלט. לסוף האט ער זיך אויסגעגלייכט.

— ווען וועלן מיר שוין דערפארן ביז דער סטאנציע? — האט ער געפרעגט דעם פויער, וועלכער איז געזעסן אויף דער קאזלע.

— אט, — האט דער פויער געענטפערט און האט נאך שטארקער א צי־געטאן די לייצעס: — אז מיר וועלן זיך ארויפשלאגן אויפן שפיץ־בארג, וועט בלייבן א ווארסט צוויי, נישט

מער... עי, דו! פֿאַרטראַכֿט זיך גאָר.. כ'וועל דיר ווייזן אַ פֿאַר־טראַכֿטן זיך, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ דין קולכל, שמייסנדיק דאָס פֿערדל פֿון רעכטס.

— דו פֿאָרסט, דאַכט זיך, זייער שלעכט, — האָט רודין באַמערקט: מיר שלעפּן זיך פֿון סאַמע פֿרימאָרגן און קאָנען בשום אופֿן נישט דערפֿאָרן. וואָלסט כאָטש עפּעס אַ זונג געטאָן.

— וואָס קאָן מען טאָן, האַרעלע! די פֿערד, זעט איר אַליין, זיינען אויסגעדאַרט, אויסגעמאַטערט... און ווידער די ברענעניש און זינגען קאָנען מיר נישט: מיר זיינען נישט קיין קוטשערס... באַראַן, אוי דו באַראַן! — האָט פּלוצלונג דער פֿויער אויסגערופֿן, ווענדנדיק זיך צו אַ פֿאַרבייגייער אין אַ טונקל־ברוינעם בגד און אין אויסגעטראָטענע לאַפּטשעס: — קער־אָפּ אין אַ זייט, דו באַראַן!

— קוקט נאָר אָן... שמייסער דו! — האָט אים נאָכגע־ברומט דער דורכגייער און איז שטיין געבליבן. — מאָסקווער געביין! — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ קול פֿון תּרעומות, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך ווייטער געשאַרט.

— וווהין גייסטו? — האָט אַ רוף־געטאָן דער פֿויער מיט הפסקות, אַ שמייך טוענדיק דאָס מיטלסטע פֿערד: — עי דו שעלמאַ! אַן אמתע שעלמאַ דאָס איז!..

די פֿאַרמאַטערטע פֿערדלעך האָבן זיך ווי עס איז דער־שלעפּט לסוף צום פּאָסט־הויף. רודין איז אַרויסגעקראָכן פֿון דער קיביטקע, האָט באַצאָלט דעם פֿויער (וועלכער האָט זיך פֿאַר אים נישט אַ נייג געטאָן און האָט לאַנג איבערגעוואָרפֿן דאָס געלט ביי זיך אויף דער האַנט־פֿלאַך — אַ סימן, אַז ווייניקלעך אויף אַ טרונק־בראָנפֿן) און האָט אַליין אַריינגעטראָגן דעם טשעמאָדאַן אין סטאַציע־חדר.

איינער פֿון מיינע באַקאַנטע, וואָס האָט שוין אין זיין לעבן פֿיל צוגעוואַנדערט איבער רוסלאַנד, האָט אַמאָל באַמערקט, אַז אויב אין דעם סטאַציע־חדר הענגען אויף די ווענט בילדער, וועלכע שטעלן פֿאָר סצענעס פֿונם „קאַווקאַזער געפֿאַנגענעם" אָדער פֿון רוסישע גענעראַלן, איז אַ סימן, אַז מ'קאָן דאָ שנעל

קריגן פערד; אָבער אויב אויף די בילדער איז פֿאָרגעשטעלט דאָס לעבן פֿונם באַוווסטן שפּילער זשאָרזש־דע־זשערמאַני, איז אַ סימן, אַז דער דורכפֿאָרער האָט נישט וואָס צו האָפֿן, אַז ער וועט שנעל פֿון דאָרט אָפּפֿאָרן. ס'וועט אים קלעקן צייט זיך אָנצוקוקן אויף דער פֿאַרדרייטער פריזור, אויפֿן ווייסן צושויבערטן זשילעט און אויף די זייער שמאָלע און קורצע פּאַנטאַלאָנען פֿונם שפּילער אין זיין יוגנט, אויף זיין פֿאַרביטערטע פֿיזיאָנאָמיע, בעת ער דערהרגט אַלטערהייט זיין זון, אויפֿהויבנדיק הויך אַ שטול, אין זיין שטיבעלע מיטן משופּעדיקן דאַך. אינם צימער, וווּהין רודין איז אַריינגעקומען, זיינען געהאַנגען דידאַזיקע ביל־דער, „פֿונם שפּילערס לעבן". אויף זיין רוף איז אַריינגעקומען דער אויפֿזעער, אַ שלעפֿעריקער (אגב: האָט ווער געזען אַן אויפֿזעער נישט קיין שלעפֿעריקן?) און, נישט וואַרטנדיק אפֿילו אויף רודינס פֿראַגע, האָט ער מיט אַ פֿלעגמאַטישן קול מודיע געווען, אַז קיין פֿערד זיינען נישטאָ.

— ווי קאָנט איר זאָגן, אַז קיין פֿערד זיינען נישטאָ, — האָט רודין געזאָגט: — אַז איר ווייסט אפֿילו נישט, וווּהין איך פֿאָר? אַהער בין איך געקומען צופֿאָרן מיט דאָרפֿשע פֿערד.

— מיר האָבן קיין פֿערד אין ערגיץ נישט, — האָט גע־ענטפֿערט דער אויפֿזעער. — וווּהין פֿאָרט איר?

— קיין ...סק.

—נישטאָ קיין פֿערד, – האָט דער אויפֿזעער איבערגעחזרט און איז אַרויס פֿון צימער.

רודין האָט זיך פֿאַרדראָסיק דערנענטערט צום פֿענסטער און אַ וואָרף געטאָן דאָס היטל אויפֿן טיש. ער האָט זיך נישט קיין סך געענדערט, נאָר ער איז די לעצטע צוויי יאָר געל גע־וואָרן; אין זיינע לאָקן האָבן שוין וווּ־ניט־ווו געגלאַנצט זילבערנע פֿעדים און זיינע אויגן, נאָך אַלץ פּרעכטיקע, זיינען ווי פֿינסטע־רער געוואָרן; קליינע קנייטשלעך, שפּורן פֿון ביטערע און אומ־רויִקע געפֿילן, האָבן זיך אויסגעלייגט אַרום די ליפּן, אויף די באַקן, אויף די שלייפֿן.

די בגדים אויף אים זיינען געווען אָפּגעטראָגן און אַלט

און קיין וועש האָט זיך אין ערגעץ נישט געזען. די צייט פון זיין בלײַבן איז שוין אַפּנים פאַרבײַ: ס׳איז אָנגעקומען, ווי די גערטנער זאָגן, די צייט, בעת עס וואַקסן שוין זיינע קערנדלעך.

ער האָט גענומען לייענען די אָנשריפטן, וואָס אויף די ווענט... אַ באַוווּסטער צייט-פאַרטרייב פון די זיך לאַנגווײַלנדע רייזנדער... מיטאַמאָל האָט די טיר אַ סקריפּע געטאָן און ס׳איז אַרײַנגעקומען דער אויפזעער.

— אין ...סק זיינען נישטאָ קיין פערד, און ס׳וועט נאָך לאַנג נישט זיין, — האָט ער גענומען ריידן: — אָבער אָט אין ...אָוו זיינען פאַראַן פערד, וואָס קערן זיך אום אַהין.

— אין ...אָוו? — האָט רודין געפרעגט. — אָבער אַנטשולדיקט! דאָס קומט דאָך נישט אויס אין מיין וועג. איך פאָר קיין פּענזאַ און ...אָוו ליגט, דוכט זיך, אין דער ריכטונג צו טאַמבאָוו.

— איז וואָס? וועט איר קאָנען פון טאַמבאָוו אָנקומען, ווען נישט וועט איר זיך קאָנען אויסקערעווען פון ...אָוו.

רודין האָט אַביסל אַ קלער-געטאָן.

— נו, זאָל זיין אַזוי, — האָט ער לסוף געזאָגט: — הייסט איינשפּאַנען די פערד. מיר איז אַלצאיינס; כ׳וועל פאָרן קיין טאַמבאָוו.

מ׳האָט שנעל דערלאַנגט די פערד. רודין האָט אַרויסגעטראָגן זיין טשעמאָדאַנטשיקל, איז אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן, געזעצט זיך און איינגענורעט זיך ווי פריער. אין זיין איינגעבויגענער פיגור איז געלעגן עפּעס הילפלאָזעס און אומעטיק-הכנעהדיקעס... די „טראָיקע" האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ נישט-אײַליקן גאַלאָפּ, צימבלענדיק אָפּגעהאַקט מיט די גלעקלעך.

עפּילאָג.

עס זיינען אַוועק נאָך עטלעכע יאָר.

ס'איז געווען אַ הערבסטיקער קאַלטער טאָג. צו דעם גאַניק פֿונם הויפּט-האָטעל אין דער גובערניע-שטאָט ס... איז צוגעפֿאָרן אַ בריטשקע. פֿון דער בריטשקע איז, לייכט זיך ציענדיק און אונטערקרעכצנדיק, אַראָפּגעשטיגן אַ הער, נאָך נישט קיין באַיאָרטער, אָבער וועלכער האָט שוין באַוויזן צו באַקומען אין אויבערשטן קערפּער-טייל יענע פֿולקייט, וואָס האָט אים צוגעגעבן אין אַלעמענס אויגן אַ בכּבֿודיק אויסזען. אַרויפֿגייענדיק איבער די טרעפּ אויפֿן צווייטן שטאָק, איז ער שטיין געבליבן ביים אַריינגאַנג אין אַ ברייטן קאָרידאָר. ער האָט קיינעם פֿאַר זיך ניט געזען און געבעטן אויף אַ הויכן קול מ'זאָל אים געבן אַ נומער. פֿון ערגעץ האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פֿון אַ טיר. פֿון הינטער נידריקע פֿאָרהענגער איז אַרויסגעשפּרונגען אַ לאַנגער לאַקיי און איז פֿיפּיק אַוועק פֿאָרויס אָנגעבויגן אָן אַ זייט, בלאַנקענדיק אין דער האַלב-פֿינסטערניש פֿון קאָרידאָר מיטן גלאַנצרטן רוקן און אונטערגעקאַשערטע אַרבל. אַריינגייענדיק אין נומער, האָט דער דורכפֿאָרער גלייך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם שינעל און האַלזטוך, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן דיוואַן און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די פֿויסטן אָן די קני, האָט ער תּחילת אַ בליק געטאָן אַרום, גלייך ווי פֿון שלאָף, נאָכדעם האָט ער געהייסן אַ רוף טאָן זיין דינער. דער לאַקיי האָט געמאַכט אַ פֿלינקע באַוועגונג און איז נעלם געוואָרן. דער דאָזיקער דורכפֿאָרער איז געווען נישט קיין אַנדער, ווי לעזשנעוו. צוליב אַ רעקרוטן-„נאַבאָר" איז ער געקומען פֿון דאָרף קין ס...

לעזשענעווס דינער, אַ לעבעדיקער יונג, מיט געקרייזטע האָר און רויטע באַקן, אין אַ גרויען שינעל, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ בלויען שנור, אין ווייכע וואָליקעס, איז אַרײַן אין צימער.

— אָט, ברודער, זיינען מיר דערפאָרן, — האָט לעזשנעוו ווייטער גערעדט: — און דו האָסט אַלץ בּורא געהאַט, טאָמער וועט אַראָפּפאַלן די שינע פון ראָד.

— דערפאָרן! — האָט דער דינער געענטפערט, באַמיענדיק זיך אַ שמייכל צו טאָן דורכן אויפגעשטעלטן קאָלנער פון שינעל: — פאַרוואָס איז טאַקע נישט אַראָפּגעפאַלן די שינע פונם ראָד?..

— קיינער איז דאָ נישטאָ? — האָט זיך דערהערט אַ שטים אין קאָרידאָר.

לעזשנעוו האָט אַ ציטער געטאָן און זיך גענומען צוהערן.

— עי! ווער איז דאָרט? — האָט די שטים איבערגעחזרט.

לעזשנעוו איז אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זי שנעל אויפגעמאַכט.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ מענטש פון הויכן וווקס, כמעט איינגעבויגן אַ גרויער און איינגעהויקערטער, אין אַן אַלטן פּלישע־נעם סורדוט מיט בראָנזענע קנעפּלעך. לעזשנעוו האָט אים גלייך דערקענט.

— רודין! — האָט ער אויסגעשריען מיט אויפרעגונג.

רודין האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַנאַנדערנעמען אין לעזשנעווס פנים־שטריכן, וועלכער איז גע־שטאַנען צום שיין מיטן רוקן, און ער האָט אויף אים געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג.

— איר דערקענט מיך נישט? — האָט לעזשנעוו גענומען ריידן.

— מיכײַלאָ מיכײַליטש! — האָט רודין אויסגערופן און אויסגעשטרעקט די האַנט; אָבער ער האָט זיך פאַרלוירן און זי געהאַט צוריקגעצויגן...

לעזשנעוו האָט זיך האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן פאַר איר מיט זיינע ביידע הענט.

— קומט, קומט אַרײַן צו מיר! — האָט ער געזאָגט צו

רודינען, און האָט אים אַריינגעפירט אין נומער.

— ווי איר האָט זיך געענדערט! — האָט לעזשנעוו אַרויסגערעדט, נאָכדעם ווי ער האָט אַוויילע געשוויגן און נישט-ווילנדיק נידעריק געמאַכט זיין שטים.

— יאָ, אַזוי זאָגט מען! — האָט רודין געענטפערט, בלאַנדזשענדיק מיטן בליק איבערן צימער, — יאָרן... און, זעט איר, איר גאָרנישט. וואָס מאַכט אַלעקסאַנדראַ... אייער פרוי?

— אַ דאַנק, — נישקשה. אָבער ווי אַזוי קומט איר אַהער?

— איך? ס'איז אַ סך צו דערציילן, אייגנטלעך, אַהער בין איך אַריין צופעליק. איך האָב געזוכט אַ באַקאַנטן. איבעריגנס, ס'פרייט מיך זייער...

— וווּ עסט איר מיטאָג?

— איך? כ'ווייס נישט. ווו-עס איז אין אַ טראַקטיר. איך מוז נאָך היינט אַוועקפאָרן פון דאַנען.

— איר מוזט?

רודין האָט באַדייטנד אַ שמייכל געטאָן.

— יאָ, איך מוז. מ'שיקט מיך אַוועק צו מיר אין דאָרף אויף וווינען דאָרט.

— איר וועט צוזאַמען מיט מיר מיטאָג עסן.

רודין האָט צום ערשטן מאָל אַ קוק געטאָן לעזשנעוון גלייך אין די אויגן אַריין.

— איר לייגט מיר פאָר כ'זאָל מיט אייך עסן מיטאָג? — האָט ער אַ זאָג-געטאָן.

— יאָ, רודין, ווי אַמאָל-אַמאָל, ווי חברים. איר ווילט? כ'האָב נישט גערעכנט אייך צו טרעפן, און גאָט ווייס, ווען מיר וועלן זיך ווידער זען. מיר וועלן זיך דאָך אַזוי נישט צעשיידן!

— גוט, כ'בין מסכים.

לעזשנעוו האָט אַ דריק געטאָן רודינען די האַנט, האָט אַ רוף געטאָן דעם דינער, באַשטעלט מיטאָג און געהייסן שטעלן אויף אייז אַ פלאַש שאַמפּאַניער.

אין משך פונם מיטאָג האָבן לעזשנעוו און רודין, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט, אַלץ געשמועסט וועגן זייערע סטודענטישע יאָרן, האָבן דערמאָנט אַ סך זאַכן און אַ סך מענטשן — טויטע און לעבעדיקע. פון אָנהייב האָט רודין גערעדט אָן חשק, אָבער ער האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך ווײַן און דאָס בלוט האָט זיך אין אים דערהיצט. לסוף האָט דער לאַקיי אַרויסגעטראָגן דאָס לעצטע געריכט. לעזשנעוו איז אויפגעשטאַנען, האָט פאַרשלאָסן די טיר און, אומקערנדיק זיך צום טיש, האָט ער זיך געזעצט פונקט אַנקעגן רודינען און האָט זיך שטיל אָנגעשפּאַרט מיטן קין אויף ביידע הענט.

— נו, איצט, — האָט ער אָנגעהויבן: — דערציילט מיר אַלצדינג, וואָס מיט אײַך האָט פּאַסירט פון יענער צײַט אָן, זינט כ'האָב אײַך נישט געזען.

רודין האָט אַ קוק געטאָן אויף לעזשנעוון.

— „גאָט מײַנער!" — האָט לעזשנעוו ווידער אַ קלערגעטאָן: — ווי ער האָט זיך געענדערט, דער אומגליקלעכער!

רודינס געזיכטס-שטריכן האָבן זיך ווייניק אומגעביטן, בפרט זינט דאַמאָלס, בעת מיר האָבן אים געזען אויף דער סטאַציע, כאָטש אויף זיי האָט זיך שוין באַוויזן צו לייגן דער חותם פון עלטער, וואָס נעענטערט זיך שוין און קומט; אָבער זייער אויסדריק איז געוואָרן אַן אַנדערער. זײַנע אויגן האָבן איצט אַנדערש געקוקט; אין זײַן גאַנץ וועזן, אין זײַנע באַוועגונגען, דאָ פּאַמעלעכע, דאָ אָן צוזאַמענהאַנג פלוצלונגע, אין זײַנע אָפּגעקעלטערטע, ווי דערשלאָגענע רייד, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ לחלוטנדיקע מידיקייט, אַ געהיימער שטילער צער, וואָס האָט זיך לגמרי אונטערשיידט פון יענעם האַלב-פאַרשטעלטן טרויער, מיט וועלכן ער פלעגט זיך אַמאָל איבערנעמען, ווי עס נעמט זיך בכלל מיט אים איבער דאָס יונגוואַרג, וואָס איז פול מיט האָפנונגען, גלויבן און אייגנליבע.

— דערציילן אײַך אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט? — האָט ער אָנגעהייבן ריידן. — אַלץ דערציילן קאָן מען נישט און עס לוינט נישט... אָנגעליטן האָב איך זיך פיל, נישט נאָר

מיין גוף איז געווען פאַרוואָגלט — מיין נשמה איז אויך געווען
נע־ונד. אין וואָס און אין וועמען האָב איך זיך נישט אַנטוישט,
גאָט מיינער! מיט וועמען האָב איך זיך שוין נישט געחברט!
יאָ, מיט וועמען! — האָט רודין איבערגעחזרט, באַמערקנדיק, אַז
לעזשנעוו האָט מיט אַ באַזונדער מיטלייד אים אַ קוק געטאָן
אין געזיכט אַריין. — וויפיל מאָל זיינען מיר מיינע אייגענע
ווערטער געוואָרן עקלהאַפט — איך רייד שוין נישט בעת זיי
פלעגן פון מיינע ליפּן אַראָפּגיין, נאָר אפילו בעת זיי פלעגן
שוין געזאָגט ווערן דורך אַנדערע, וואָס האָבן זיך אָן מיינע
מיינונגען געהאַלטן! וויפיל מאָל בין איך איבערגעגאַנגען פון
קינדישער תרעומות צו טעמפּער געפיללאָזיקייט פון אַ פערד,
וואָס באַוועגט שוין אפילו מיטן עק נישט, בעת מ׳שמייסט עס
מיט דער בייטש... וויפיל מאָל האָב איך זיך געפרייט, געהאָפט,
פיינט געהאַט און זיך בחנם דערנידעריקט! וויפיל מאָל בין איך
אַרויסגעפלויגן ווי אַ פאַלק — און האָב זיך אומגעקערט קריכנדיק,
ווי אַ ווערימל, וואָס מ׳האָט זיין מושעל צודריקט!.. ווו בין איך
נישט אויסגעווען, איבער וועלכע וועגן בין איך נישט געגאַנגען!..
און וועגן זיינען פאַראַן שמוציקע, — האָט רודין צוגעגעבן, און
האָט זיך אַביסל אָפּגעקערט. — איר ווייסט... — האָט ער ווייטער גערעדט...

— הערט נאָר — האָט אים לעזשנעוו איבערגעשלאָגן: —
מיר האָבן זיך אַמאָל איינע די אַנדערע גע„דו״צט... ווילסט?
לאָמיר באַנייען די אַלטע צייטן... לאָמיר אויסטרינקען אויף ד ו!

רודין האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, האָט זיך אויפגעהויבן,
און אין זיינע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס
קיין וואָרט איז נישט ביכולת אויסצודריקן.

— לאָמיר אויסטרינקען, — האָט ער געזאָגט: — אַ דאַנק
דיר, ברודער, לאָמיר אויסטרינקען!

לעזשנעוו און רודין האָבן אויסגעטרונקען צו באָקאַל.

— ד ו ווייסט, — האָט רודין ווידער אָנגעהייבן, מיט אַ
באַטאָנונג אויפן וואָרט „דו״ און מיט אַ שמייכל: — אין מיר
זיצט עפּעס אַ וואָרים, וועלכער נאָגט מיך און עסט, און ער

וועט מיך נישט צו־רו לאָזן ביזן סוף מיינעם. ער שטויסט מיך אָן אויף מענטשן – לכתחילה פאַלן זיי אונטער אונטער מיין השפעה, אָבער נאָכדעם...

רודין האָט אַ פיר־געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן.

— פון יענער צייט, זינט כ'האָב זיך צושיידט מיט אייך... מיט דיר, האָב איך אַ סך, אַ סך געזען און אויסגעפּרו־בירט... אַמאָל צוואַנציק האָב איך אָנגעהויבן לעבן אויף דאָס ניי – און אָט – זעסטו!

— קיין סבלנות האָסטו נישט פאַרמאָגט, — האָט לעזשנעוו אויסגערעדט ווי פאַר זיך.

— ווי דו זאָגסט, קיין סבלנות האָב איך נישט פאַר־מאָגט!.. בויען עפּעס האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט; און באמת, ס'איז טאַקע שווער, ברודער, צו בויען, בעת אונטער די פיס איז קיין באָדן נישטאָ, בעת דיר קומט־אויס צו באַשאַפן דיין אייגענעם פונדאַמענט! כ'וועל דיר נישט גיין מאָלן אַלע מיינע פּאַסירונגען, ס'הייסט, אייגנטלעך גערעדט, אַלע מיינע מפּלות. כ'וועל דיר דערציילן אַ צוויי־דריי פאַלן... יענע פאַלן פון מיין לעבן, בעת, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די הצלחה האָט שוין צו מיר געשמייכלט, אָדער ניין, בעת כ'האָב גענומען האָפן אויף הצלחה, – וואָס דיביידע זאַכן זיינען נישט גלייך איינע צו די אַנדערע...

רודין האָט אָפּגעוואָרפן אויף הינטן זיינע גרויע און שוין שיטערע האָר מיט דערזעלבער האַנט־באַוועגונג, מיט וועלכער ער פלעגט אַמאָל פאַרוואַרפן זיינע טונקעלע און געדיכטע לאָקן.

— נו, הער אויס, — האָט ער אָנגעהייבן. — אין מאָסקווע בין איך זיך צונויפגעגאַנגען מיט איינעם אַ הער, אַ גאַנץ משונה־דיקער. ער איז געווען זייער רייך און האָט פאַרמאָגט גרויסע גיטער; קיין שום פּאָסטן האָט ער נישט פאַרנומען. זיין גרעסטע און איינציקע ליידנשאַפט איז געווען די ליבע צו וויסנשאַפט, צו וויסנשאַפט בכלל. עד היום קאָן איך נישט משיג זיין, ווי אַזוי האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַזאַ ליידנשאַפט! געפּאַסט האָט עס צו אים ווי אַ זאָטל צו אַ קו. ער אַליין האָט זיך באַמיט

אויסצוווייזן ווי אַ גרויסער בעל־שכל, כאָטש ער האָט אפילו נישט געקאָנט כמעט ריידן און האָט בלויז געמאַכט העוויות מיט די אויגן און באַדייטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. כ'האָב נאָך, ברודער, נישט באַגעגנט אַזאַ פּוסטן אָרימען מענטשל... אין סמאָלענסקער גובערניע זיינען פאַראַן אַזעלכע ערטער — זאַמד און מער גאָרנישט, און בלויז זעלטן אַביסל גראָז, וואָס קיין באַשעפעניש וועט עס נישט וועלן עסן. קיין זאַך האָט זיך אים נישט איינ־געגעבן — אַלץ האָט זיך פון אים אַרויסגעמאַכט און אַוועק פון אים און ער האָט נאָך געהאַט אַ מאַניע, פון אַלעם לייכטן שווערס צו מאַכן. ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן אים און זיינע באַפעלן, וואָלטן ביי אים מענטשן געגעסן מיט די פּיאַטעס באמת. ער האָט געאַרבעט, געשריבן און געלייענט נישט מיד ווערנדיק. ער האָט געפלעגט די וויסנשאַפט מיט עפּעס אַן איינגעשפּאַרטער עקשנות, מיט גרויס סבלנות; אייגנליבע האָט ער געהאַט אַ גע־וואַלדיקע און אַ כאַראַקטער האָט ער פאַרמאָגט אַן אייזערנעם. ער האט געלעבט איינער אַליין און האָט געהאַט אַ שם פון אַן אויסטערלישן מענטשן. איך האָב זיך באַקענט מיט אים... נו, און בין אים געפעלן געוואָרן. כ'בין זיך מודה, כ'האָב אים גיך פאַר־שטאַנען; צוליב זיין אייפער האָט מיך גערירט. אגב, האָט ער פאַרמאָגט אַזעלכע געלט־מיטלען, מ'האָט דורך אים געקאָנט אַזוי פיל גוטס טאָן, אַזוי פיל אמתן נוץ ברענגען... כ'האָב זיך ביי אים באַזעצט און בין לסוף מיט אים אַוועקגעפאָרן אין זיין דאָרף.
—פלעגער האָב איך, ברודער, געהאַט ריזיקע: איך האָב געטרוימט וועגן אַלערליי תקונים, וועגן חידושים...

— ווי ביי לאַסונסקאַן, געדענקסט?—האָט לעזשנעוו באַמערקט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— ווי קומט'ס! דאָרט האָב איך געוווּסט, ביי זיך אין האַרצן, אַז פון מיינע ווערטער וועט גאָרנישט אַרויסקומען; און דאָ... דאָ האָט זיך פאַר מיר געעפנט גאָר אַן אַנדער פעלד... כ'האָב אָנ־געבראַכט מיט זיך אַ סך אַגראָנאָמישע ביכער... אמת, כ'האָב קיין איינציקס נישט איבערגעלייענט ביזן סוף... נו, און בין צוגעטראָטן צום עסק. לכתחילה האָט זיך עפּעס נישט געקלעבט, ווי איך האָב

דערוואַרט; אָבער באָכדעם איז ווי אַלץ צוועק אויף אַ דרך. מיין נייער פריינט האָט אַלץ צוגעשוויגן און זיך צוגעקוקט, ער האָט מיר נישט געשטערט, ס׳הייסט ביז אַ געוויסער מדרגה האָט ער מיר נישט געשטערט. ער האָט צוגענומען מיינע פאָרשלאָגן און זיי דערפילט, אָבער מיט עקשנות, האַרט, מיט געהיימער אומצו־טרויִלעכקייט, און אַלץ געבויגן אויף זיין זייט. ער האָט זייער טייער געהאַלטן יעדן געדאַנק זיינעם. ער פלעגט זיך אָנכאַפּן און האַלטן אָן אים מיט אָנשטרענגונג, ווי אַ משה־רבינוס־קיעלע אָן אַ גרעזל, וואָס זי זיצט־זיצט דערויף, גלייך ווי זי נעמט אַלץ פאַנאַנדער אירע פליגעלעך און אָט קלייבט זי זיך אַוועקפליען — און פלוצלונג שליידערט זי זיך אַראָפּ, און נעמט ווידער קריכן... זאָלן דיך נישט וווּנדערן דידאָזיקע אַלע פאַרגלייכונגען: נאָך דאַמאָלס האָבן זיי אין מיין נשמה אויפגעבראַזט, און אָט אַזוי האָב איך דורכגעמאַכט אַ יאָר צוויי. די עסקים זיינען געגאַנגען שלעכט, נישט קוקנדיק אויף אַלע מיינע זאָרגן. כ׳האָב גענומען מיד ווערן, מיין פריינט האָט מיר דערעסן, כ׳האָב אים גענומען שיטן מיט שטעך־ווערטער און ער האָט מיך געדריקט, גלייך ווי אַ פערענע; זיין אומצוטרויִלעכקייט איז איבערגעגאַנגען אין אַ טויבע בייזקייט, ס׳האָט אונז ביידן באַהערשט אַ געפיל פון אומפריינטשאַפט, מיר האָבן שוין נישט געקאָנט ריידן וועגן גאָרנישט; ער האָט בסתר, אָבער אָן אויפהער, זיך באַמיט מיר אויפצווייזן, אַז ער געפינט זיך נישט אונטער מיין השפעה, מיינע פאַראָרדנונגען זיינען שלעכט אויסגעטייטשט געוואָרן, אָדער זיינען לגמרי געוואָרן אָפּגעוואָרפן... איך האָב באַמערקט לסוף, אַז איך פאַרנעם ביי דעם הער גוטבאַזיצער אָן אָרט צו באַדינען אים אויפן געביט פון מח־איבונגען. עס האָט מיר באַנג געטאָן צו פאַרלירן בחנם צייט און כחות, ס׳האָט מיך געקרענקט, וואָס איך האָב זיך ווידער און ווידער אָפּגענאַרט אין מיינע האָפנונגען. איך האָב זייער גוט געוווּסט, וואָס איך האָב, אַוועקפאָרנדיק, פאַר־לוירן; אָבער איך האָב נישט געקאָנט איבער זיך געוועלטיקן. און איין טאָג, נאָך אַ שווערער און פאַרדראָסיקער סצענע, פון וועל־כער איך בין געוועזן אַן עדות און וועלכע האָט אַרויסגעוויזן מיין פריינט שוין פון אַ צו מאוסער זייט, — האָב איך זיך מיט

אים ענדגילטיק צוקריגט און בין אַוועקגעפֿאָרן, האָב אַוועקגעוואָרפֿן דעם פּריץ־פּעדאַנט, וועלכער איז געווען אויסגעקנאָטן פֿון מגושמדיק־גראָבן מעל, געמישט מיט דייטשישן סיראָפּ...

— ס'הייסט, האָסט אַוועקגעוואָרפֿן דאָס טעגלעכע שטיקל ברויט, — האָט לעזשנעוו געזאָגט און האָט אַנידערגעלייגט ביידע הענט אויף רודינס אַקסלען.

— יאָ, און האָב זיך ווידער דערשפּירט גרינג און הויל אין פּוסטן רוים, שוועב, וווהין דו ווילסט נאָר... עך לאָמיר טרינקען!

— לחיים! — האָט לעזשנעוו געזאָגט, האָט זיך אויפגעהויבן און אַ קוש געטאָן רודינען אין שטערן. — פֿאַר דיין געזונט און נאָך אָנדענקען פֿון פּאָקאָרסקין... אויך ער האָט געקאָנט בלייבן אַ קבצן.

— אָט האָסטו דיר דעם ערשטן נומער פֿון מיינע פּאַסירונגען, — האָט רודין, שווייגנדיק אַ ווייל, אָנגעהייבן — ריידן ווייטער, צי וואָס?

— דערצייל, כ'בעט דיך.

— עך! ס'ווילט זיך אַפֿילו נישט ריידן. כ'בין ברודער, מיד צו ריידן... נאָר, פֿונדעסטוועגן, זאָל זיין אַזוי. נאָך דעם, ווי איך האָב אומגעוואָגלט אין פֿאַרשיידענע ערטער... אגב, כ'וואָלט דיר געקאָנט דערציילן, ווי אַזוי כ'בין געהאַט געוואָרן סעקרעטאַר ביי איינעם אַ הויכגעשטעלטן באַאַמטן, אַ פֿיינער ערלעכער מאַן, און וואָס איז דערפֿון אַרויסגעקומען; אָבער דאָס וואָלט אונז פֿאַרפֿירט צו ווייט... נאָכדעם, ווי איך האָב אומגעוואָגלט אין פֿאַרשיידענע ערטער, האָב איך זיך אַנטשלאָסן צו ווערן לסוף... לאַך נישט, איך בעט דיך... אַ מענטש פֿון מעשים, אַ פּראַקטישער מענטש. האָט זיך געמאַכט אַזאַ מין פֿאַל: כ'האָב זיך באַקענט מיט איינעם... דו האָסט אפֿשר געהערט פֿון אים... מיט איינעם קורבייעוו... ניין?

— ניין, איך האָב נישט געהערט. אָבער, האָב קיין פֿאַראיבל נישט, רודין, ווי אַזוי האָסטו, מיט דיין שכל, זיך נישט אָנגעשטויסן, אַז דיין אַרבעט באַשטייט נישט אין דעם, צו זיין...

זײ מוחל פֿאַרן קאַלאַמבור... אַ מענטש פֿון אַרבעט, פֿון מעשים!
— איך ווײס, ברודער, אַז דאָס איז מיר אוממעגלעך; אָבער סוף־כּל־סוף, וואָס איז פֿאַר מיר יאָ מעגלעך? ווען דו וואָלסט געווען קורבײיעוו! זאָלסט נישט מײנען, איך בעט דיך, אַז ער איז געווען אַ װעלכער עס איז פּוסטער פּלוידערער. מ׳זאָגט, אַז איך בין אַמאָל געווען אַ פֿײנער דברן. אַנטקעגן אים בין איך ממש ווי גאָרנישט. אַ װוּנדערבאַר געלערנטער מענטש, אַ ווי־סנדער, אַ קאָפּ־מענטש, אַ שאַרפֿער בעל־מח, ברודער, אין די ענינים פֿון אינדוסטריע און מסחר. זײנע פּראָיעקטן זײנען גע־ווען זײער געוואַגטע, זײער אומגעריכטע, און זײ האָבן אין אים געבראָיזט. מיר האָבן זיך בײדע צוגעבונדן אײנער צום צווײטן און באַשלאָסן צו פֿאַרווענדן אונזערע כּחות אויף אײן נוצלעכע זאַך...
— אויף וואָסער זאַך, דערלויב מיר נאָר צו וויסן?
רודין האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.
— דו וועסט זיך פֿאַנאַנדערלאַכן.
— פֿאַרוואָס־זשע? ניין, איך וועל נישט לאַכן.
— מיר האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרוואַנדלען אײן טײך אין ק...ער גובערניע אין אַ שיף־וועג, — האָט רודין אַרויסגערעדט מיט אַן אומבאַקוועמען שמײכל.
— אַזוי גאָר! הײסט עס, אַז דערדאָזיקער קורבײעוו איז אַ קאַפּיטאַליסט?
— ער איז געווען אָרימער פֿון מיר, — האָט רודין גע־ענטפֿערט און האָט שטיל אַראָפּגעלאָזט דעם גרוי׳ען קאָפּ.
לעזשנעוו האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט, נאָר באַלד אויפֿ־געהערט און גענומען רודינען פֿאַר די האַנט.
— אַנטשולדיק מיך, ברודער, איך בעט דיך, — האָט ער גענומען רײדן: — אָבער דאָס האָב איך זיך בשום אופֿן נישט פֿאָרגעשטעלט. נו, וואָס, דידאָזיקע אונטערנעמונג איז געבליבן אויפֿן פּאַפּיר?
— נישט אינגאַנצן, דער אָנהײב פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג איז געווען. מיר האָבן געדונגען אַרבעטער... נו, און צוגעטראָטן

צו דער צרבעט. אָבער דאָ האָבן מיר זיך אָנגעטראָפֿן אויף בלערליי מניעות. ראשית האָבן די בעלי־בתּים פֿון די וואַסער־מילן בשום אופֿן נישט געוואָלט אונדז פֿאַרשטיין, און אַ חוץ דעם האָבן מיר נישט געקאָנט אַרבעטן מיטן וואַסער אָן אַ מאַשין, און צו קויפֿן אַ מאַשין האָט אונדז קיין געלט נישט גע־קלעקט. זעקס חדשים האָבן מיר געלעבט אין ערד־שטיבלעך. קורבייעוו האָט זיך דערנערט מיט טרוקענעם ברויט און איך האָב אויך נישט געגעסן צו דער זעט. איבעריקנס, איך האָב אויף דעם קיין חרטה נישט: די נאַטור איז דאָרט אַ הערלעכע. מיר האָבן געאַרבעט, געשמאַיעט, איינגערעדט די סוחרים, גע־שריבן בריוו, צירקולאַרן. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס איך האָב באַגראָבן מיין לעצטע פּרוטה אויף דעמדאָזיקן פּראָיעקט.

— נו! — האָט לעזשנעוו באַמערקט: — איך מיין, אַז ס'איז כּלל נישט שווער געווען צו פּטרן דיין לעצטע פּרוטה.

— נישט שווער, באמת.

רודין האָט אַ קוק געטאָן אין פענסטער.

— און דער פּראָיעקט איז געווען, ביי גאָט, נישט קיין שלעכטער און וואָלט געקאָנט ברענגען קאָלאָסאַלע נוצן.

— וווהין זשע איז אַהינגעקומען דערדאָזיקער קובריייעוו? — האָט לעזשנעוו געפֿרעגט.

— ער? ער איז איצט אין סיביר, ער האָט זיך גענומען צו גאָלד־געווערב. און וועסט זען, ער וועט זיך שאַפֿן אַ פֿאַר־מעגן, ער וועט נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

— אפֿשר; אָבער דו וועסט שוין אַוודאי קיין פֿאַרמעגן נישט מאַכן.

— איך? וואָס קאָן איך טאָן! איבעריקנס, איך ווייס: איך בין תּמיד געווען אין דיינע אויגן אַ פּוסטער מענטש.

— דו? גענוג, ברודער!... געווען אַ צייט, בעת, אמת, ס'האָבן זיך מיר אין די אויגן געוואָרפֿן נאָר דיינע שאָטנדיקע זייטן; אָבער איצט, גלויב מיר, כ'האָב זיך אויסגעלערנט דיך צו שעצן. דו וועסט זיך קיין פֿאַרמעגן נישט שאַפֿן... און איך האָב דיך ליב דערפֿאַר... האָב קיין פֿאַראיבל נישט!

רודין האָט שוואַך אַ לאַך־געטאָן.

— אין דער אמתן?

— איך זאָג דיך דערפֿאַר! — האָט לעזשנעוו איבערגע־
חזרט: — צי פֿאַרשטייסטו מיך?

ביידע האָבן אַביסל געשוויגן.

— וואָס, מיר וועלן איבערגיין צום דריטן נומער? — האָט רודין געפֿרעגט.

— זיי אַזוי פֿריינטלעך.

— ביטע. דער דריטער און לעצטער נומער. דעמדאָזיקן נומער האָב איך ערשט נישט לאַנג פֿאַרענדיקט. נאָר טאָמער איז דיר שוין געוואָרן לאַנגווייליק?

— רייד, רייד.

— אָט, זעסטו, — האָט רודין אָנגעהייבן: — איינמאָל אין אַ פֿרייער צייט בין איך געזעסן און געטראַכט... פֿרייע צייט האָב איך תּמיד געהאַט אַ סך... כ׳האָב זיך געקלערט: ידיעות פֿאַרמאָג איך אַסך, אַ ווילן צו טאָן גוטס האָב איך... הער נאָר, דו וועסט דאָך אויך נישט לייקענען, אַז איך האָב אַ פֿאַרלאַנג גוטס צו טאָן?

— אָן צווייפֿל!

— אויף אַלע אַנדערע פּונקטן בין איך מער־וויניקער דורכגעפֿאַלן... פֿאַרוואָס זאָל איך נישט ווערן קיין פּעדאַגאָג, אָדער, פּשוט גערעדט, אַ לערער... איידער צו לעבן אַזוי אומזיסט...

רודין האָט זיך אַ ווייל אָפּגעהאַקט און האָט אַ זיפֿץ געטאָן.

— איידער צו לעבן אומזיסט, איז דען נישט בעסער צו באַמיען זיך איבערגעבן אַנדערע, וואָס איך ווייס: אפֿשר וועלן זיי פֿון מיינע ידיעות אַרויסנעמען כאָטש אַ געוויסן נוץ. מיינע פֿעיִקייטן זיינען סוף־כּל־סוף גאַנץ ווי־לע, די שפּראַך באַהערש איך... און כ׳האָב זיך טאַקע אַנטשלאָסן צו ווידמען דעם דאָזיקן נייעם ענין. מיט גרויס זאָרג איז מיר געלונגען צו געפֿינען אַ לערער־שטעלע; פֿאַרנעמען זיך מיט פּריוואַטע לעקציעס האָב איך נישט געוואָלט; אין די נידעריקערע שולן האָב איך נישט

געהאַט וואָס צו טאָן. לסוף איז מיר געלונגען צו קריגן אַ לערער-שטעלע אין דער היגער גימנאַזיע.

— אַ לערער-שטעלע? פון וועלכן געגנשטאַנד? — האָט לעזשנעוו געפרעגט.

— פון רוסישער ליטעראַטור-לערע. כ'קאָן דיר זאָגן, אַז צו קיין זאַך האָב איך זיך נישט גענומען מיט אַזאַ היץ, ווי צו דעם. דער געדאַנק, אַז איך קאָן האָבן אַ השפעה אויף דאָס יונגוואַרג, האָט מיך באַגייסטערט. דריי וואָכן בין איך אָפּגעזעסן איבערן צונויפשטעלן די אַריינפיר-לעקציע.

— דו האָסט עס באַך?—האָט לעזשניעוו איבערגעשלאָגן.

— ניין: ס'איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען. זי איז אַרויסגעקומען נישט שלעכט און איז געפעלן געוואָרן. ווי איצטער זע איך די פּנימער פון מיינע צוהערער, — גוטע פּנימער, יונגע, מיטן אויסדרוק פון ריינער אויפמערקזאַמקייט, סימפּאַטיע און אַפילו איבערראַשונג — כ'בין אַרויף אויף דער קאַטעדער, האָב דורכגעלייענט מיין לעקציע ווי אין פיבער; כ'האָב געמיינט, אַז ס'וועט קלעקן נאָך מער ווי אויף אַ שעה, אָבער געענדיקט האָב איך זי אין צוואַנציק מינוט. דאָרט איז געזעסן דער אינספּעקטאָר — אַ טרוקענער זקן, אין זילבערנע ברילן און אין אַ קורצן פּאַריק, — פון צייט צו צייט האָט ער געגייגט זיין קאָפּ אין מיין זייט. בעת איך האָב געענדיקט און בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאַטעדער, האט ער מיר געזאָגט: „גוט, אָבער די ווערטער זיינען צו הויך, נישט קלאָר, און וועגן דער עצם-זאַך גופא איז קנאַפּ געזאָגט". אָבער די גימנאַזיסטן האָבן אויף מיר געקוקט מיט דרך-ארץ... אמת. דערין ליגט דאָך די טייערקייט פונם יונגוואַרג! די צווייטע לעקציע האָב איך געבראַכט אַן אָנגעשריבענע, און די דריטע אויך... נאָכדעם האָב איך אָנגעהייבן אימפּראָוויזירן.

— און האָסט געהאַט ערפאָלג? — האָט לעזשניעוו געפרעגט.

— כ'האָב געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. איך האָב איבערגעגעבן די צוהערער אַלצדינג, וואָס כ'האָב געהאַט אויף דער נשמה: צווישן זיי זיינען געווען אַ דריי-פיר יינגלעך באמת אויסגעצייכנטע;

די איבעריקע האָבן מיך שלעכט פֿאַרשטאַנען. איבעריגנס, מ׳דאַרף מודה זיין, אַז אַפילו יענע, וועלכע האָבן מיך פֿאַרשטאַנען, האָבן מיך אמאָל צומישט מיט זייערע שאלות. אָבער כ׳האָב זיך נישט גענומען צום האַרצן. ליב האָבן, האָבן מיך אַלע ליב געהאַט; אויף די רעפּעטיציעס פֿלעג איך אַלעמען שטעלן גוטע „באַלן”. נאָר דאָ האָט זיך קענען מיר אָנגעהייבן אַן אינטריגע... אָדער ניין! קיין שום אינטריגע איז נישט געווען; נאָר כ׳בין פּשוט צַריינגעפֿאַלן ניט אין מיין ספֿערע... איך האָב אַנדערע זשענירט און זיי האָבן מיך געקוועלט. איך האָב פֿאָרגעלייענט פֿאַר גימנאַזיסטן אויף אַזאַ אופֿן, וואָס נישט שטענדיק לייענט מען פֿאָר פֿאַר סטודענטן; מיינע צוהערער האָבן ווייניק אַרויסגעטראָגן פֿון מיינע לעקציעס... די פֿאַקטן האָב איך אַליין שלעכט געקענט. א חוץ דעם, האָט מיך נישט באַפֿרידיקט דער טעטיקייטס-קרייז, וואָס איז מיר באַשטימט געווען... דאָס איז שוין, ווי דו ווייסט, מיין שוואַכקייט, איך האָב חשק געהאַט צו גרינדלעכע רעפֿאָרמען, און, כ׳שווער דיר, דידאָזיקע רעפֿאָרמען זיינען געווען פּראַקטיש און לייכט-אויספֿירבאַרע. איך האָב געהאָפֿט זיי צו פֿאַרווירקלעכן דורכן דירעקטאָר, אַ גוטער און ערלעכער מענטש, אויף וועלכן איך האָב תחילת געהאַט אַ ווירקונג. זיין פֿרוי האָט מיר צוגעהאָלפֿן. כ׳האָב אין מיין לעבן, ברודער, ניט קיין סך אַזעלכע פֿרויען באַגעגנט. זי איז שוין אַלט געווען בײַ פֿערציק; אָבער זי האָט געגלויבט אין גוטס, האָט ליב געהאַט אַלעס שיינעס, ווי אַ פֿופֿצעניעריק מיידל, און האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן אַרויסצוזאָגן אירע איבערצייגונגען פֿאַר וועמען עס זאָל נישט זיין. איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן איר התלהבותדיקייט און נשמה-ריינקייט. לויט איר עצה האָב איך געהאַט אָנגעשריבן אַ פּלאַן... אָבער דאָ האָט מען מיך אונטערגעגראָבן און מ׳האָט מיך פֿאַר איר דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצט. באַזונדער האָט מיר קאַליע געמאַכט דער לערער פֿון מאַטעמאַטיק, אַ קליין מענטשל, אַ בייסיקער, אַ גאַליקער, וואָס האָט אין קיין זאַך נישט געגלויבט, פֿון פּיגאַסאָווס שניט, נאָר אַ מער פּראַקטישער פֿון אים... אגב, וואָס איז מיט פּיגאַ-

סאָוון, לעבט ער נאָך?

— ער לעבט און, שטעל זיך פאָר, ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שטאָטיש מיידל. מ'זאָגט, אַז זי גיט אים דעם קלאַפּ.

— רעכט אויף אים! נו, און וואָס מאַכט נאַטאַליאַ אַלעקסייעווגאַ? געזונט?

— יאָ.

— איז זי גליקלעך?

— יאָ.

רודין האָט אַ ווייל געשוויגן.

— מכּה וואָס האָב איך דאָ גערעדט... יאָ! וועגן לערער פון מאַטעמאַטיק. ער האָט מיך פיינט געקריגן; האָט פאַרגליכן מיינע לעקציעס צו פייערווערק, ער האָט אויפגעכאַפּט מיין יעדן נישט געגנוג קלאָרן אויסדרוק. איינמאָל האָט ער מיך אפילו באַזיגט אין אַ וכוח וועגן עפּעס אַ דענקמאָל פון XVI-יאָרהונדערט... און דער עיקר, ער האָט געקוקט מיט חשד אויף אַלץ, וואָס כ'זאָל נישט האָבן בדעה צו טאָן; מיין לעצטער זייפן-בלאָז האָט זיך אויף אים אָנגעשטויסן, ווי אויף אַ שפּילקע, און האָט געפּלאַצט. דער אינספּעקטאָר, מיט וועלכן כ'בין גלייך לכתחילה נישט געווען שווה בשווה, האָט קעגן מיך אויפגערייצט דעם דירעקטאָר; ס'איז געוואָרן אַ סצענע; איך האָב זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, האָב זיך אַביסל צוהיצט, די זאַך איז דערגאַנגען צו נאַטשאַלסטוואָ; כ'בין געצוווּנגען געווען אַרויסצוגיין אין דעמיסיע. דערמיט האָב איך זיך נישט באַנוגנט, איך האָב געוואָלט ווייזן, אַז מ'טאָר זיך מיט מיר אַזוי נישט באַגיין... אָבער, ווייזט-אויס, מ'האָט מיט מיר געקאָנט טאָן, וואָס מ'האָט געוואָלט... איצט מוז איך אַרויספאָרן פון דאַנען.

ס'איז געוואָרן אַ שטילקייט. ביידע פריינט זיינען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

רודין האָט דער ערשטער אָנגעהייבן ריידן.

— יאָ, ברודער, — האָט ער אָנגעהייבן: — איצט קאָן איך זאָגן צוזאַמען מיט קאָלצאָוון: „צו וואָס האָסטו, יוגנט מיינע,

מיך דערפירט, צוגעדריקט, אַז כ׳האָב שוין נישט ווו אַ טריט צו שטעלן״... און אין דער אמתן, צי בין איך טאַקע צו קיין זאַך נישט פעיק געווען, צי דען איז טאַקע פאַר מיר נישטאָ אויף דער ערד קיין אָרט? אַ סך מאָל האָב איך זיך געשטעלט דידאָזיקע פראַגע, און ווי איך האָב זיך נישט באַמיט צו דערנידעריקן זיך אין מיינע אייגענע אויגן, האָב איך דאָך נישט געקאָנט פילן אין זיך אַזעלכע כחות, וואָס נישט יעדער מענטש איז דערצו זוכה! פאַרוואָס-זשע זאָלן דידאָזיקע כחות גיין לאיבוד? און נאָך אַ זאַך: געדענקסט, ווען מיר זיינען ביידע געווען אין אויסלאַנד, בין איך דאַמאָלס געווען אַ מאמין אין זיך און אַביסל ליגנעריש... אמת, כ׳האָב דאַמאָלס קלאָר נישט געוווסט, וואָס איך האָב פאַרלאַנגט, כ׳האָב זיך פאַרשכורט מיט ווערטער און געגלויבט אין געשפּענסטער; אָבער איצט, שווער איך דיר, קאָן איך אַרויסזאָגן הויך אויפן קול פאַר אַלעמען אַלץ, וואָס איך פאַרלאַנג. איך האָב לחלוטין נישט וואָס צו פאַרבאָרגן: כ׳בין דורכויס, אין פולן זין פון וואָרט, אַ מענטש מיט גוטע כוונות; כ׳גיב זיך אונטער, כ׳וויל זיך צופּאַסן צו די תנאים, כ׳וויל אַ קלייניקייט, כ׳וויל דערגרייכן אַ נאָנטן ציל, ברענגען כאָטש אַ בישטיקן נוצן. ניין! עס געלינגט מיר נישט! וואָס זאָל עס הייסן? וואָס שטערט מיך צו לעבן און טעטיק זיין, ווי אַנדערע?.. נאָר וועגן דעם חלום איך איצטער. אָבער קוים באַוויז איך נאָר צו קומען צו אַ געוויסן מצב, זיך אָפּשטעלן אויף אַ געוויסן פונקט, אַזוי שליידערט מיך גלייך אָפּ פון אים מיין גורל... כ׳האָב גענומען מורא האָבן פאַר אים — פאַר מיין גורל. . פאַרוואָס איז עס אַלץ אַזוי? באַשייד מיר דאָסדאָזיקע רעטעניש!

-- דאָס רעטעניש! — האָט לעזשנעוו איבערגעחזרט. — יאָ, דאָס איז אמת. אויך אין מיינע אויגן ביסטו תמיד געווען אַ רעטעניש. אפילו אין אונזערע יוגנט-יאָרן, בעת, פלעגט טרעפן, נאָך עפּעס אַ קליינלעכער תנועהלע, פלעגנסטו פלוצלונג אַזוי נעמען ריידן, אַז דאָס האַרץ פלעגט אַ ציטער טאָן, און נאָכ-דעם פלעגסטו אויף ס׳ניי אָנהייבן... נו, דו פאַרשטייסט, וואָס איך וויל זאָגן. אפילו דאַמאָלס האָב איך דיך נישט פאַר-

שטאַנען: דערפאַר טאַקע האָב איך דיך אויפגעהערט ליב צו האָבן... כחות פאַרמאָגסטו אַזוי פיל, דיין שטרעבונג צום אידעאַל איז אַזוי אומדערמידלעך...

— ווערטער! הוילע ווערטער! קיין מעשים זיינען נישט געווען! — האָט רודין איבערגעריסן.

— קיין מעשים זיינען נישט געווען! וועלכע מעשים...

— וועלכע מעשים? מפרנס זיין מיט אייגענע מי און אַרבעט אַ בלינדע באָבע און איר גאַנץ הויזגעזינד, ווי דו געדענקסט, פריאַזשענצעוו... דאָס איז מעשים.

— יאָ; אָבער אַ גוט וואָרט איז אויך — מעשים.

רודין האָט שווייגנדיק אַ קוק געטאָן אויף לעזשנעוון און שטיל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

לעזשנעוו האָט געהאַט געוואָלט עפּעס זאָגן און האָט אַדורכגעפירט מיט דער האַנט איבערן געזיכט.

— אַלזאָ, פאָרסטו אין דאָרף? — האָט ער לסוף געפרעגט.

— אין דאָרף.

— צי דען האָסטו נאָך אַ דאָרף?

— דאָרט איז נאָך עפּעס געבליבן. אַ דריטהאַלבן נפשות. פאַראַן דאָרט אַ ווינקל, וווּ צו שטאַרבן. דו קלערסט מסתמא אין דער רגע: „אפילו דאָכמאָל איז ער ניט יוצא אָן אַ פראַזע!" די פראַזע, אמת, האָט מיך אומגעבראַכט; זי האָט מיר די כחות אויפגעפרעסן, און ביזן סוף האָב איך פון איר נישט געקאָנט פטור ווערן. אָבער דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, איז נישט קיין פראַזע. ס'זיינען ניט קיין פראַזע, ברודער, אָט דיזאָזיקע ווייסע האָר, דיזאָזיקע קנייטשן; דיזאָזיקע צוריסענע און צופליקטע עלנבויגנס — ס'איז נישט קיין פראַזע. דו ביסט שטענדיק געווען שטרענג צו מיר, און ביסט געווען גערעכט; אָבער נישט איצט איז די צייט מיך דן צו זיין לכף חובה, בעת אַלץ איז שוין געענדיקט, און אין לאַמפּאַדע איז שוין קיין בוימאייל נישטאָ, און די לאַמפּאַדע גופא איז צובראָכן, און נאָך איין ווייל און דאָס קנייטל וועט פאַרלאָשן ווערן... דער טויט, ברודער, וועט מיר לסוף ברענגען פריד...

לעזשנעוו איז אויפגעשפרונגען.

— רודין! – האָט ער אויסגערופן: — פאַרוואָס רעדסטו צו מיר אַזוי? מיט וואָס האָב איך דאָס ביי דיר פאַרדינט? וואָס בין איך עס פאַר אַ שופט, און וואָס פאַר אַ מענטש וואָלט איך געווען, וואָס זעענדיק דיינע איינגעפאַלענע באַקן און קנייטשן, וואָלט מיר געקומען אויפן זינען דאָס וואָרט: פראַזע? ווילסט וויסן, וואָס איך קלער וועגן דיר? ביטע! איך קלער: אָט אַ מענטש... מיט זיינע פעיִקייטן, וואָס וואָלט ער נישט געקאָנט דערגרייכן, וועלכע „עולם-הזהב" וואָלטן איצט אין זיינע הענט נישט געווען, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט!.. און איך באַגעגן אים אַ הונגעריקן, אָן אַ מקלט...

— איך וועק אויף דיין רחמנות, – האָט רודין אַרויסגעמורמלט מיט אַ פאַרשטומטן קול.

— ניין, ביסט זיך טועה. דו וועקסט אויף אין מיר אַ געפיל פון אַכטונג – אָט וואָס. ווער האָט דיך געשטערט צו פאַרברענגען דיינע יאָרן ביי דעמדאָזיקן פריץ, דיין פריינט, וואָס, כ'בין זיכער, אויב דו וואָלסט נאָר וועלן זיך צו אים אונטערלעקן, וואָלט דיין מצב פאַרבעסערט? פאַרוואָס האָסטו נישט געקאָנט זיך איינלעבן אין גימנאַזיע, פאַרוואָס, — משונהדיקער מענטש! — מיט וואָס פאַר אַ כוונות דו ביסט נישט צוגעטראָטן צו אַ וועלכן ס'איז ענין, האָסטו יעדעס מאָל אים געענדיקט אַזוי, אַז דו האָסט מקריב געווען דיין אייגענע פערזענלעכע טובה? האָסט נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען אין שלעכטן באָדן, ווי פעט ער זאָל נישט זיין?

— כ'בין געבוירן געוואָרן צו זיין אַ נודד, – האָט רודין צוגעגעבן מיט אַ טרויעריקן שמייכל. — איך קאָן נישט שטיין בלייבן אויף אַן אָרט.

— דאָס איז אמת; אָבער נישט צוליב דעם קאָנסטו זיך נישט אָפּשטעלן, ווייל אין דיר זיצט אַ וואָרים, ווי דו האָסט מיר תהילת געזאָגט... נישט קיין וואָרים זיצט אין דיר, נישט קיין גייסט פון פוסטער אומרויִקייט, — אַ פייער פון ליבע צום אמת ברענט אין דיר און, ווי ס'שיינט, נישט קוקנדיק אויף אַלע

דיינע צאַנקערייען, ברענט ער אין דיר שטאַרקער, איידער אין אַנדערע, וואָס האַלטן זיך אפילו נישט פאַר עגאָיסטן, און דיך רופן זיי, אפשר, אינטריגאַנט. יאָ, איך וואָלט אויף דיין אָרט שוין לאַנג געצוווּנגען שטיל צו בלייבן אין זיך דעמדאָזיקן וואָרים און וואָלט שלום געוואָרן מיט אַלץ. און אין דיר איז אפילו קיין גאַל נישט צוגעקומען און, כ'בין זיכער, דו ביסט נאָך היינט אפילו, אָט תיכף-ומיד, גרייט צו נעמען זיך ווידער פאַר נייע מעשים, ווי אַ יינגלינג.

— ניין, ברודער, כ'בין אָצינד מיד, — האָט רודין געזאָגט. — גענוג פאַר מיר.

— מיד! אַן אַנדערער וואָלט שוין לאַנג געשטאָרבן. דו זאָגסט, דער טויט ברענגט פריד; און דאָס לעבן, מיינסטו, ברענגט קיין פריד ניט? ווער ס'האָט געלעבט אויף דער וועלט און איז נישט געוואָרן מילד צו אַנדערע, יענער איז אַליין ניט ווערט קיין מילדקייט. און ווער איז עס דער מענטש, וואָס קאָן זאָגן, אַז ער האָט זיך נישט גענויטיקט אין מילדקייט? דו האָסט געטאָן, וואָס דו האָסט געקאָנט, האָסט זיך געראַנגלט אַזוי לאַנג, ווי דו האָסט געקאָנט... און וואָס נאָך? אונזערע וועגן זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען...

— דו, ברודער, ביסט להלוטין אַן אַנדער מענטש, ניט ווי איך, — האָט רודין איבערגעשלאָגן מיט אַ זיפץ.

— אונזערע וועגן זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, — האָט לעזשנעוו ווייטער גערעדט: — אפשר נאָר צוליב דעם, וואָס אַ דאַנק מיין עשירות, קאַלטבלוטיקייט און אַנדערע מזלדיקע אומשטענדן, האָט מיך קיין זאַך נישט געשטערט צו זיצן פוסט און פאַס און זיין אַ צושויער, מיט פאַרלייגטע הענט; און דו האָסט געמוזט אַרויסגיין אין דער ברייטער וועלט, פאַרקאַשערן די אַרבל, זיך מיען און אַרבעטן. אונזערע וועגן זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען... אָבער זע אַ בליק ווי נאָענט מיר זיינען איינער צום אַנדערן. מיר ריידן דאָך כמעט אויף איין שפּראַך, איין רמז איז דאָך גענוג מיר זאָלן איינע די צווייטע פאַרשטיין; מיט איין און די זעלבע געפילן זיינען מיר אויסגעוואַקסן. ווי-

יקע דאָך פֿון אונז זיינען נאָך געבליבן, ברודער; מיר זיינען
דאָך ביידע די לעצטע מאָהיקאַנער! מיר האָבן זיך געקאָנט פֿאַ-
נאַנדערגיין, אפילו פיינט האָבן איינע די אַנדערע אין די אַמאָ-
ליקע יאָרן, בעת אַ שטיק לעבן איז נאָך געבליבן פֿאָרויס; אָבער
איצט, בעת אונזער עולם ווערט שיטערער אַרום אונז, בעת די
ייע דורות גייען דורך פֿאַרביי אונז נישט צו אונזערע צילן,
דאַרפֿן מיר זיך שטאַרק האַלטן איינער אָן אַנדערן. לאָמיר צו-
קלאַפּן לחיים, ברודער, און לאָמיר אַ נעם-טאָן ווי אַמאָל, אַמאָל:
Gaudeamus igitur!
די פריינט האָבן געטרונקען לחיים, צוקלאַפּנדיק מיט די
גלעזער, און האָבן געזונגען מיט רירנדיקע און נישט-ריכטיקע
טענער, מיט אמת רוסישע שטימען, דאָס אַלטע סטודענטן-ליד.
— אָט פֿאָרסטו איצט אין דאָרף, — האָט לעזשנעוו ווידער
גענומען ריידן. — איך גלויב נישט, דו זאָלסט דאָרט לאַנג פֿאַר-
זוימען זיך, און כ׳קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן, מיט וואָס, ווו און ווי
אַזוי וועסטו ענדיקן... אָבער געדענק: וואָס מיט דיר זאָל נישט
טרעפֿן, איז פֿאַר דיר שטענדיק פֿאַראַן אַ פּלאַץ, האָסט אַ נעסט,
ווו דו קאָנסט זיך באַהאַלטן. דאָס איז מיין הויז... הערסטו,
אַלטיטשקער צווישן די מענטשן פֿון גייסט זיינען אויך פֿאַראַן אינוואַ-
לידן: ס׳איז נויטיק זיי זאָלן אויך האָבן אַ היים.
רודין איז אויפגעשטאַנען.
— אַ דאַנק דיר, ברודער, — האָט ער ווייטער גערעדט.—
אַ דאַנק! כ׳וועל דיר דאָס נישט פֿאַרגעסן. אָבער כ׳בין נישט
ווערט צו האָבן אַ היים. כ׳האָב קאַליע געמאַכט מיין לעבן, און
האָב נישט געדינט דער אידעע ווי עס געהער צו זיין.
— שווייג! — האָט לעזשנעוו ווייטער גערעדט. — איט-
לעכער בלייבט אַזוי, ווי די נאַטור האָט אים געמאַכט, און
פֿאָדערן פֿון אים מער טאָר מען נישט! דו האָסט זיך אָנגערופֿן
„דער אייביקער ייִד”... און פֿון וואַנען ווייסטו, אפשר דאַרפֿסטו
טאַקע אייביק וואַנדערן, אפשר דערפילסטו דערמיט אַ העכערע,
פֿאַר דיר אַליין אומבאַוווסטע מיסיע, ניט בחנם זאָגט דער
פֿאָלקס-שכל, אַז גאָטס אויג וואַכט איבער אַלץ. — דו פֿאָרסט? —

האָט לעזשנעוו ווייטער געזאָגט, זעענדיק, אַז רודין האָט זיך גענומען פֿאַרן הימל. — ווּעסט נישט פֿאַרבלייבן אויף געכטיקן?

— איך פֿאָר! לעב־וויל. אַ דאַנק... נאָר מיין סוף וועט זיין נישט קיין גוטער.

— גאָט ווייס עס... האָסט באמת באַשלאָסן צו פֿאָרן?

— איך פֿאָר. זיי געזונט. דערמאָן מיך נישט צום שלעכטן,

— נו, דערמאָן אויך מיך ניט צום שלעכטן... און פֿאַרגעס ניט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. לעבט־וויל...

די פֿריינט האָבן זיך אַרומגענומען. רודין איז שנעל אַרויסגעגאַנגען.

לעזשנעוו איז לאַנג אומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן חדר, האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן פֿענסטער, געקלערט אַ ווייל, אַרויסגעמורמלט אין דער שטיל: „אומגליקלעכער!" און זעצנדיק זיך ביים טיש, האָט ער גענומען שרייבן אַ בריוו צו זיין פֿרוי.

אין דרויסן האָט זיך אַ ווינט צעבלאָזן, האָט שרעקלעך געיאָמערט און בייז און צאָרניק געקלאַפּט אין די קלינגענדיקע שויבן. ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ לאַנגע הערבסטיקע נאַכט. וויל איז יענעם, וואָס זיצט אין אַזעלכע נעכט אונטער אַ דאַך, וועלכער פֿאַרמאָגט אַ וואַרים ווינקל... זאָל דער בורא זיין אַ שוץ פֿאַר אַלע היימלאָזע וואָגלער!

אין אַ ברענענדיקן מיטן־טאָג פֿון 26 יולי 1848 יאָר, אין פּאַריז, בעת די מרידה פֿון די „נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטן" איז שוין כמעט געווען דערשטיקט, אין איינעם פֿון די ענגע געסלעך אין פֿאָרשטאָט פֿונם הייליקן אַ נ ט אָ נ י, האָט איין באַטאַליאָן פֿונם רעגירונגס־מיליטער איינגענומען אַ באַריקאַדע. עטלעכע האַרמאַטן־שאָסן האָבן זי שוין צעקלאַפּט; אירע פֿאַרטיידיקער, וועלכע זיינען נאָך לעבן געבליבן, האָבן זי פֿאַרלאָזט און געקלערט נאָר ווי אַזוי זיך אַליין צו ראַטעווען. דאַן האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אויף דעם סאַמע שפּיץ פֿון דער באַריקאַדע,

אויף אַ צושעדיקטן קאַסטן פון אַן אומגעוואָרפֿענעם אָמניבוס, אַ הויך־געוויקסיקער מענטש אין אַן אַלטן סורדוט, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רויטן שאַרף און אין אַ שטרוי'ענעם הוט אויף די גרויע צושויבערטע האָר. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רויטע פֿאָן, אין דער צווייטער — אַ קרומע און טעמפּע שווערד, און האָט עפּעס געשריען מיט אַן אָנגעשטרענגטן, דינעם קול, קלע־טערנדיק אַלץ העכער און פֿאָכנדיק מיט דער פֿאָן און מיט דער שווערד. — איינער פֿון די שיסער האָט אין אים געצילט — און אויסגעשאָסן... דער הויכער מענטש האָט אַרויסגעלאָזן די פֿאָן און איז, ווי אַ זאַק, אַ פֿאַל געטאָן מיטן פּנים אַראָפּ, גלייך ווי ער וואָלט זיך פֿאַר עמיצנס פֿיס אַ נייג־געטאָן... די קויל האָט אים דורכגעלעכערט דאָס סאַמע האַרץ.

— Tiens! — האָט געזאָגט איינער פֿון די אַנטלויפֿנדע מורדים צום אַנדערן: — on vient de tuer le Polonais.*)

— Bigre!**) — האָט יענער געענטפֿערט, און ביידע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ קעלער פֿון אַ הויז, וואָס אַלע זיינע לאָדנס זיינען געווען פֿאַרהאַקט און די ווענט זיינען געווען בונט פֿון ביקסן־און קאַנאָנען־קוילן.

דערדאָזיקער „Polonais“ איז געווען — דמיטרי רודין.

1885

---

*) מ'האָט נאָר־וואָס דערהרגעט דעם פּאָליאַק.

**) צום טייוול!